STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06315

GEZAMELTE SHRIFTEN

Yitzhak Dov Berkowitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ד. בערקאָוויטש.

געזאַמעלטע שריפטען.

מאַריאַשקע.
גיטנוטע.
אונעדקעס.
פייוזקעס יום־הדין.
ביי די קראַנקע.
ודוי.
דער בריעף.
אין דער פרעמד.
דער גרינער.
אָהן לשון.
שמיץ.
מישאל.
דער מושלם.
מפטיר.
דער כח פון פאַנטאַזיע.
דער לעצטער.

פערלאג „השחר."

וואַרשא, תר"ע.

מאַשינען-זאַץ-דרוקעריי פון נ. ראָזענפעלד, פאַנסקא 20.

שלום־עליכם'ן

צו זיין פינפאונצוואנציגיעהריגען יובילעאום

געווידמעט.

I.

מאַריאַשקע.

מאַריאַשקע.

I.

מאַריאַשקע, אַ שען שוואַרץ־הנ׳עוודיג מיידעל, דיענט אין דאָרף ביי אַ רייכען יודען מרדכי זאַק. ביי מרדכי זאַק איז אַ גרויסע, אַלטע שטוב מיט גרויסע, לעדיגע חדרים. הינטער דער שטוב ציהט זיך אַ לאַנגער הויף מיט אַלטע שטאַלען און מיט שייערען, געדעקטע מיט אַלטע שטרויענע דעכער, שוואַרצע, פערוואַקסענע מיט מאָך. אַמאָל, אין די גוטע טומעלדיגע יאָהרען, האָט אין דער דאָזיגער שטוב גערוישט און געקאָכט די „שפע". שכור׳ע גוים פלעגען בעלעגערען די לאַנגע, נאַסע טישען און בענק מיט געשרייען און מיט אַ ליאַרם און מיט אַ דאָרפישען גערודער, עס פלעגען ציטערען די שויבען און קלינגען די פלעשער מיט די גלעזער. די שכורים פלעגען שרייען מיט הייזעריגע קולות, זיך רייסען אויף די העלזער און מאַכען מיט די קולאַקעס אויף די געזונדטע, גראָבע, קאַלטבלוטיגע מוידען, וואָס האָבען געדיענט ביי מרדכי זאַק אין שענק. יענע יאָהרען האָט מען געברויכט אין שטוב געזונדטע, גראָבע, קאַלטבלוטיגע מוידען. איצט אָבער האָט מען פון שטוב אויסגערוימט די פעסער מיט די לאַנגע טישען מיט דעם ריח פון בראָנפען, עס איז געוואָרען גרוים און לעדיג אין אַלע ווינקלען, עס האָבען זיך בעוויזען מעבעל, געצאַצקעט געפעס, בליך־לאָמפען, שפיעגלען. און מרדכים ווייב מוז צוקוקען און שווייגען, וואָס מאַריאַשקע איז אַ מיידעל אַ גרויסהאַלטערקע, אַ יחסנ׳טע, און האָט אַ טבע אין אַ פרייער מינוט זיך אַוועקשטעלען ביי׳ם שפיעגעל און קעמען איהר געדיכטען, שוואַרצען צאָפּ.

אין די הייסע, ליכטיגע זומער-טעג טראגט ארוים מאריאשקע אויפ'ן גאניק א זודיגען, קאכעדיגען סאמאוואר, און די בעלי-בתים געהען ארוים טרינקען טהיי אינ'ם לופטיגען שאטען פון שטוב. אלע טהירען פון די גרויסע, ליכטיגע הדרים זענען אפען פראנק און פריי, עס באקט די זון פון דעם בריטען, העל-בלויען הימעל, און די דארפישע הייזלעך זעהען אוים אין שטילקייט און אין היץ פערווארפענע, אויף הפקר פערלאזענע פון גאט און פון מענשען.

אין טהיר בעווייזט זיך דער בעל-הבית, מרדכי זאק אליין, איין עלטערער יוד מיט איין אויסגעווייקט, פויל פנים, וועלכער איז די לעצטע יאהרען נאך דער גזרה געווארען א יוד א חלוש און האט שטארק אנגעהויבען צו האלטען פון וואוילטאג. דאס קומט ער אן פון שלאף-צימער אין א צעקנייטשט קלאר ווייס העמד, סמארעט דערביי איבער דער פאדלאגע מיט זיינע לייכטע נגיד'ישע שיכלעך. צום טיש זעצט ער זיך פאוואלי, מיט יסורים, האלט זיך אן איהם בעת-מעשה מיט ביידע הענד, האפט א קוק ארום זיך, — און דאס אלץ געהט ביי איהם צו שווער און פויל און אהן השק, פונקט ווי עס געפעלט איהם ניט די גאנצע מעשה און ער טהוט עס עמיצען א טובה, וואס ער האט זיך מטריח געווען און אוועקגעזעצט זיך ביים קאכעדיגען סאמאוואר, ביי די ריינע בלישטשענדיגע גלעזער און ביי דער גרויסער פולער פושקע מיט צוקער. ער נעמט פון מאריאשקעס הענד דאס גלאז טהיי, זופט אב א ביסעל, שטעלט אוועק דאס גלאז אויפ'ן טיש, דערביי קרעכצט ער און הויבט אויף צום הימעל א פאר פערטריבטע, מידע, גלעזערנע אויגען.

— מאריאשע! וואו איז זי, הא? געה גיב דארטען א קוק — עס איז נאך געבליבען א ביסעל געפרעגעלטע קארשען? טפו, פאסקודנע! פע-ע!...

ביים טיש זיצט אויך זיין ווייב, כמעט נאך א יונגע פרוי, א הויכע, מיט איין אומעטיג שווייגענדיג פנים. זי ארבייט שטיל א זאק. דער טהיי ווערד קאלט פאר איהר, און זי זיצט איינגעבויגען, פערטיעפט, און גיך-גיך טאנצען ביי איהר די שפיצלעך צווישען די פינגער. די עלטערע קינדער זענען אוועקגעגאנגען אין פעלד אכטונג געבען אויף דער ארבייט, די יונגלעך האבען זיך בעפרייט פונ'ם לעהרער, ערגעץ באלד פערשוואונדען געווארען, און פון ווייטען, פון אונטער דער אלטער בריק, וואס שטעהט הויך איבער'ן טייך, רייסען זיך מאדנע פערשטיקטע קולות, עס דערגעהט פון דארטען א ווילדער טומעלדיגער הילך, פונקט ווי עס הארעווען גאנצע קאמפאניעס בעגייסטערטע מענשען, מע לעגט אוועק דאס לעבען עפיס

אויף אַ שווערע אונמענשליכע אַרבייט און מע טרייבט איינם דאָס אַנדערע האַלז און נאַקען...

מאַריאַשקע האָט שוין בעוואָהרענט איהרע בעלי-בתים מיט אַ סאַמאָוואַר; איצט זיצט זי אַקעגען זיי אויף דעם גאַניק אַ פרייע, אַ פער'חלומ'טע, מיט פערריסענע אויגען אין דער לופטען. אַרום און אַרום איז שאַ-שטיל, פערדרימעלט און היים. עס ציהען זיך פעלדער, גרינע, ברייטע, ווייטע, פערגאָסענע מיט ליכט, און עס בלענדט אין די אויגען קוקענדיג אויף זיי. אַקעגען זעהט זיך דער דאָרפישער טייך, אַ שטילער, אַ שטראַהלענדיגער, אַ גלאַטער ווי אַ שפיגעל. עפּיס אַ בּאָרוועסע שיקסע, שטעהענדיג איינע אַליין אויפ'ן זאַמדיגען ברעג, האָט פערקאַטשעט דאָס קורצע קליידעל איהרס, אָבגעדעקט אַ דיקען ווייסען פוס, אָנגעבויגען זיך צום וואַסער און געבליבען אין אַזאַ פּאָזע נישט-גערירט — פונקט ווי זי וואָלט געהאַפט די רעכטע מינוט, בשעת קיינער זעהט זי נישט, און צוליעב איינענער הנאה גענומען בעטראַכטען איהר אייגען נאַקעט לייב, וואָס איז אַזוי געזונד און פריש און ווייס... צייטענווייז דערגעהט צום אויער אַ ווייטער אָבקלאַנג פון אַ פליוך אין וואַסער — און עס ציטערט אַ רגע די לופט אויף די שטילע גרינע פעלדער.

פון אונטער דער בריק פליהען פלוצים אַרויס צוויי בּאָרוועסע יונגלעך, געיאָגט איינס פונ'ם צווייטען. דער עלטערער, אַ פערפּאָלגטער, לויפט מיט אַ גרויסען נאַסען שטעקען, אַרומגעדרעהט מיט נאַסע טריפּענדע וואַסער-פלאַנצונגען, און דער יונגערער, מיט אַ רויט פערשוויצט אומגליקליך פּנים, יאָגט איהם נאָך אָהן איין אָטעם. אין רעכטען ברען צעשפּילעט זיך ביי איהם פון הינטען דער שפּענצער, נאָר דאָס קימערט איהם ווייניג-וואָס. ער פליהט ווי אַ רוח און שרייט פערצווייפעלט:

— גיב אָב דעם שטעקען, מאָפּס! דעם שטע—עקען!...

— אַ קריינק, צוציק, אַ קריי—איינק!... האָ-האָ-האָ!

באַלד דרעהען זיך ביידע אויס און ווערען ווייטער פערשוואונדען אונטער דער בריק, און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם הערט זיך נאָך אַ ווילדער טומלדיגער הילך פון פערשטיקטע קולות, און עס דאַכט זיך, אַז גאַנצע קאָמפּאַניעס בעגייסטערטע מענשען לעגען דאָרטען אַוועק דאָס לעבען אויף אַ שווערע אונמענשליכע אַרבייט.

דענסטמאָל דרעהט זיך אויס מרדכי זאַק מיט'ן קאָפּ צו די אָפענע טהירען פון שטוב, קוקט זיך איין פאָרזיכטיג אין די גרויסע ליידיגע חדרים און נעמט בורטשען שטיל און ברוגז, ווי צו זיך אַליין:

— הם... נו-נו... פיין... זע—עהר פיין! אַ פיי—נער תכלית!

מאריאשקע האפט זיך אויף פון איהרע חלומות, קוקט אויפ'ן בעל-הבית פערדעכטיג און ווארט אויף עפיס.

— א פיי—נער תכלית... גאנצע טעג אונטער דער בריק! געמאכט פון זיי גומעלאזיסטען, סטודענטניקעס, הולטייעס... חודש אין חודש פערציג זילבערנע קארבען רבי-געלד. פאר וואס? פאר ווען? פאר וואסערע מעשים טובים? ער זאל ביי מיר, הייסט עס, זיצען אין אל דאס גוטס, אין א בעזונדערען חדר, א פריץ אהן א היטעל, און קוקען גאנצע טעג אין זיינע מעטארעס. פיין, זע—עהר פיין... כלומר'שט געגעבען איין עפען פאר זיי די שמאטעמאטיקע, געהייסען אבבורטשען צוויי ווערטער — און פארטיג! טפו...

שפייען שפייט אויס דער בעל-הבית מיט א כיון דורך די אפענע טהירען אין דער גרויסער ליידיגער שטוב אריין. א סימן, אז דאס האט ער דערביי אין זינען דעם, וואס זיצט דארטען ערגיץ אין א בעזונדערען חדר און קוקט אין זיינע מעטארעס.

— יא, יא! — שעפטשעט די בעל-הבית'טע גיפטיג און נעמט גישט אראב די אויגען פון די שפיזולעך, וואס טאנצען ביי איהר גיך-גיך צווישען די פינגער. — ער האט נאך טענות! אליין האט ער אראבגעבראכט די מציאה — א כלל, ס'איז עפיס א קלייניגקייט? ער האט געקראגען מיר א שטערען-זעהער... א צאצקע! וואס זאל א זעלכער אנדערש טהון? עסען, אהן עין-הרע, עסט ער, מילך דרייצעהן גלעזער א טאג...

דא, ווי באלד מרדכי דערזעהט, אז דאס ווייב מישט זיך אריין אהין, וואו מען בעט זי נישט, קאן ער זיך שוין ניט איינהאלטען און קאן שוין ניט פערשווייגען. שטעלט ער אן אויף איהר א פאר שטומע אויגען, קוקט אויף איהר א רגע ווי א גזלן, ביי וועמען דאס לשון האט אבגענומען. דער דאזיגער שטומער קוק און דאס דאזיגע שווייגען בעווייזען קלאר, אז פאר גרויס וואונדער איז ער ערשטוינט און קאן דאס מויל ניט עפענען. און פלוצים שיסט ער אויס:

— בהמה!

און דרעהט זיך אויס צו איהר מיט דער פלייצע און האפט זיך צו צום גלאז טהיי מיט א רעש און מיט א פעראכטונג, און טרינקט און שמאצקעט דערביי דעם צוקער מיט א רציחה צווישען די ליפען, אין וועלכער עס קלינגט דייטליך א הילכיגער פראטעסט.

— שע—נע יאהרען דערלעבט... זי וויל מיך לערנען! בהמה! ביי דער מויד, וואס זיצט אט אנטקעגען, פרעג איך עפיס עצות? הא? פונקט אזוי פרעג איך ביי דיר! טפו!...

און עס ווערד שטיל ביים טיש. די בעל-הבית'טע הויקערט זיך איין, גיט זיך אונטער, בויגט אן דעם קאפ און לאזט אראב די אויגען טיעפער צו דער ארבייט. דער בעל-הבית זופט דעם טהיי. דורך די ענערגישע זופען ווערד דער טהיי ביי איהם אין גלאז אליין ווינציגער און ווינציגער, און צוזאמען מיט דעם טהיי, דאכט זיך, ווערד אויך ווינציגער און שוואכער זיין גאנצער כעס. און אז מאריאשקע הויבט זיך אויף פון באנק און געהט איבער פארזיכטיג און וויך אין שטוב אריין, שרייט ער איהר נאך פון הינטען:

— מאריאשקע! וואו איז זי, הא? גיב דארטען א רוף דעם לעהרער טרינקען טהיי. זאג איהם: דער בעל-הבית רופט!

אין א ווייל ארום געהט ארויס דער לעהרער לעווינסאן, א הויכער בחור מיט א בלייך, וויים געזיכט און מיט גרויסע בלויע אויגען. איין באק מיט איין אויער זענען ביי איהם אנגעלעגען און צעפאסעוועט אין רויטע פאסען. אין האנד האלט ער א פערמאכט בוך מיט איין אריינגעשטעקטען פינגער צווישען די בלעטער. די האר לאנגע, הוואליעדיגע, צעווארפענע, און אויף זיי איז אומגעלומפערט, פון יוצא וועגען, ארויפגעהאפט א קאפעליוש. שטעהענדיג אויף דער שוועל, קוקט זיך דער לעהרער ארום אויף די בעלי-בתים ווי א פרעמדער, ווי א מענש, וועלכען מע האט אראבגעבראכט פון אנ'אנדער וועלט און עס לוינט איהם נישט דער גאנצער עסק. נאר דער בעל-הבית נעמט איהם אויף גאנץ פריינדליך, מיט א ליכטיג פנים, האלב געשמייכעלט, האלב גע'מוסר'ט:

— אט אזוי, אט אזוי, קומט אקארשט אהער! ווי שווער ס'איז אייך אבצורייסען פון אייערע געשעפטען דארטען, הע—הע... נישקשה, זעצט זיך, וועט איהר טרינקען טהיי, די מעטאדע וועט ניט אנטלויפען... איך האב מיט א כיון טאקי געהייסען דער מויד — מאריאשע, גיב א שטוהל! — זי זאל אייך, הייסט עס, מפסיק זיין אין רעכטען מיטען געדיכטע, הע—הע... איך פרעג אייך טאקי: וואו, א שטייגער, שטעהט עס געשריבען דער דין, אז מע מוז זיצען א גאנצען טאג איבער די ביכער? א ג א נ צ ע ן טאג?.. מע איז דאך א מענש, מע דארף דאך עפיס א טראכט טהון אמאל... איך מיין, הייסט עס, האטש א גלאז טהיי אויסטרינקען!

לעווינסאן ענטפערט נישט. און אז די בעל-הבית'טע גיט אויף איהם ביז א קוק פון איהר ארבייט, שטויסט ער זיך א ביסעל, וואס מע האט געמיינט מיט די ווערטער. ער גיסט זיך אן א גלאז טהיי און שהויגט, בלאזט אין גלאז אנגע'ברוגז'ט און שווייגט. דער טהיי איז זודיג, שטופט ער אב דאס גלאז פון זיך, עפענט אויף דאס בוך און קוקט

און שטעהט אַלץ אויף איין שורה, און מיט דעם בעווייזט ער קלאָר און דייטליך, אַז ניט דער טהיי און ניט דעם בעל-הבית'ס קלוגע שטראָפרייד און ניט דער בעל-הבית'טעס בייזער קוק וועלען איהם שוין נישט אַראָבפיהרען פון זיין וועג, וועלכען ער האָט אויסגעקליבען פאַר זיך אין לעבען.

ערשט נאָכדעם, אַז ער קומט צום געדאַנק, אַז די אַלע, וואָס זיצען אַרום איהם, זענען נישט קיין מענשען, הויבט ער אויף פאַמעליך, בגנבה, די אויגען און האַפט אַ קוק אויף מאַריאַשקע'ס שוואַרץ-הנ'עוודיג שען פנים. מאַריאַשקע דערפיהלט אויף זיך די גרויסע בלויע אויגען, הויבט איהר אָן צו פלאַמען דאָס פנים און עס ווערד איהר פלוצים שווער, מאָדנע שווער, צו זיצען אויף דער באַנק. אינגאַנצען אַ פערשולדיגטע, מיט אַ פערשעמט געטריי פנים, דרעהט זי זיך אויף איהר אָרט, פלייסט זיך אַלץ זיצען רוהיג, נישט קוקען דעם לעהרער אין די אויגען, נאָר קוקען אויף דאָס אויבערשטע קנעפעל פון זיין רעקעל. און זי צווינגט זיך זעלבסט אַוועקצוּוואַרפען אַלע געדאַנקען און נאָר בעטראַכטען די לאַגע פון דעם דאָזיגען קנעפעל. זי טראַכט: ערשטענס, איז דאָס קנעפעל צו גרויס; צווייטענס, איז עס אָבגעריסען און האַלט זיך מיט נסים אויף צוויי פעדימלעך; דריטענס, דאַרף מען היינט ביי-נאַכט נעמען אַ נאָדעל-פאָדים און איינניהען דאָס קנעפעל, כדי עס זאָל זיך האַלטען שטייף-שטייף... ביים לעצטען געדאַנק ווערד איהר מיט אַמאָל מאָדנע וואַרים טיעף אין האַרצען, עס שווימען פלוצים אַרויף אַנדערע געדאַנקען, גאָט ווייסט פון וואַנען זיי האָבען זיך ביי איהר גענומען היינטיגען זומער! דאָס קנעפעל ווערד פערשוואונדען און פערגעסען. און אין מיטען דעריגען ווערד מאַריאַשקע אונרוהיג, וואָס ביי איהר איז אַזוינע רויטע פערהאָרעוועטע העֶנד. זי הויבט אָן זוכען איין אָרט, וואו צו בעהאַלטען זיי. זי פרובט לעגען די הענד אויפ'ן שויס, לאָזט אַראָב דערביי די אויגען און בעטראַכט זיי — און דאָ גיט זי זיך אַ הויב פון באַנק מאָדנע געשווינד, איהר פנים ווערד רויט ווי פייער, און זי ווערד פערשוואונדען אין די גרויסע ליידיגע חדרים פון שטוב.

אין דערזעלבער צייט נעמט דער בעל-הבית איבערבעטען דעם לעהרער מיט גוטע ווייכע רייד. ער הויבט אויף די אויגען, גיט אַ קוק אויפ'ן הימעל און זאָגט:

— איהר ווייסט, פאַני לעווינסאָן? איך האַלט, אַז סע יועט זיין אין גיכען אַ רעגען. אַי וואָס, דער לוח שרייבט.... זאָג איך אייך בפירוש, אַז דאָס וואָס דער לוח שרייבט איז בלאָטע ביי מיר! איך טענה דאָך מיין זאַך: ווער מאַכט דעם לוח? אַ יודעל, אַ וואַרשעווער יודעל! גוטע

הולטייַעס... וואָס ווייסט אַ יודעל? אַ יודעל ווייסט מעהר ניט, ווי אַרויסצובעקומען די פּאָר גראָשען... וואָס, ניט ריכטיג אפשר?

און דער בעל־הבית קוקט אויפ'ן לעהרער אַזוי היטרע, מיט אַזאַ ניפּטיג שעלמיש שמייכעלע, פּונקט ווי דער לעהרער אַליין וואָלט עס געמאַכט דעם לוח.

— אַקעגען וואָס זאָג איך עס? איך זאָג עס טאַקי אַקעגען דעם, וואָס איצט איז אַ מחיה צו באָדען זיך... אַיין אַנטיק אין דער וועלט! איך מיין, הייסט עס, פאַרוואָס זאָלט איהר טאַקי ניט געהן אַמאָל מיט די קינדער זיך אויסבאָדען? שטענדיג מיט די ביכער!... אייִדער צו לאָזען זיי שטיפּען אונטער'ן בריק, איז שוין אַ סך גלייַכער צו געהן מיט זיי זיך באָדען. געזונדטער אַודאי! איך מיין טאַקי פאַר אייך, פון אַייער טובה וועגען... וואָרום רבנים וועט פון זיי אונטער'ן בריק ניט אויסוואַקסען. אָהאָ! אַז זיי זאָלען זייַן אַזעלכע קענער ווי איהר, פאַני לעווינסאָן, דאַרפען זיי נאָך אַ סך פינפאונצוואַנציגער אָבקאָסטען, הע־הע... וואָס, זיי האָבען שוין הייַנט אויסגעלערענט די גאַנצע מעטאָדע? טאַקי די גאַנצע, ביז'ן טאָוועל?...

דער לעהרער לעווינסאָן, וואָס האָט געזעהן ווי זייַנע אויגען האָבען געווירקט אויף דאָס שוואַרץ־הנ'עוודיגע מיידעל, ווערד מיט אַמאָל ווייך און גוטהערציג און איז גרייט אַלץ אַריבערלאָזען און אַלץ מוחל זייַן. ווי אַ גליקליכער בעזאָרגטער מענש, וואָס ווייסט, אַז דאָס גליק וואַרט שוין אויף איהם און ער וועט עס קיינמאָל ניט פערשפּעטיגען, ווענדט ער זיך צום בעל־הבית מיט אַ ליכטיג ענערגיש פּנים און נעמט איהם ערקלערען דעם גאַנצען ענין רוהיג און פעסט און נישט געאַילט:

— איהר פערשטעהט, מאָסיע זאַק, די פּעדאַגאָגען שרייַבען.... עס איז דאָ אויף דער וועלט צווישען אַלע איבעריגע חכמות אַזאַ סאָרט חכמה, וואָס מע רופט עס „פּעדאַגאָגיק“, און עס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט אַ סך געבילדעטע מענשען, וואָס גיבען זיך אָב דערמיט. איהר פערשטעהט, מאָסיע זאַק, אַז איינער וויל ווערען אַנ'אֶמת'ער פּעדאַגאָג, גרייכען צו אַזאַ מדרגה, מוז ער קודם כל ענדיגען אוניווערזיטעט. דאָס הייסט: פריהער פון אַלץ בעדאַרף מען דורכגעהן אַכט קלאַסען גימנאַזיע, דערנאָך ערשט געהט מען דורך פינף קורסען אוניווערזיטעט, וואו מע הערט לעקציעס פון די גרעסטע פּראָפעסאָרען, און אָט אַזוי ווערד מען אַ פּעדאַגאָג און מע שרייַבט ביכער וועגען קינדער־ערציהונג. איך אַליין, מאָסיע זאַק, האָב איבערגעלייענט אַ סך אַזעלכע ביכער און בין געקומען צום געדאַנק, איין מאָל פאַר אַלע מאָל....

דער לעהרער רעדט אַ סך און קלאָר און מיט גרויס פערשטאַנד. אין דערזועלבער צייט ווייסט ער, אַז ערגיץ אין אַ ווינקעל פון דער גרויסער לייידיגער שטוב וואַרט אויף איהם איצט דאָס שוואַרץ־הנ׳עוודיגע מיידעל, טראַכט וועגען איהם, בענקט נאָך איהם, הערט זיך צו צו זיין קול אייץ אויפגערעגטע, אַ געטרייע, און איז אינגאַנצען זיינע... לעווינסאָן לאָזט זיך אַריין אין אַ לאַנגען שמועס, זיצט רוהיג אַקעגען דעם בעל־הבית און ציהט אָב די ערוואַרטענע זיסע מינוטען.

מרדכי זאַק האָט משונה הנאה פון אַזאַ איידעלען שמועס. עס געפעלט איהם שטאַרק, וואָס ער האַלט פאַר זיינע קינדער אַזאַ פערשטענדיגען לעהרער און וואָס דערזועלבער לעהרער רופט איהם „מאָסיע זאַק“. פיהלענדיג, אַז מע שמועסט דאָ וועגען איידעלע מאַטעריע, נעמט ער אין האַנד זיין באָרד און בעטראַכט איהם, און עס געפעלט איהם שטאַרק אויך דאָס, וואָס דער דאָזיגער באָרד איז טאַקי זיין אייגענער באָרד.

— הערסט דו! — מאַכט ער מיט אַ ליכטיג פנים, — וואָס זאָג איך? אָט דאָס טענה איך דאָך, אַז היינטיגע צייטען איז דיר קיין קאַטאָוועס ניט: אַמאָל זענען מיר אויך געוועזען יונגלעך, נאָר ווער האָט אַמאָל געוואוסט פון גראַמאַטיקע? היינט אָבער, ווי נאָר פון די וויקעלעך — איז שוין באַלד פילאָזאָפיע מיט דקדוק מיט „השבון“ מיט מעשיות. אמת, דאָס קאָסט טאַקי אָב דער שוואַרץ־יאָהר מיט געלד...

די בעל־הבית׳טע שוויגט מיט איין אָנגעלאָדען פנים. עס דאַכט זיך אויס, אַז פערטיפענדיג די אויגען אין דער אַרבייט און מאַכענדיג די זאַק מיט אַ שווייגענדיג פערשטיינערט פנים, וועבט זי שטיל ביי זיך אין האַרצען אַ טיעפע, בעהאַלטענע שנאה צו דער גאַנצער וועלט און צו די מענשען, וואָס זיצען אַרום איהר און בעמערקען זי ניט.

עס געהט פאַרביי נעבען שטוב איין אַלטער פויער, אַ באָרוויסער, מיט אַ נאַקעטע האַרץ, מיט איין אַראָבגעלאָזט לייווענטען העמד איבער די הויזען. ער טראָגט אַ פאַר עמער אויף די אַקסלען און געהט צום ברונען אָנשעפען וואַסער. הינטער איהם שלעפט זיך נאָך אַ פוילער, אַ פערהלש׳טער הונד, לאָזט זיך איבער דער גאַס אין דער קרים און שטעקט אויס צום אָנגעגליהטען זאַמד אַ רויטע פייכטע ציטעריגע צונג. דער פויער שטעלט זיך אָב נעבען גאַניק, קראַצט זיך אין דער פאַטילניצע, נעמט אַרויס זיין ליולקע, שטאָפט אין איהר לאַנגזאַם דעם מאַכאָרקע־טאַבאַק, פערדויכערט פאַוואָלי, פיפקעט, קוקט אַ לאַנגע צייט פערטראַכט אויף דאָס דינע בלוילינע רויכעל, אויפ׳ן הימעל, און שפייעט, און לאָזט זיך אַריין אין אַ שמועס וועגען דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפען מיט יוכים קיר־

נאָסעס קליאַטשע. אַך, טאַטע אין הימעל! אַט דאָס איז אַ לא־יוצלה, אויף וועמען גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסען! מיט אַ חודש צוריק איז ביי איהם געשטאָרבען זיין טעכטערעל, אַ כלה פאַר דער חופה, און היינט — נעמט די קליאַטשע זיינע, אַ געזונדטע, אַ פרישע, און פאַלט אַנידער און מאַכט מיט די זייטען און פגר׳ט אַוועק! און אָט זיצט איצטער די יוכימיכע אויף דער שוועל פון איהר שטיבעל און יאָמערט אויף איהר אומגליק...

עס איז שטיל און היים. פונ׳ם אַלטען פויער׳ס ליולקע קייקלען זיך אַרויס רוהיג, געלאַסען, בלויע געגרייזעלטע קנוילען רויך, דרעהען זיך אין לופטען און ווערען פערשוואונדען אונטער דעם שטילען שטראַהלענדיגען הימעל. ערגיץ אַרום דאַך פון שטוב, ניט וויט פון גאַניק, פליהט אַרום אַ פליעג, דרעהט זיך איינע אַליין אין דער שטילקייט, און זשומעט, און זשומעט אָהן איין אויפהער; און ווייל עס איז שטיל, און ווייל אַלע פנימ׳ער זענען פערטראַכט, דאַכט זיך אויס, אַז דאָס טראַכטען אַלע וועגען דער עלענדער פליעג, אַז דאָס הערען זיך אַלע צו וואָס זי זשומעט. דער שמועס וועגען יוכימ׳ס אומגליק וואַרפט אויף אַלעמען אָן אַ שטילע טרויער. אויפ׳ן פויער׳ס פנים, איין אַלט ערדפאַרביג בעוואַקסען פנים, ליעגט עפּיס אַ מין בעהאַרצטקייט, זיינע פערזאָרגטע אויגען קוקען אין דער וועלט אַריין ווי פערוואונדערט, פרעגענדיג, און אין זיין גאַנץ אויסזעהן איז פאַראַן עפּיס אַ שטייפקייט, אַ האַרטקייט, ווי ביי אַ געזונדטע אַלטען מענשען, וואָס איז אין זיין לאַנג לעבען צו אַלץ געפּרובט געוואָרען. דער הונד, אַ צעטראָגענער פון היץ, לויפט אום פּאַוואָלי איבער׳ן הויף מיט אַראָבגעלאָזטע אויערען, שנאָרכט עפּיס און זוכט, געהט אונטער צום גאַניק פערטיעפט אין זיינע אייגענע הינדטישע געדאַנקען, רוקט אַריין דעם קאָפּ לעווינסאָנ׳ען צווישען די קניה און סאָפּעט... דענסטמאָל שטעהט לעווינסאָן אויף פון טיש, נעמט מיט דאָס בוך און געהט אַוועק אין שטוב; געהענדיג עפענט ער אויף דאָס בוך, קוקט אין דעם אַריין מיט איין ערנסט פנים און זוכט עפּיס, און טייטעלט מיט אַ פינגער. דאָס אַלעס זעהט אויס פונקט, ווי עס האָט איהם אין מיטען דערינגען אָנגעהויבען אַרען עפּיס זעהר אַ האַרבע קשיא, און ער מוז זי אומגעזאַמט אויספאָרשען און מאַכען צורעכט. ביי זיך אין צימער טרעפט ער מאַריאַשקען אַ גרייטע מיט אַ בעזים אין האַנד. זי קוקט אויף איהם אויפגערעגט און שמייכעלט. נעמט ער זי אַרום, פיהרט זי נאָך זיך און זעצט זיך אַנידער מיט איהר ביי זיך אויפ׳ן בעטעל.

— לאָזט מיך, כ׳לעבען... — שעפּטשעט דאָס מיידעל און ווערד שטאַרק רויט. — נו, כ׳לעבען, וואָס ווילט איהר? אָט קומט מען אָן...

— זאל מען קומען! פאר וועמען האב איך מורא? איך טהו דען אן־עולה? עס מעג קומען די גאנצע וועלט און זעהן, אז איך האב דיך ליעב! אוי, ביזט דו, מאריאשקעלע, א נארעלע, א נארעלע...

דער לעהרער רעדט דעם מיידעל צום הארצען, טרייסט זי, בעט זי איין מיט ווייכע גוטע ווערטער, גלעט איהר מיט זיינע לאנגע ווייסע פינגער די אקסלען, די האר. זיין גלעטען, פונקט ווי זיינע ווערטער, איז פארזיכטיג און צארט און ווארים, און אין דעם איז פאראן אזוינס, וואס טראגט אן א ווארימען שוידער אויף דאס מיידעל. הערענדיג זיינע ווערטער, קלאפט ביי מאריאשקען האסטיג דאס הארץ. זי טוליעט זיך צו איהם א פארזיכטיגע, א שרעקענדיגע, ציטערט אין זיינע הענד, לאזט אראב דעם קאפ צום שוים טרויעריג, פערזארגט, מיט א פארב אין די באקען און מיט א וואונדער אין די שווארצע אויגען. עס טרעפט זיך ביי איהר א מינוט פון גרויס וואונדער. עס ווערד איהר מיט אמאל מאדנע וואונדערליך, וואס אט דער לעהרער, וועלכער איז בעסער און העכער פון אלעמען, וועלכער לייענט א סך און ווייסט א סך, וואס זיינע האר זענען לאנגע און געקרויזטע און זיינע הענד זענען צארטע און ווייסע — און זי איז מיט איהם אזוי נאהענט, טוליעט זיך צו איהם, עטעמט איין זיין ברענענדיגען אטעם, דארשט נאך דאס שטילע שעפטשען פון זיינע ליפען, געדהט אויס נאך זיין הייסע פייעריגע לוסט. וואס זאל עס בעדייטען?... און מיט אמאל ווערד איהר טונקעל פאר די אויגען, ווי אין א נעבעל, זי בויגט זיך אן געשווינד צו איהם מיט איהר גאנצען קערפער, נעמט איהם שטייף ארום און פערגעסט אן אלין.

אפטמאל קומט צופאהרען צו גאסט דעם בעל־הבית׳ס איינציגע טאכטער, א יונגע שלאנקע פרוי, א פלינקע, א לעבעדיגע, רעדט מיט לעווינסאנ׳ען שארף רוסיש און טראגט זיך שטענדיג ארום מיט א בוך. מיט איהר קומען ברייננט זי אן אין שטוב א בעזונדערע פרישקייט מיט א בעזונדערער פרעהליכקייט. אלץ ווערד לייכט און יום־טוב׳דיג. מרדכי זאק ווערד מיט אמאל ווי אויפגעלעבט, געהט אום א גוטער, א ווייכער, מיט א ליכטיג פנים, ערלויבט ביידע יונגלעך, מאפסען מיט צוציקען, הוליען און שטיפען וויפיעל זייער הארץ געלוסט, טרייבט ליצנות מיט׳ן לעהרער, שטעלט זיך אב אקעגען דער טאכטער און ווינקט צו איהר עפיס מאדנע שעלמיש, פונקט ווי ער וואלט דא ווער ווייסט וואס געהאט אין זינען, שנעלט איהר אין נאז, רופט זי „פאניענקע" און צעלאכט זיך דערביי הויך אויף א קול. אין די שענע פריהמארגענס, בשעת די זון געהט

אויף, געהט דער לעהרער מיט דער יונגער פרוי אין וואלד אריין שפּאציערען, און אז זיי קומען ביידע פייכטע און פרישע און יונגע פּנים פריה־מארגענדיגען טהוי, קאכען זיי זיך עפּיס און האלטען אין איין טענה'ן. לעווינסאן רעדט מיט הארץ און מיט געפיהל, לייענט פאר איהר פונ'ם בוך און וויזט איהר אויף מיט ראיות, אז ער איז גערעכט; און די יונגע פרוי רעדט שארף און גיך, נאר פארזיכטיג, מיט א מורא און מיט א געבעט, און איטליכס מאל נאכ'ן ריידען קוקט זי זיך ארום אין גאטס וועלט מיט גרויסע פערוואונדערטע אויגען. איז אזא צייט פערגעסט אפילו די בעל־הבית'טע איהרע אלטע חשבונות מיט דער וועלט. דאס פּנים ווערד ביי איהר עטוואס באלויכטען; זי זיצט אקעגען און הערט זיך איין צו די טענות און שענקט א לייכט שמייכעלע און געהט אליין ברייגען טהיי. דאס גלאז טהיי, וואס איז בעשטימט פאר לעווינסאנ'ען, שטעלט זי אוועק ניט נעבען איהם, ווי עס געהער צו זיין, נאר אין מיטען טיש, ווי איינער זאגט: „וואס, נאך אונטערטראגען איהם אונטער דער נאז?"...

און איינמאל, אז אלע זענען געזעסען ביים טיש צו מיטאג, איז עפּיס געשעהן. דעם בעל־הבית'ס איינציגע טאכטער איז געשטאנען נעבען איהר שטוהל א שלאנקע, א פרעכטיגע, געטיילט איטליכען הלקים, געווערטעלט זיך, און דאס אלץ איז ביי איהר צוגעגאנגען גוט און פלינק און מיט געשמאק. לעווינסאן האט ביי איהר פון האנד גענומען זיין טעלער און עפּיס הויך געלאכט; — איז מאריאשקע געשטאנען אין קיך ביים הייסען אויווען א רויטע, איין אויפגערעגטע, מיט א פערקלעמט הארץ, און געקלאפּט מיט דער ווילקע צווישען די טעפּ. א ווייַלע האט זיך איהר געגלוסט קריצען מיט די צייהן און איבערקעהרען אלץ, וואס איז פאראן אין אויווען, און א ווייַלע האט זיך איהר געגלוסט — אוועקווארפען אלץ, ארויסלויפען אין דעם קאלטען פינסטערען שטאל, וואס ביי דער קיך, און זיך ביטער צעוויינען.

— מאריאשקע! וואס זאמסט דו זיך דארטען אזוי? — אין קיך איז אריינגעפלויגען די יונגע פרוי, א פלינקע, א פרעהליכע, און האט זיך אוועקגעשטעלט פאר מאריאשקען עטוואס אנגעבויגען, ווארטענדיג, מיט א גאפּעל אין האנד, קייענדיג א פול מויל מיט פלייש און ברייגענדיג מיט זיך פון טיש א פרעהליכען גלאנץ אין די אויגען. מאריאשקע האט געהאלטען אין די הענד א זודיגען טאפּ און איז געבליבען שטעהן מיט דעם א פערשטיינערטע, ווי צעמישט. א ווייַלע האט זי אהן ווערטער געקוקט אויף דער יונגער שיינענדיגער גליקליכער פרוי, און אין דער ווייַלע זענען אין עס־צימער עפּיס אלע אנשוויגען געווארען. האט דאס מיידעל דערפיהלט,

אז עס ווערד איהר פינסטער אין די אויגען, און זי האט בעשלאסען און אבגעלאזט די הענד פונ'ם טאפּ. אין קיך איז געווארען א ליארם. אין ליארם האט מאריאשקע געזעהן, ווי די בעל-הבית'טע איז אריינגעפלויגען מיט רציחה און האט געשריען: „גולם! לייהמענע הענד!" און ווי די יונגע פרוי האט זיך אנגעבויגען מיט איין אונצופריעדענער מינע צו איהר קלייד און עס גיך-גיך געווישט מיט א דין ווייס באטיסטען טיכעל.

אוונד-צייט קומען אן די עלטערע זיהן פון פעלד און אלע שטוביגע געהען ארויס שפאצירען הינטער'ן דארף צוזאמען מיט דער יונגער פרוי. די מאמע ווארפט ארויף אויף די אקסלען א שווארץ געשטריקט קאפּטיכעל, און די טאכטער וואַרט נעבען גאניק, אז מאריאשקע זאל איהר ארויסטראגען דאס ווייסע זיידענע זאנטיקעל און זאגט איהר „מערסי". מאריאשקע בלייבט איינע אליין ביים גאניק, קוקט זיי אלעמען נאך און לאזט ניט אב פון די אויגען דאס ווייסע זיידענע זאנטיקעל. זי שטעהט א פער'הלומ'טע, א טרויעריגע, א פערגעסענע, זעהט פון וויטען ווי די ביידע יונגלעך, מאפּס און צוציק, לויפען פאראויס פאר אלעמען, ווי די פרעהליכע הינטעלעך, דרעהען זיך און קוקען זיך ארום אלע ווייל'ע, זעהט ווי לעווינסאן געהט נעבען דער יונגער פרוי, דרעהט דאס שטעקעלע אין לופטען, טענה'ט איהר עפּיס און קעהרט זיך אלע ווייל'ע צו איהר מיט'ן פנים. און אז זיי ווערען פערשוואונדען ערגיץ הינטער די בוימער, וואס אויף יענער זייט בריק, זעצט זיך מאריאשקע אוועק, שפּארט זיך אן מיט די הענד אן טיש און טראכט, אז זי איז איין עלענד, ארים, פערווארפען מיידעל. זי טראכט ווייטער, און דערמאנט זיך אן די ווייכע גוטע טרייסט-רייד און אן די האפנונגען, וועגען וועלכע דער לעהרער רעדט איהר יעדע נאכט, און איצט קומט דאס אלץ אויס עפּיס וואונדערליך, פרעמד, דערווייטערט פון איהר אויף אייביג. אפטמאל געהט איהר ארויף א פערצווייפעלטער געדאנק, אז דאס לעבען איהרס איז שוין פערשפּיעלט... און אין דערזועלבער צייט טראגט זיך אין לופטען דאס פאר-נאכטיגע הודושען פון דארף. עס הערט זיך אין טומעל, ווי עס סקריפּעט דער קלאץ פון ברונען, ווי עס מעקען די בהמות איבער די פולע קאריטעס מיט וואסער, ווי עס לאכען הויך און הילכיג די באָרוועסע שקצים און שיקסעס, ווי עס קנאקט א בייטש אין דער לופטען... דערנאך ווערד שטיל, בלייכע ווייסע הימלען לאזען זיך אראב און נעמען ארום די דארפישע פעלדער מיט א גרויסען דונקעלען סוד, די בוימער זעהען אויס פון וויטען שווארצע, גרויסע, צעוואקסענע, עס ווערד דונקעל ארום און ארום, און עס ווייגט דאס הארץ אויפ'ן לעבען, וועלכעס איז געווארען אזוי אונרוהיג און פערפּלאנטערט און אלע וועגען זענען

פערשטעלט... פון ווייטען, ערגיץ פון די פעלדער, דאָרטען, וואו עס הויבען זיך אין דער דונקעלער לופט די הויכע שווארצע סנאָפּעס היי, טראָגט זיך א געזאַנג פון פויערים, וואָס געהען אויף „נאַכט-לעגער". דער געזאַנג איז איין אַלטער געזאַנג, איין אומעטיגער, א האַרץ-רייסענדער, אַ יאָמער פון געזונדטע האָרעפּאַשנע פינסטערע מענשען, פערגעסענע פון דער וועלט, פערוואָרפענע הינטער אַלטע געדיכטע זומפּיגע וועלדער, וואו עס קוקט אַריין זעלטען-ווען די זון, וואו עס זינקט דער פוס און עס הילכט דאָס קול עלענד און איינזאַם...

אַז אַלע קומען פון שפּאַציר און מע צינדט אָן אין שטוב די גרויסע בליץ-לאָמפּ, קוקט מאַריאַשקע אויפ'ן לעהרער און זעהט, אַז ער איז מיעד און טרויעריג, אַז ער האָט זיך פערקליבען ערגיץ אין א ווינקעל און זיצט איינער אַליין מיט זיינע געדאַנקען. א פערנומענע מיט פערשידענע מלאכות, פליהט זי אַרום הין און הער איבער דער שטוב, עס ווערד איהר מיט אַמאָל מאָדנע ליכטיג און גרינג אויפ'ן האַרצען. יענע פאַר-נאַכטיגע געדאַנקען פערשווינדען ווי אַ רויך, און עס טהוט איהר באַנג נאָר איין זאַך: פאַרוואָס זיצט ער איינער אַליין?... אַז קיינער זעהט ניט, שטעלט זי זיך אָב אַקעגען איהם, קוקט און וואַרט מיט גוטע בעהאַרצטע פרעגענדיגע אויגען, קוקט אויף איהם אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס בעווייזט זיך אויף זיין פנים איין אומעטיג ליכט שמייכעל.

דערנאָך, שפּעטער, געהט זי אין שייער, וואָס געפינט זיך אין עק הויף, אויסבעטען אויף אַ קופּע היי אַ געלעגער פאַר'ן לעהרער און פאַר דעם בעל-הבית'ס עלטערען זוהן. דער לעצטער פער'גנב'עט זיך איהר פון הינטען, האַפּט זי אַרום און רייסט זיך צו איהר מיט די ליפּען א קוש טהון זי. מאַריאַשקע ווערד אָנגעצונדען, שטויסט איהם פון זיך אָב און ציטערט אינגאַנצען פאַר חרפּה: „בילעבין, איך וועל דערצעהלען דער מאַמען"...

— זעה נור, סאַראַ צדיקית דאָס איז פלוצים געוואָרען! און וואָס איז דער לעהרער, מאַריאַשקעלע? אַ הונד?...

זי רייסט זיך אַרויס פון זיינע הענד און אַנטלויפט. דערנאָך, אַז דעם בעל-הבית'ס זוהן ווערד פערשוואונדען אין דעם פינסטערען שייער, שטעלט זי זיך אָב אַ פערטראַכטע, א בעליידיגטע, מאַכט צורעכט די האָר און שעפּטשעט שטיל מיט כעס:

— גראָביאַן! — און צעוויינט זיך.

אין האַלבער נאַכט, אַז אַלע שלאָפען, אַז עס שלאָפט דאָס גאַנצע דאָרף און די לבנה בעגיסט די שטילקייט אַרום און אַרום מיט איהר בלייכען

שיין, — זיצט מאַריאַשקע אין הויף אויפ'ן קאַלטען פייכטען גראָז, בעהאַלטען אין אַ שוואַרצען שאָטען פון אַ בוים, און קאָרטשעט זיך פאַרקעלט און וואַרט אויפ'ן לעהרער, ווען ער וועט זיך בעווייזען אַ באָרוועסער פון שייער.

———

II.

עס איז געווען אַ שטילער קיהלער אָווענד. לעווינסאָן איז געגאַנגען פון חאַלד נאָכ'ן שפּאַצירען, איז איהם אַרויסגעלאָפען אַקעגען זיין יונגסטער תלמיד, וואָס הייסט צוציק, און האָט איהם אָנגעזאָגט מיט אַ שמחה אַ סך בשורות מיט אַמאָל: אַז עס זענען געקומען צופאָהרען מאַריאַשקעס עלטערען, אַז מאַריאַשקעס טאַטע האָט איהם געשענקט במתנה אַ גרויסען אייזערנעם דראָט, אַז פון דעם דאָזיגען דראָט האָט טראָתים'ס האָרבאַטער שייגעץ בדעה צו מאַכען איהם אַ ביקסעל, אַז מאַריאַשקעס טאַטע בעשעפטיגט זיך מיט פערדראָטעווען צעבראָכענע טעפּלעך און פיהרט מיט זיך אַ גאַנצען וואָגען מיט קנוילען דראָט, גרויסע קנוילען, אָט אַזוינע אָ! — פאַר גרויס שמחה האָט דאָס יונגעל פערגעסען אַפילו אָבווישען זיך די נאָז.

אַז לעווינסאָן איז אַריבערגעקומען אין שטוב, האָט ער געטראָפען ביים אויווען אין אַ ווינקעל איין אָרים ניעדריג יודעל מיט רויטע אויגען, פערלאָפענע מיט אייטער אין די ווינקלען, אין איין אַלט פערשמאָלצעוועט היטעל, אָנגערוקט טיעף ביז די אויערען. דאָס יודעל איז געשטאַנען פערלעגט די הענד אַהינטער צום אויווען, געדאַווענט מעריב מיט אַ ניגון און אַלע ווייַלע זיך אַרומגעקוקט אין זיין ווינקעל אונרוהיג און אונטערטעניג, פונקט ווי ער וואָלט זיך אַליץ שרעקען, טאָמער הס־ושלום פערנעמט ער דאָ איין איבעריג אָרט. ער האָט אַליץ געהויבען די אַקסלען און געמאַכט מאָדנע מיט'ן האַלז. זיין קליין פנימעל, אַ רויטס ווי אַ בורעקעל, האָט זיך עפּיס געריהרט און געקרימט און געוואונקען פון אונטער דעם אַלטען טיעפען היטעל אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס מאַכט ער פרעהליכע העויות און טרייבט קאַטאָוועס מיט די שטובינע. דורך דער טהיר פון קיך האָט לעווינסאָן געזעהן, ווי מאַריאַשקע רעדט עפּיס שטיל מיט אַ הויכער יודינע, איין אָנגעפּעלצטע פון קאָפּ ביז די פיס. אַז

דאָס מיידעל האָט איהם דערזעהן, האָט זי זיך נעגעבען אַ שטעל מאָדנע צעטומעלט, עס האָט זיך איהר געגומען בייטען די פאַרב אין פנים. זי האָט געפרובט שמייכלען און געהאַפּט עפּיס אַ מולטער און גענומען זיך אַרומטראָגען מיט דעם איבער דער קיך. די אָנגעפּעלצטע יודינע האָט זיך פערדעכטיג אַרומגעקוקט אויפ׳ן לעהרער. לעווינסאָן האָט קאַלט-בלוטיג פערדויכערט אַ פּאַפּיראָס, און פאַרבייגעהענדיג די קיך, האָט ער געשטעלט רוהיגע און זיכערע טריט און רוהיג און זיכער אַ וואָרף געטהאָן אַהינצו דאָס שוועבעלע. ביי זיך אין צימער האָט ער אַ פּאָר מאָל זיך דורכגעגאַנגען אויפגערעגט און פערדויכערט אַ צווייטען פּאַפּיראָס.

דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען אין שטוב און זיך אַוועקגעשטעלט בעטראַכטען דאָס יודעל, וואָס דאַווענט. דאָס יודעל האָט זיך תיכף צוזאַמענגעצויגען און גענומען רוקען זיך פריינדליך צום אויווען, דערביי האָט זיין קליין רויט פּנימעל זיך געריהרט און מאָדנע געוואונקען, פּונקט ווי ער וואָלט דערמיט געגעבען צו וויסען, אַז ביי איהם אין ווינקעל וועט נאָך קלעקען אָרט פאַר׳ן לעהרער אויך. דער עלטערער תלמיד, דער וואָס הייסט מאָפּס, איז אונטערגעגאַנגען צום לעהרער, אַוועקגעשטעלט זיך נעבען איהם מיט דרך-ארץ און פערטרויט איהם שטילערהייד אַ סוד, אַז די שטיוועל, וואָס דער יוד טראָגט, זענען עס דעם טאַטענ׳ס אַלטע שטיוועל, דער טאַטע האָט זיי איהם נאָך פאַר-אַ-יאָהרען ווינטער אַוועקגעשענקט. דערנאָך האָט זיך דאָס יונגעל אויפגעהויבען אויף די שפּיץ פינגער און מיט אַ שמייכעל אָנגעטרויט דעם לעהרער אויפ׳ן אויער, אַז איינמאָל האָט אָט דערזעלבער יוד געטרונקען ביי זיי טהיי, איז ביי איהם אויסגעבליבען אַ קליין שטיקעל צוקער, האָט ער ניט געוואוסט, וואָס צו טהון מיט דעם, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויב קיינער זעהט איהם ניט און געהאַפּט און אַריינגערוקט דאָס שטיקעל צוקער צו זיך אין בוזעם.

דערווייל זענען פון גאַס אַריינגעקומען דער בעל-הבית מיט זיין הייב. דערזעהן דעם בעל-הבית, האָט דאָס יודעל זיך גענומען נאָך פלייסיגער צום דאַווענען, צעשאָקעלט זיך אין אַלע זייטען מיט גרויס כונה, זיך אָנגעבויגען און אַ שפּיי געטהאָן מיט אַ ברען אויפ׳ן אויווען, געגעבען דערביי אַ קוק אויפ׳ן בעל-הבית און אַ וואונק צו איהם פון אונטער דעם טיפען היטעל. געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס ווינקט ער: „ווי געפעלט אייך אַזאַ מין דאַווענען, האַ?...“

דער בעל-הבית האָט זיך אַראָבגעלאָזט מיט יסורים אויף אַ שטוהל און מיט די זעלבע יסורים אַ פרעג געטהאָן דאָס יודעל:

— איהר דאַווענט מעריב?

— הא? מעריב? — דאס יודעל האט געגעבען א פאר פארזיכטיגע דרך־ארץ'דיגע טריט, געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב, בעקוקט זיך זעלבסט פון קאפ ביז די פיס און אריינגעלאזט די הענד טיעף אין די קעשענעס פון זיין צעריסענער קאפאטע. — אום־הום, כ'האב געדאווענט מעריב האב איך. כ'מיין, מענשען אין אונזער גראד, הייסט עס... אבי געזונד! הע־הע...

— נו, ווי באלד א יוד האט געדאווענט מעריב, דארף מען איהם געבען אבעסען. איהר ווילט דאך מסתמא עסען, הא? וואו איז ערגעץ אייער ווייב? דבורה, הייס מען זאל עפיס געבען צום טיש. א יוד וויל עסען!

— אי־אי... ווער זאגט? הע—הע, ניט אזוי נויטיג... כ'מיין, מענשען אין אונזער גראד... טאקי אין דער אמת'ן... נייע געסט! הע־הע... עט, גארנישט... מיר האבען דארט ביי זיך אין וועגעל.. א ציבעלע, א קנאבעל דארטען...

און דאס קליינע יודעל האט גענומען מאכען פרעהליכע העויות, שמייכלען און הנפה'נען מיט זיין רויט רידהרעוודיג פנימעל, און דערווייל איז ער זיך פאוואלי־פאוואלי געטראטען נעהענטער צו זיין ציעל — צום טיש. געקומען צום טיש, האט ער באלד הרטה געהאט: ער האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען פערזינדיגט און מיט א געבעט, פונקט ווי ער וואלט וועלען זיך ערקונדיגען, צי איז ער שוין ניט פערגאנגען צו ווייט?...

דערנאך זענען זיי געגאנגען צום טיש. פאראויס איז געגאנגען דאס יודעל, א קליינטשקער, א שיינענדיגער, א גליקליכער, און געריבען זיינע דארע רויטע ערשט־געוואשענע הענדלעך איינס אן דאס אנדערע. פון הינטען איז איהם נאכגעגאנגען די הויכע אנגעפעלצטע יודינע מיט א רויט שטום פנים. געזעצט זיך צום טיש, האט דאס יודעל געזעהן ווי הייט מעגליך פערנעמען ניט מעהר ווי א פיערט־הלק פון שטוהל, דערביי האט ער זיך ארומגעקוקט אויף די איבעריגע דריי ליידיגע הלקים און איז געבליבען צופריעדען, ווי איינער רעדט: „עס וועט דא נאך קלעקען ארט פאר נאך מענשען"...

מאריאשקע, א שעמענדיגע, א פערצווייפעלטע, מיט איין אויסגעקרימט שמייכעל אויפ'ן פנים און מיט פלאם־פייעריגע באקען, האט זיי דערלאנגט צוויי טעלער מיט זויער־מילך. איהר טאטע האט זיך בעגאנגען מיט'ן עסען מיט יושר: ער האט זיך אלין געפלייסט פערטהון וואס מעהר ברויט און וואס ווינציגער זויער־מילך. עסענדיג האט ביי איהם דאס פנימעל גע־

טאַנצט און גערירט זיך און געוואונקען; זיינע רויטע אייטערדיגע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען. זיין ווייב האָט ביים טיש אויף קיינעם ניט געקוקט. די גאַנצע צייט האָט ביי איהר שטום געפלאַמט דאָס פּנים. דער בעל־הבית, ווי אַ מענש, וואָס פיהלט, אַז ער האָט אָבגעטהון אַ גוטע זאַך, האָט אומגעשפּרייזט איבער'ן צימער מיט גדלות פון אַ יוד אַ נגיד, צוגעגאַנגען צו די יונגלעך און אָנגעשריען אויף זיי הויך אויף אַ קול, אַז זיי זאָלען ניט זיין קיין ווילדע ברואים און זאָלען ניט קוקען פרעמדע מענשען אין די אויגען בשעת זיי עסען. מאַריאַשקע האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טהיר מיט'ן פּנים צום דרויסען און האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ. דענסטמאָל איז לעווינסאָן אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַניק, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און גענומען טראַכטען. געטראַכט האָט ער, אַז עס איז ניט גוט, וואָס ער האָט זיך פערבונדען מיט דעם מיידעל, אַז ער האָט ניט גוט געטהאָן, וואָס ער האָט איהר צעשטערט איהר יונג אָרים נאַאיוו לעבען, אַז ער אַליין איז איין אומגליקליכער לייכטזיניגער מענש. פיעל בעסער וואָלט איהם געווען, ווען ער וואָלט קאָנען איצט זיצען רוהיג אין דער זייט און רוהיג בעטראַכטען דאָס דערשלאָגענע פערצווייפעלטע מיידעל און האָבען אין האַרצען בשעת מעשה גוטע רחמנות'דיגע געפיהלען. דערנאָך האָט ער גענומען טראַכטען וועגען דער הויכער יודינע מיט דעם רויט שוויַיגענדיג פּנים, אַז אין דעם שוויַיגען און אין דעם פינסטערען קוק פון איהרע שוואַרצע אויגען איז פאַרהאַן עפּיס אַ טיעפע עקשנות מיט אַ בעהאַלטענער גאוה, און עס וועט קומען אַ טאָג, וואָס די דאָזיגע עקשנות מיט דער דאָזיגער גאוה וועלען זיך אָנצינדען און וועלען קיינעם ניט שאָנען. און אַז איהם האָט אַ בליץ געטהאָן אַ געדאַנק נעמען היינטיגע נאַכט זיין פעקעל ביכער און וועש און שטילערהייד אַוועקגעהן פון דאַנען ערגיץ וויַיט, וואו קיינער וויסט איהם נישט, — האָט איהם באַנג געטהאָן, וואָס ער האָט אַ פערדאָרבען האַרץ, וואָס עס קריכען איהם אין קאָפּ אַזעלכע ניט־גוטע געדאַנקען. מע מוז זיך אָנטהון אַ כח, מע מוז אַראָבוואַרפען די נאַרישע הרפה פון פּנים, ניט קוקען אויף דער גאַנצער וועלט און אָבטהון אַזעלכס, וואָס זאָל דינען אַלס מוסטער פאַר אַלעמען!

דורך דער אָפענער טהיר האָט זיך געהערט דעם בעל־הבית'ס קול, ווי ער טרייבט צו די געסט מיט אַ גדלות פון אַ יוד אַ נגיד, וואָס ווייסט, אַז זיין וואָרט איז אַ וואָרט, וואָס פיהלט, אַז ער האָט אַ בריינטע האַנד:

— עסט, עסט, זשאַלעוועט ניט, מאַריאַשע, וואו איז זי, האַ? אַ פּנים האָט עס, אַז דו האָסט שוין אָבגעגעסען. וואָס שטעהסט דו עפּיס ווי אַ גאָלדענע פּאַווע? גיב דעם טאַטען דיינעם נאָך זויער־מילך, זשאַלעווע

ניט, אָדער אפשר אַ שטיקעל קעז, אויב ס'איז פאַרהאַן...

— אי=אי... צוליעב וואָס? כ'מיין, הע=הע... מענשען אין אונזער גראַד.. עט, מע עסט! וואָס=זשע טהוט מען? כ'מיין, הייסט עס, וויפיעל איז דער שיעור אַ מענש זאָל עסען? הע=הע...

דאָס יודעל האָט זיך אויסגעדרעהט אויף דעם שטוהל מיט'ן פנים אַהינטער און געזוכט מיט זיינע רויטע גליקליכע אויגען דעם בעל=הבית, געוואָלט דערמיט בעווייזען איהם, אַז זאָגען זאָגט ער עס טאַקי איהם, דעם נגיד אַליין.

ביידע יונגלעך, וואָס זענען געשטאַנען ערגיץ אין אַ ווינקעל און בעטראַכט פון ווייטען דאָס יודעל, האָבען מיט אַמאָל אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער. דער טאַטע איז צוגעגאַנגען און האָט אָנגעשריען אויף זיי:

— שטיל זאָל זיין! שלאָפען געהט! דאָס האָט גאָר קיין דרך=ארץ ניט פאַר אַנ'עלטערען! פיין!... פיינע גומעלאַזיסטען ביי מיר געוואָרען, פיינע הולטייעס! דער לעהרער זיצט, דאַכט זיך, אויפ'ן גאַניק — און גאָרנישט... אַדרבה, איך מיין טאַקי, זאָל ער אויף טשיקאַוועס אַריינגעהן און בעווייזען אייך, וואָס הייסט דרך=ארץ. ווילד איז דאָס היינטיגען זומער געוואָרען, די פעדאַגאָגע האָט זיי גאָר אינגאַנצען אַוועקגעקוילעט! טפו...

III.

אין שטוב האָבען שוין אַלע געשלאָפען. אין די גרויסע ליידיגע הדרים איז געווען פינסטער און שטיל, נאָר אין קיך האָט נאָך געברענט אַ קליין לעמפעל. דאָרטען זענען געזעסען מאַריאַשקע מיט איהר מאַמע און האָבען שטיל גערעדט צווישען זיך, דער טאַטע איז אַוועק אין שטאַל און זיך געלעגט שלאָפען ביי זיך אין וואָגען; פון דער אָפענער טהיר האָט זיך באַלד געלאָזט הערען ווי ער הראָפעט הויך, מיט אַ סוויסטשען און מיט אַ פייפען פון דער נאָז. צייטענווייז האָט זיך געהערט ווי פערד קייען היי, סאָפען דורך די נאָזלעכער און בריקען מיט די פיס אין דער פינסטער.

— ... אַ יונגע... פאַר וואָס זאָלסט דו, מיין טאָכטער, ריידען נאַרישקייט? אַ מיידעל שוין דאַנקען גאָט איבער צוואַנציג, ביי פרעמדע לייטען... וואָס מיינסט דו, ס'איז טאַקי אַ פלאַן אין דער אמת'ן זיך וואַל=

גערען אין דער פרעמד ביז אין גרויען צאָפּ אַריין? איך ווייס? וואָלטען מיר געווען צו לייטען גלייך, וואָלט ער, דער שלים-מזל, געווען אַ שטיקעל מענש... וואָס? סך-הכל איין שטיקעל טאָכטער. דאַכט זיך, דאָס לעצטע ביסעל בלוט וואָלט מען אָפּגעגעבען... נאָר וואָס טויגען די רייד? רייד הייַנט, רייד מאָרגען — איך האָב דאָך אַיין אַלטע צרה: ער... פון וואַנען פון וואָס? פון דער שענער פרנסה זייגער אויף לייטישע געלעכטער — פון פערדראָסעווען טעפּ? טאָמער מאַכט זיך שוין אַמאָל יאָ אַ רעכטע זאַך, טויג ער דאָך פון דאַנען אַהין ניט. אָט אַנומאָלט האָט ער זיך פערדונגען ביי היים פּוזעוואַטען פאַר אַ שומר אין גאָרטען. דאַכט זיך, שוין גאָר גוט: דריטהאַלבען רובל אַ וואָך. איז וואָס? איז דאָך מיין מזל שטענדיג אַזוי גוט. אין צווייַ טעג אַרום, איך שטעה אויף גאַנץ בעגינען, איך נעם אַ שטיקעל חלה — עס איז מיר איבערגעבליבען פון שבת אַ שטיקעל חלה — אָוועקטראָגען איהם אויף אָנבייסען, איך עפען אויף די טהיר — אַהאַ, ער איז גאָר דאָ! שטעהט און האַלט זיך מיט די הענד אָן וואַנד און הוסט, און עס טרייסעלט איהם אַ צאָהן אָן אַ צאָהן... וואָס איז שוין ווידער? עס איז איהם קאַלט ביינאַכט, ער איז איינער אַליין, בעפאַלט איהם עפּיס אַ שרעק אין דער פינסטער. הייַנט האָט ער גאָר מורא פאַר דעם פּריץ'ס הינד!... מאָהל דיך, איך האָב איהם פאַר אַזאַ זאַך ניט געשאַנעוועט. וואָס עס איז געווען ביי מיר אויפ'ן האַרצען, האָב איך אויסגעלאָזט צו זיין קאָפּ! איך האָב איהם פון שטוב אַרויסגעיאָגט... עס איז גרינג צו זאָגען: „אַרויסגעיאָגט"... אין דער אֱמת'ן, טהוט דאָך וועה דאָס האַרץ קוקענדיג אויף איהם. אַ מענש אויף דער עלטער, אַ קראַנקער, אַ יאַדוש-ליווער, אַ השכ'דיגער, נאָר וואָס די נשמה האַלט זיך אין איהם. און דער-צו — זיינע אויגען... אָט פאָהרען מיר אין שטאָדט. איך ווייס? אפשר, וועט דער דאָקטאָר עפּיס העלפען? וואָס טהו איך, אַז ער ווערד חלילה מיט אַמאָל בלינד? און דו זאָגסט נאָך: „אַ יונגע"...

מאַריאַשקע איז געזעסען נעבען דער מאַמע מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּ און געשוויגען. פון דער שטאַל האָט זיך געהערט, ווי דער טאַטע האָט זיך אויפגעהאַפט און גענומען הוסטען און הראַקען און עפּיס געקרעכצט. דערנאָך איז געוואָרען שטיל, פערדישע פיס האָבען ווידער געבריקעט אין דער פינסטער.

— זעהסט דו, אַז עס מאַכט זיך אַזאַ שדוך... וואָס דאַרפסט דו מעהר, אָט גאָלדע העשיל'ס. האַפט זי מיך פאַר'ן אָוועקפאָהר און מאַכט צו מיר מיט די ווערטער: „היענע, זאָגט זי, ברייננ אַהער דיין מיידעל, וועלען מיר זי פיהרען צו דער חופּה"... און אין דער אמת'ן, וואָס האָבען מיר

זיך וואָס צו נאַרען? איך לייקען טאַקי ניט, דו ביזט אַ שענע, אַ פיינע, אַ פאַרשוין, אָהן עין=הרע. לאָז שוין זיין אַזוי... איז וואָס? וואָס האָסט דו פון דיין שענקייט? האַרצוועהטאָג... שענקייט, מיין טאָכטער, איז אַ גוטער ביסען פאַר די רייכע, אָבער פאַר מענשען אין אונזער גראַד איז דאָס איין אומגליק. וואָס, משטיינס געזאָגט? אויף וועמען איז דאָ פאַרהאַן וואָס צו וואַרטען? אויף די היינטיגע בחורים? ביזט דו דאָך הלילה ניט פון יענע מיידלעך, וואָס ווי באַלד זיי האָבען אַ פאַרצעלייען פנימעל, איז שוין ביי זיי פיטש=מיטש! וואָס=זשע, אַ בעל=מלאכה? אָבער היינטיגע בעלי־מלאכות ווילען, מע זאָל זיי אָבשיטען מיט רענדלעך. דעריבער רעכען איך טאַקי, אַז דאָס איז פאַר דיר אַ שדוך ווי געוואונשען. אַ בחור אַ געזונדטער, אָהן עין=הרע, אַ האָרעפּאַשנער, האָרעוועט אין מיהל ווי אַיין אייזעל, פערדיענט פיער רובל אַ וואָך און היט די קאָפּיקע. מאָטיל דעם פעטער'ס דערצעהלט זיך אָהן פון איהם, אַז ער הויבט אויף אַ זאַק מעהל פון גאַנצע אַכט פוד... אַי וואָס, ער איז ניט קיין איבעריגער פאַרשוין און ניט אַזוי פערשפּיצט, ווי די היינטיגע אויסגעלאַסענע? ביזט דו אויסגעשטעלט! אַבי דו וועסט פאַר איהם לעבען חי אַ מענש. בעסער ווי זיצען דאָ און אויסהערען די קללות פון דער בעל=הבית'טע דיינער, דער מרשעת. אויף וואָס דאַרפסט דו די שענקייט? מיר, ברוך השם, מענשען אין אונזער גראַד...

מאַריאַשקע איז אויפגעשטאַנען פון באַנק מיט פולע אויגען מיט טרערען. זי האָט מיט אַלע כחות איינגעהאַלטען דאָס געוויין, וואָס האָט זיך איהר געשטעלט אין האַלז.

— טאָ וואָס=זשע וויינסט דו, נאַרעלע? וואָס פאַר אַ געוויין? איך וואָלט זאָגען, אַז איך קאָן דיך חתונה מאַכען פאַר אַ רב, צי פאַר אַ שוחט... איך גיב דאָך דיר צו פערשטעהן... און זי, דער נאַר...

מאַריאַשקע האָט געהאַפּט און געשווינד אַרויסגעגאַנגען דורך די לייַדיגע פינסטערע הדרים צום גאַניק. אויפ'ן וועג האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען מעהר און האָט זיך הויך צעהליפּעט. די מאַמע איז איהר נאָכגעגאַנגען אַ פערוואונדערטע, אַ צעטראָגענע און געשטאַמעלט:

— אַ משוגעת אַ ביסעל! וויינט אָהן ווערטער...

אַ ווילע האָט די מאַמע געשוויגען און געשטאַנען הינטער דער טאָכטער, ניט וויסענדיג וואָס צו טהון. דערנאָך האָט זי ווייטער גענומען רייידען שטיל און פאַרזיכטיג:

— וואָס, מיר זענען דען הלילה אויסען דיין רעה? זאָג אַליין, איך בין דאָך אַ מאַמע! איך האָב אַלץ געמיינט, אַדרבה, דו וועסט נאָך זיין

העכסט צופריעדען. איך האָב גערעכענט, אָט אַז מיר וועלען פאָהרען צוריק, וועלען מיר דיך נעמען אַהיים, וועסט דו זיך זעהן מיט'ן בחור. ערשט איך רייד, און זי שווייגט, איך רייד, און זי שווייגט, און מיט אַמאָל — נאַ דיר גאָר וויינען....

דאָס מיידעל האָט צוגעלעגט דעם קאָפּ צו אַ קאַלטען סלופּ פּינ'ם גאַניק און איז אַזוי געשטאַנען אַ פערוויינטע, אַ שווייגענדיגע, אַ בעלויכטענע פון דער פולער לבנה, מיט'ן פּנים צו די ווייטע פעלדער, וואָס ציהען זיך הינטער דעם פערשלאָפענעם דאָרף. דער טייך אַקעגען איז געווען איינגאַנצען בעלויכטען פון דער לבנה, הויכע סלופּעס פון אונטער דער בריק האָבען געוואָרפען לאַנגע ריעזיגע שוואַרצע שאָטענס אויף דאָס פונקעלדיגע שטילע וואַסער. אויף יענער זייט טייך, איבער די נאָהענטע פעלדער, איז געשטאַנען אַ לייכטער, אַ בלוילייכער דורכזיכטיגער טומאַן. אין דרויסען האָט זיך קוים-קוים געלאָזט פיהלען אַ פייכט קיהלווינדטעל, דער הימעל איז געווען ריין און טיעף, מיט אַ פּאָר בלישטשענדיגע שטערען. נאָר עס האָט שוין געשמעקט מיט'ן קומענדיגען אָסיען. עס האָט געשמעקט מיט אָבגעשניטענע פעלדער, מיט אַראָבגעפאַלענע בלעטער פון בוימער. דער זומער איז פערלאָרען געגאַנגען. און דאָס יונגע לעבען, פונקט ווי דער פרעהליכער שטראַהלענדיגער זומער, איז איצט שוין אויך פערלאָרען געגאַנגען, צוזאַמען מיט די בליהענדיגע האָפנונגען און מיט די בליהענדיגע גאָלדענע חלומות.

מאַריאַשקע האָט זיך מיט אַמאָל צעוויינט הויך אויף אַ קול, און אין מיטען דער שטילער נאַכט איז דאָס געוויין געווען אַ פערצווייפעלט, אָהן אַ ברעקעל טרייסט, ווי עס וויינט אַ קינד, וועלכעס מע האָט אָבגענאַרט, בעליידיגט און אָבגעשלאָגען די פליגלען. די מאַמע איז נאָך אַלץ געשטאַנען פון הינטען, געוואַרט, געפּרובט עטליכע מאָל אָנריהרען זי ביי די אַקסלען. דערזעהן, אַז די טאָכטער בעהאַלט פון איהר דאָס פּנים, האָט זי אָבגעזיפצט און שטיל אַוועקגעגאַנגען אין שטוב.

מאַריאַשקע איז אַריינגעגאַנגען אין הויף, פערקליבען זיך ערגיץ אין אַ ווינקעל נעבען אַ וואַנד און זיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן קאַלטען פייכטען גראָז. די פולע לבנה האָט איהר געשיינט פון בלייכען הימעל גלייך אין פּנים אַריין. פון ווייטען, ערגיץ הינטער גערטנער און פאַרקאַנעס, האָט זיך געזעהן דער דאָרפישער וואַלד, אַ שוואַרצער, איין איינגעוויקעלטער אין שאָטענס, אינגאַנצען אָבגעזונדערט פון דער שטילער שיינער בלייכער וועלט.

מאַריאַשקע איז געזעסען אַ פערגליווערטע, אַ פערטראַכטע און גע-

קוקט אין דער העלער טוידט-שווייגענדיגער לופט. עס האָבען זיך איהר אַלץ געדאַכט דאָס אייגענע שטעדטעל, די קליינע הייזלעך, איהרע חברטעס, די אָסיענדיגע בלאָטע... ביי איהר האָט זיך געפלאָנטערט אַ געדאַנק, אַז זי מוז איצט שטאַרק קראַנק ווערען, משוגע ווערען, ריידען פון היץ, טענה'ן מיט אַלעמען און בעטען רחמנות, זאָגען, אַז איהר איז ביטער צום טויט, אַז זי איז אַ פערפאַלענע. און עפּיס ווי פון אַ געדיכטען ווייטען טומאַן זענען פאַר איהרע אויגען אַרויסגעשוואומען די ווייטע, ווייטע קינדער-יאָה-רען, בשעת זי איז נאָך געווען אַ קליין שוואַך מיידעלע, און איינמאָל אין אַ קאַלטען פערחמאַרעטען אָסיען-טאָג איז זי געלעגען אַ קראַנקע אויפ'ן בעטעל, עס האָט איהר געפיבערט דאָס לייב און עס האָט זי געוואָרפען אין קעלט. פאַרנאַכט, אַז עס איז געוואָרען שטאָק-פינסטער אין שטיבעל, איז געקומען צולויפען די מאַמע פון מאַרק, זיך אַוועקגעשטעלט ביי'ם אויווען וואַרימען די הענד. דערנאָך איז געוואָרען אַזוי פינסטער, אַז זי האָט שוין די מאַמע נישט געזעהן. נאָר זי האָט געפיהלט, ווי עפּיס אַ גרויסעס, אַ געטרייעס, אַ באַרמהערציגעס בויגט זיך אָן איבער איהר און לעגט איהר צו פאָרזיכטיג צום שטערן אַ ברייטע, איין אָנגעוואַרימטע האַנד...

מאַריאַשקע האָט אויפגעהויבען פון די הענד אַ זודיג נאַס פנים פון טרערען און האָט אַ ציטער געטהאָן. נעבען איהר איז געשטאַנען דער לעהרער, אַ באָרוועסער, אין אַ לאַנגען מאַנטעל. ער האָט זי שטיל געפרעגט:

— מאַריאַשקע, דו וויינסט?

מאַריאַשקע האָט געשוויגען.

— וואָס איז מיט דיר? זאָג: דו האָסט געוויינט?

לעווינסאָן האָט זיך פאָרזיכטיג אַוועקגעזעצט נעבען איהר. אַ ווײַלע איז ער געזעסען אַ צעטראָגענער, אָהן ווערטער, ניט געפונען קיין עצה. ער האָט געפּרובט זי אַרומנעמען מיט איין האַנד.

— מאַריאַשקע...

מאַריאַשקע האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין האַנד. זי איז צוגעפאַלען מיט'ן פנים צו דער וואַנד און גענומען הליפען אָהן טרערען, מיט איינע אַקסלען. לעווינסאָן, אַ פערלאָרענער, אַ דערשראָקענער, איז געזעסען און האָט געשוויגען. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגען צו איהר, פאַוואָלי אַוועקגעלעגט זיין קאָפּ אויף איהרע אַקסלען און זיך צו-געהערט. עס האָט איהם מיט אַמאָל אָנגעהאַפּט אַ מאָדנע הייסע צערטליכקייט צו איהר, און באַלד איז דיזעלבע צערטליכקייט אויך איבערגעגעבען געוואָרען דעם מיידעל. זי איז אַנטשוויגען געוואָרען, איינגעהאַלטען דעם אָטעם, געע-

ציטערט, געוואַרט. זיצענדיג מיט אַ צוגעדריקטען קאָפּ צו דער וואַנד און מיט צוגעמאַכטע אויגען, האָט זי זיך צוגעהערט, ווי ער עטעמט איהר דורך דאָס קאָפּטעל אויף די אַקסלען, ווי עס פייערט ביי איהם איין אויער און ברידט איהר ביי איטליכען ריהר דעם קאַלטען נאַקעטען האַלז, ווי ער נעמט זי פעסט אַרום מיט אַ פּאָר וואַרימע קרעפטיגע אָרעמס.

— מאַריאַשקע, דו מוזט מיר זאָגען דעם אמת: וואָס האָסט דו געוויינט?

דאָס מיידעל איז געזעסען מיט אַ פערקלעמט האַרץ און געטראַכט און געטראַכט.

— גלאַט אַזוי, גאָרנישט... איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס מיין טאַטע איז קראַנק.

ביידע זענען אַנטשוויגען געוואָרען. לעווינסאָן האָט זיך אָנגעבויגען צו דער ערד און זיך פערטראַכט, און גענומען קנייפּען מיט די פינגער דאָס פייכטע קאַלטע גראָז.

פּלוצים האָט מאַריאַשקע גענומען ריידען מיט אַ ציטעריג קול:

— איך בין שוין סיי־ווי־סיי... איך וויים ניט, וואָס וועט איצט זיין מיט מיר. מיר דאַכט זיך, אַז דו וועסט.. אַז איהר וועט מיט מיר ניט חתונה האָבען. איהר וועט נעמען איין אַנדערע... אַ רייכע, אַ געבילדעטע... אָט אַזוי ווי דעם בעל־הבית'ס טאָכטער.

— איך? אָט אַזאַ פּריצ'טע?! — און לעווינסאָן האָט זיך אַ שטעל געגעבען ווי איין אָבגעבריהטער, ווי אַ טיעף־בעליידיגטער, און געשטאַנען איז ער אַקעגען איהר שטום און אויפגעבראַכט, ווי אַ מענש, וואָס קאָן ניט איבערטראָגען אַזאַ עולה. נאָכדעם, אַז ער האָט זיך ווידער געזעצט נעבען איהר, האָט ער בעשלאָסען אויסזאָגען איהר אַלץ קלאָר און דייטליך. ער האָט גערעדט וויך, שטיל, זיינע ווערטער האָבען געקלונגען פאַר דעם מיידעל, ווי אמת'ע, זיכערע ווערטער, וואָס געהען פון טיעפען האַרצען, און זי האָט שוין פערגעסען איהרע פריהעריגע געדאַנקען און איהר פריהעריג געוויין. זיצענדיג ביים יונגען־מאַן אויפ'ן שויס, אַרומגענומען מיט זיינע אָרעמס, און פיהלענדיג זיין באַק נעבען איהר באַק, האָט זי זיך איינגעהערט מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ צו זיינע ליכטיגע צוקינפטיגע חלומות.

דער יונגער־מאַן האָט זי געטרייסט. עס איז דאָך שוין צייט, אַז מענשען זאָלען אַוועקוואַרפען אָט די אַלע אַלטע נאַרישע געדאַנקען און אָט די אַלע אַלטע נאַרישע כללים, וואָס מאַכען איין אונטערשיעד צווישען איין קלאַס מיט דער צווייטער, צווישען אַ מענש און צווישען זיין ברודער. ניט אומזיסט האָט ער זיך אָנגעלייענט מיט אַזוי פיעל ביכער! ער וועט ניט נאָכטהון

אַלץ, וואָס עס טהוט זיך אין דער פערנאַרישטער פּוסטער וועלט. ער האָט אַ נייעם, גלייכען, איינפאַכען וועג אין לעבען. אַזעלכע מענשען, ווי דעם בעל־הבית'ס טאָכטער, פעראַכטעט ער פון גאַנצען האַרצען. דאָס זענען פוילע פּוסטעפּאַסניקעס, וואָס טהוען גאָרנישט, וואָס לעבען אויף פרעמדע האָרעוואַניע, וואָס זענען שעדליך פאַר דער גאַנצער וועלט. ער געהט מיט זיי אַרום, האָט מיט זיי געשעפטען נור מיט אַ כיון, כדי צו אַרויס־פיהרען זיי אויפ'ן אמת'ן וועג. ער אַליין טראַכט ניט אַנדערש, נאָר צו ווערען אַ בעל־מלאכה מיט דער צייט, אַ פּשוט'ער אַרבייטער מיט מאַזאָלים. ווארום עס וועט קומען אַ צייט, וואָס דענסטמאָל וועט הערשען אויף דער וועלט נור די אַרבייט. דיענען ביי פרעמדע לייט איז אויך איין אַרבייט. אָט די, וואָס לייענען ביכער, ווייסען, ווי עס געהט צו אין אַמעריקאַ אין דעם פאַך: אין אַמעריקאַ איז איינגעפיהרט, אַז סטודענטען, אמת'ע סטודענטען, וואָס וועלען אַמאָל ווערען דאָקטוירים, פערדינגען זיך אין די רעסטאָראַנען פאַר משרתים. ביי־טאָג זיצען זיי אין די אוניווערזיטעטען און ביי־נאַכט טהוען זיי אָן ווייסע פאַרטוכער און בעדיענען די געסט אין די רעסטאָראַנען. און קיינער האָט ניט די העזה צו זאָגען זיי אַ קרום וואָרט, אָדער בעגעהען זיך מיט זיי ווי מיט משרתים. אין דער אֶמת'ן, מענשען מיט פערשטאַנד דאַרפען פערשטעהן איין מאָל פאַר אַלע מאָל: אַלע מלאכות זענען גלייך. דער לעהרער האָט, צום ביישפּיעל, זיין אַר־בייט— לערנען מיט קינדער; דער פּויער— אַרבייטען ערד; און אַ שטוב־מיידעל — פערקעהרען די שטוב, מעלקען די בהמות, קאָכען וואַרמעס. זי שפּיעלט אין דער וועלט די גרויסע ראָליע פון דעם מענשען — זי אַרבייט! און איינמאָל האָט געטראָפען אַ מעשה מיט איינעם אַ גרויסען מענשען, וואָס איז בעוואוסט אין דער גאַנצער וועלט. זיין נאָמען איז זשאַן זשאַק רוססאָ. אָט דער דאָזיגער גרויסער מענש האָט אַמאָל דערזעהן, ווי ערגיץ אין אַ דאָרף האָבען שכורים געשלאָגען דאָס דיענסט־מיידעל פון שיינק. האָט זיך דער גרויסער מענש איינגעשטעלט פאַר דעם בעליידיגט מיידעל, גע־ראַטעוועט זי פון די שכורים'ס הענד, און דערזעהן, אַז זי איז אַ שענע, האָט ער מיט איהר חתונה געהאַט...

עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט, אַז מאַריאַשקע איז געשטאַנען אין הויף און נאָכגעקוקט לעווינסאָנ'ען, וואָס איז פערשוואונדען געוואָרען אין פינסטערען שייער. געהענדיג האָט זי דערהערט, ווי עמיצער רעדט עפּי'ס אין שייער הויך און הילכיג, האָט זי זיך אָבגעשטעלט אויפ'ן וועג, און אָט אַלע יענע ווערטער, וואָס זי האָט נאָר־וואָס געהערט, אין וועלכע זי האָט נאָר־וואָס הייליג געגלויבט, זענען איהר מיט אַמאָל אויסגעקומען

מאָדנע פּרעמד און מאָדנע וואונדערליך. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי דאַרף איצט אַרײַנגעהן אין קיך. דאָרט זיצט די מאַמע אַ פערדראָסיגע און וואַרט פון איהר אַיין ענטפער וועגען דעם האָרעפּאַשנעם בחור, וואָס הויבט אויף אַ זאַק מעהל פון גאַנצע אַכט פּוד. נאָך אַ זאַך האָט זי זיך דערמאָנט: מאָרגען גאַנץ בעגינען, בשעת אַלע וועלען שלאָפען מיט דעם געשמאַקסטען בעגינענדיגען שלאָף און יונגע העהנדלעך וועלען קרעהען ערגיץ ווײַט אין דאָרף, וועט זי זיך אויפכאַפּען אין מיטען אַ חלום פון׳ם האַרטען געלעגער, וועט אַראָבשפּרינגען אַ באָרוועסע אויף דער ערד און געהן מעלקען די בהמות אין פינסטערען שטאַל...

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז זי אַ לאַנגע צײַט אָבגעשטאַנען בײַם גאַניק אַ צעמישטע, אַ פערפאַלענע. מיט אַ האַרץ פול מיט קאַלטע שלעכטע געפיהלען האָט זי געקוקט אויפ׳ן בלוילינען טומאַן, וועלכער איז איצט געוואָרען געדיכטער און האָט זיך איבערגעטראָגען אויף דער זײַט טײַך. און פלוצים האָט בײַ איהר אין מוח אַ בליץ געטהאָן אַ געדאַנק, אַז זי דאַרף נור איבערגעהן אַ קליינע שטרעקע, וועט זי אַרײַנשפּרינגען אין טײַך. עס האָט זיך בײַ איהר אין קאָפּ אַלץ צעמישט, און ציטערנדיג איינגאַנצען פאַר קאַלטען שרעק, וואָס איז זי בעפאַלען, האָט זי געשווינד גענומען לויפען מיט פערמאַכטע אויגען איבער די פינסטערע, ליידיגע חדרים פון שטוב. בערוהיגט האָט זי זיך ערשט, אַז זי האָט דערזעהן דאָס פײַער פון לעמפּעל אין קיך.

זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ביינקעל און געהערט, ווי עס קלאַפּט בײַ איהר האַסטיג דאָס האַרץ. אין קיך איז קיינער ניט געווען. דורך דער אָפענער טהיר האָט זיך געהערט פון שטאַל אַ שושקערײַ. נאָר מאַריאַשקע האָט דאָס ניט בעמערקט. דערנאָך האָט זי דערהערט אַ לאַנגען פערשטיקטען הוסט, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אַ הילכיגען הראַק. מאַריאַשקע האָט זיך אויפגעהאַפּט ווי דערשראָקען און איז צוגעגאַנגען מיט אונטערגעבראָכענע, פערגליווערטע קניה צו דער טהיר פון שטאַל. עס האָט אויף איהר אַ בלאָז געטהאָן אַ קעלט מיט אַ פינסטערניש און אַ ריח פון פרישען מיסט. עס האָט זיך געהערט, ווי פערד טרייסלען זיך אָב מיט רעש און בריקען מיט די פיס אָן דער ערד. און ווײַטער האָט זי געהערט, ווי דער טאַטע חראַקעט און דרעהט זיך איבער אין שטרוי און זאָגט מיט אַ קול פון אַ מענשען, וואָס האַלט בײַ אײַנשלאָפען: „נו, מילא, כמיין, וואָס קאָן מען מאַכען מיט אַ קינד? נעבּיך אַ רחמנות"...

II.

נִיטגוּטֶע.

ניטגוטע.

1.

אַ גאַנצען ווינטער איז דאָס אַלטע האַלב־איינגעפאַלענע שטיבעל געשטאַנען אָבגעזונדערט פון גאָט'ס וועלטעל. די טהיר פון שטיבעל, אַ פערלאַטעטע מיט לעהם און מיט ברעטלעך און מיט שטרוי, אַ קרומע, אַ שווערע, ווי אַ צוגעשמידטע, האָט זיך זעלטען ווען געעפענט. און אַז מען פלעגט זי שוין יאָ אַמאָל עפענען — פלעגט זי אין איין אויגענבליק פאַלען צוריק האַסטיג, מיט אַ סקריפּ און מיט אַ האַק, אַזש די סטעלי האָט געציטערט. אויף איין אויגענבליק פלעגט אַריינקוקען אין דאָס פינסטערע שטיבעל אַ פרעמדע ווייסע וועלט מיט קאַלטע שנייען, מיט אַ צאָרנדיגען שטורם, מיט אַ שטיק גרויען אָנגעלאָדענעם הימעל...

דער בעל־הבית, מיכל ניטגוטער, — אַזאַ נאָמען האָט ער געהאַט אין גאַס — האָט דעם גאַנצען ווינטער, ווי זיין שטייגער איז, פערבראַכט אויפ'ן אויווען אין אַ טיפער דונקעלער מרה־שחורה. גאַנצע טעג און נעכט איז ער געלעגען מיט'ן קאָפּ צו דער וואַנד, אַוועקגעגאַנגען ערגיץ ווייט פון דער וועלט, די אויגען שטייף פערמאַכט, די קאַלטע הענד אונטער די פאַכוועס, די געדאַנקען ווילדע, צעטראָגענע, צעמישטע. טעג און נעכט האָבען געהאַט איין קאָליער. אין דרויסען, ערגיץ איבער דעם דאַך פון שטיבעל און הינטער די אַלטע צעלעכערטע ווענד, האָט גע־

ברומט דער ווינטער — מיכל האט אליין געהאלטען די אויגען שטייף צוגעמאכט, פערביטערט, מיט הנאה, מיט א קריינקליכער, אויסגעפייניגטער ליידענשאפט. דער קאפ איז איהם געווארען מאדנע שווער און איז משונה אויסגעוואקסען; אפטמאל האט זיך איהם געדאכט, אז דאס איז גארניט זיין קאפ — דאס זינקט אין אויווען אריין א גרויסער קיילעכיגער שווערער שטיין, און א פאר דארע הענד מיט גלאטע טרוקענע מאכטלאזע פינגער גליטשען זיך אן דעם דאזיגען שטיין, ציהען און שלעפען איהם ערגיץ פון א תהום און בלייבען אין אהנמאכט, און עס בעגיסט דאס לייב א קאלטער שוויים.

פאר זיינע שטייף-צוגעמאכטע אויגען פלעגען אליין ארויסשווימען מאדנע פינסטערע בילדער, איינס ווילדער און שרעקליכער פונ׳ם אנדערן. עס האבען זיך איהם עפים געדאכט מהנות וועלף מיט ווייסע בלוטדורשטיגע ציינער, פאלקען סאלדאטען האבען געשווינדעלט מיט טויזענדער איינגעקשנ׳טע אויגען, מיט טויזענדער אנגעשטעלטע שארפע שפיזען; עס זענען אויסגעוואקסען ברייטע פוסטע פערווארפענע פעלדער, וואו א מענשענס פוס האט קיינמאל נישט געטראטען. איבער די פעלדער הענגען שווערע פינסטערע וואלקענס, עס דונערט און עס בליצט מורא׳דיג, עס גיסט א שלאקס-רעגען, א מבול, עס ווערען פול די טייכען, די טייכען צעגיסען זיך איבער דער גאנצער וועלט, אלץ ווערד פערפלייצט, עס איז ניטא וואוהין צו אנטלויפען, עס ווערד שטאק-פינסטער. און מיט אמאל גיט ווידער א קראך א דונער, דער הימעל עפענט זיך — גאט לאזט זיך אראב אויף א פייעריג פערד רייטענדיג, פליהט און קומט-צו נעהענטער צו דער ערד און גיט א מאך מיט זיין גרויסער מורא׳דיגער אלמעכטיגער האנד...

דער ווינטער האט זיך געצויגען שווער און לאנג, אזוי לאנג, אז מען האט פערגעסען דעם פערגאנגענעם זומער און מע האט נישט געהאפט אויף דעם קומענדיגען. פון דרויסען איז דאס אלטע שטיבעל געשטאנען איינגעצאנצען פערשאטען מיט שניי. אינווייניג האבען געפריערט קליינע בארוויסע קינדער. עס האט אויך געפריערט דאס וואסער אינ׳ם טיפען פערשימעלטען פעסעל, עס האט אויך געפריערט אין א ווינקעל די שווארצע קופע ווערימדיגע קארטאפליעס. אויף די ווענד האבען געגליהט פון פראסט גרויסע גרויע בלישצענדיגע טשוועקעס. אינ׳ם שטיבעל איז געהאנגען א קאלטע פערפרוירענע טרויער. די עטליכע קליינע פערשנייטע פענסטערלעך, די איינציגע ווייסע פלעקען אויף די פינסטערע ווענד, האבען אריינגעקוקט אינווענייג פרעמד, ווי א פאר פרעמדע ניטגוטע אויגען מיט געדיכטע בעזע

ברעמען, אָנגעשיקטע פון דעם בעזען ווינד מיט'ן קאַלטען בייסענדיגען שניי, וואָס הוליען ערגיץ אויף דער פרייער וועלט. נאָר ביי נאַכט, אין דער טיעפער שטילקייט פון שלאָף, ווערד דאָס שטיבעל עטוואָס בעלויכטען מיט אַ קאַלטען ווייסען גלאַנץ. אַז עס קומט אַזאַ שעה, עפענט מיכל מיט אַמאָל די אויגען און הויבט זיך אויף פון זיין האַרטען געלעגער. ער זעצט זיך אַנידער, נעמט אַרום די פערגליווערטע קניע מיט זיינע דאַרע אָבגעשוואַכטע אויסגעקרענקטע אָרעמס, בויגט אָן דעם אָנגעוועהטיגטען קאָפּ, גלאָצט אויס די אויגען און טראַכט, און וואונדערט זיך אויף זיינע ווייסטע טעג און נעכט, און רוהט אָב פון זיינע ווילדע חלומות. אין דרויסען קנאַקט דערנסטמאָל דער פראָסט. אין דרויסען, הינטער'ן שטיבעל, שטעהט ביי מיכל'ען אַ צעבראָכען שטעלכעל אָהן אַ דאַך, און אין דעם שטעלכעל שטעהט אַ שוואַרצע הונגעריגע ציג. עס הערט זיך, ווי די עלענדע פערפרוירענע ציג דראַפּעט שטיל מיט די הערנער די דינע ווענדלעך, מעקעט שטום, מיט פערצווייפלונג, אָהן אַ ברעקעל האָפנונג. די דינע ווענדלעך קנאַקען-אונטער און טרייסלען זיך. ביי מיכל'ען אין האַרצען וואַקסט אַ וואונדער און עפּיס אינוועניג ווייגט ביי איהם אי אויף זיך, אי אויף דער ציג. ער קוקט זיך אום אויף די ווייסע פערפרוירענע פענסטערלעך, וועלכע דערמאַנען איהם, אַז הינטער זיי איז פאַראַן אַ גרויסע ברייטע וועלט, און הויך איבער דער גרויסער ברייטער וועלט זיצט אַ גאָט, אַ בעהאַלטענער באַרעמהערציגער גאָט, און מיכל ווענדעט זיך צום גאָט אין דער שטיל מיט אַ טענה, וועקט ביי איהם רחמנות און יושר, רעדט צו איהם פראָסט, ווי עס רעדט אַ מענש צו אַ מענשען:

— גוואַלד, רבונו של עולם, דערמאָן זיך! אַזאַ צער בעלי חיים, געבאַך אַ ציג, איין אָרעמאַנס אַ ציג!...

אונטען, ביי די שטוביגע, רודערט זיך עפּיס יאָ אַמאָל. מע ברייננט וואַסער פון ברונען, מע טראָגט אָן אַמאָל האָלץ, מע שרייט עפּיס, מע קלאַפּט איבער'ן טיש מיט די פויסטען, מע שילט זיך מיט טוידטע קללות און מע פאַהרט אַריין איינס דעם אַנדערן אין די האָר. נאָר דאָס, וואָס קומט פאָר אונטען אין שטיבעל, דערגעהט נישט צו מיכל'ען אויפ'ן אויוון. ליגענדיג אומגעקעהרט מיט'ן קאָפּ צו דער וואַנד, ווייסט מיכל נאָר, אַז אין שטיבעל געהען ביי איהם אום געזונדטע טרפה'נע בחורים און מיידען, גזלנים, בלוטזויגערס, וואָס עסען זיך אָן אין שטאָדט מיט פעטע קאָלבאַסע, און נאָכדעם, אַז זיי קומען אַהיים, זענען זיי איהם שונאים אין ביין אַריין. ווייטער ווייסט ער, אַז דאָס ווייב זיינס פליקט פּרעמדע פעדערען און איז אַ בהמה, אַ נאַריש שטיק פלייש, מע נאַרט זי אָב פון

קאפ ביז די פיס. און נאך א זאך ווייסט מיכל: בשעת עס איז פארהאן פייער אין אויווען, באקט מען קארטאפליעס אין „פעלצעלעך"; נאר די דאזיגע קארטאפליעס קומען אויס שטענדיג האלב רויהע, מיט דיקע שווארצע הערים, מיט א ריח פון שימעל. און שולדיג אין דעם איז זי, דאס געראטענע ווייבס זיינס, וואס איז א בהמה און הויבט נישט אן צו פערשטעהן, וואס איז אזוינס אין א שטוב א קראנקער, א פערבייאיגער מענש!

הינטער דעם אויווען, ביי דער קאלטער פייכטער וואנד, שטעהען א פאר צעבראכענע בעטען, פערווארפענע מיט איבערגעפוילט שטרוי, מיט שמאטעס, מיט צעריסענע קאלדרעס. אין די דאזיגע שמאטעס באבּרעט זיך טאג ווי נאכט דאס קליינווארג — אבגעריסענע נאקיטע נפשות׳לעך, מיט געקרויזטע קעפלעך, מיט הונגעריגע דורכגעטריבענע אויגלעך, ווי ביי די יונגע דרעסירטע וועלפעלעך. עס מישען זיך צענויף הענדלעך מיט פיסלעך, מע שלעפט איינס ביי דאס אנדערע די קאלדרעס, מע אמפערט זיך, מע קנייפט זיך, מע קוויטשעט, מע מאכט איינס דעם אנדערען „אל מלא רחמים"... אפטמאל, אין א היציגער מינוט, אז אויפ׳ן הארצען איז שטארק אויפגעלעגט, בעווייזט מען אויך קאמעדיאנטישע שטיק: מע שטעלט זיך אויס בחברותא אין איין צייל אויף דעם קרום ווענטעל פון בעט, מע שטרעקט אויס די הענדלעך פאראויס, מע שרייט אויס אין איין קול: „פויגעלע, פליה!" — און מע גיט זיך א לאז אלע אינאיינעם, ווי די פרייע פויגלען, מיט די קעפלעך אראב אין בעט אריין. עס לאזט זיך אבער אויס, אז אזא פערגעניגען קאסט צו טייער. די איבערגעפוילטע ברעטלעך פון די בעטען זענען ניט ביכולת איבערצוטראגען אזא הויכען עקסטאז. עס הערט זיך אומגעריכט א מורא׳דיגער טרישץ, עס ענטפלעקט זיך אומגעריכט א מורא׳דיגער תהום... עס קומען אן די עלטערע, די בחורים, עס פליהען פייעריגע פעטש, דאס אומגליק וואכסט אויס אהן רחמנות, און דאס קליינע שטיבעל ווערד פלוצים בעהילכט מיט א הויכער יללה, מיט א ביטערען יאמער. אין פינף מינוטען ארום, אז דאס אומגליק איז שוין פארביינעגאנגען, ווערד שוין ווידער שטיל און טרויעריג און פינסטער און קאלט. נאר די ווייסע פערשנייטע פענסטערלעך קוקען אריין אין שטיבעל ווי פרעמדע ניטגוטע אנגע׳ברוגז׳טע אויגען...

איינמאל אין א פינסטערען בעגינען, בשעת עס האט זיך שטארק געוואלט שלאפען — אין דרויסען האט דענסטמאל געפייפט א זאווערוכע און געריסען פון שטיבעל דאס דאך און געשאטען מיט שניי אין די

פענסטער — האט זיך איינס פון די קינדער געפעהלט ביי א פייערעל פון א הלב'ען ליכטעל. דאס איז געווען מאטעלע, דאס סאמע קלענסטע, א וויעג־קינד פון דריי פיערטעל יאהר, א נפש'על א שטילס, א שוואכס, א מאגערס, א בלייכס. אין וויעגעלע פלעגט עס פיפסען אויף א שוואך דין קול'כעל, ווי א געהאפט יונג פויגעלע. שפעטער א ביסעל, אז דאס הלב'נע ליכטעל איז אויסגעגאנגען, האט דער שלאף איינגאנצען זיך אויסגעוועבט און דער קאלטער בלאסער שיין פון די פענסטערלעך האט אלץ קלאר געמאכט. די טהיר האט שווער א קרעכץ געטהאן, זיך געעפענט און אריינגעלאזט אין שטיבעל א געדיכטע ווייסע פארע. דאס איז אריינגעקומען פון דרויסען א שכנה אין א ווארימע פאטשיילע מיט איינעם א הויכען פרעמדען יודען מיט א גרויסען קאלנער, מיט פערפרוירענע בארד און וואנסעם. דער יוד האט געהאלטען אונטער דער האנד עפיס א קאשיק, אויף קיינעם ניט געקוקט און גלייך א פרעג געטהאן קאלט און גראב:

— נו, וואו איז דאס?

די שכנה האט זיך ארומגעקוקט אין שטיבעל און איהם שטום אנגעוויזען אויפ'ן וויעגעלע. דער יוד איז אונטערגעגאנגען, א פארע געטהאן אין וויעגעלע מיט זיינע הארטע לעדערנע הענטשקעס, עפיס א ברום געטהאן, ניט געווענדעט זיך צו קיינעם: „נאך גאר אפיצעל“, פערנומען דאס קליינע קערפערעל צו זיך אין קאשיק אריין, איבערגעדעקט עס מיט א שווארצען טוך און איז באלד ארויסגעגאנגען, געלאזט הינטער זיך א ווייסע געדיכטע פארע. דערביי האט די מאמע מאדנע א הליפע געטהאן אין זיך און איז תיכף אנטשוויגען געווארען, געהאפט א קוק אויף דער שכנה. די שכנה האט פרום געשאקעלט מיט'ן קאפ, צוגעלעגט א פאר פינגער צו די אויגען און אונטערטעניג אויסגעשנייצט די נאז. דערנאך איז די מאמע ארויסגעגאנגען, זיך געשטעלט אין דרויסען, די אקסלען האבען איהר נאכאנאנד געשווידערט. זי האט שטום נאכגעקוקט דעם פרעמדען יודען, ווי ער ווערד פערשוואונדען מיט'ן קאשיק אין דער זאוויערוכע, הינטער די פערשאטענע פעלדער, וואו הימעל און ערד און שניי שווינדלען און דרעהען זיך און גיסען זיך צוזאמען.

דערוויייל האט די שכנה אין דער פאטשיילע זיך ארומגעדרעהט שטיל איבער'ן שטיבעל, געקוקט אויף די ווענד, געקוקט אויף די סטעלי, ווי זי וואלט עפיס זוכען. ענדליך איז זי צוגעגאנגען צום טיש, עפיס א שלעפ געטהאן פון אונטער דער פאטשיילע, ארויסגעלאזט דערביי א גאטספארכטיגען זיפץ — אויפ'ן טיש האט זיך בעוויזען א ברויט מיט א ווייסען קעז אין פאפיער. דערנאך איז זי ווידער אומגעגאנגען איבער'ן שטיבעל, וויע-

דער עפיס געזוכט, ארויסגעלאזט נאך א זיפץ, צוגעגאנגען צו די בעטען, אריינגעלאזט די האנד אונטער דער פאטשיילע, א זאג געטהאן: „נא"! — און ארויסגענומען און בעטיילט די קינדער יעדען מיט א בייגעל. פאר'ן אוועקגעהן האט זי זיך דערמאנט און געזאגט: „מאכט המוציא"! — געהאלטען זיך א ווייַלע ביי דער קליאמקע פון טהיר, פרום און שטיל בעטראכט דאס גאנצע שטיבעל, אויפגעהויבען דעם קאפ צו דער סטעלי, פונקט ווי זי וואלט רופען צו גאט, ער זאל אויף טשיקאוועס אריינקוקען, זעהן, וואס פאר איין איינדרוק עס וועט דא בלייבען נאך איהר אוועקגעהן.

בייטאג איז אין שטיבעל געווען טוידט-שטיל. אויף די שויבען איז אנגעוואקסען א געדיכטער פינסטערער פראסט. די קליינע געקרויזטע קעפלעך האבען שטיל און פערוואונדערט ארויסגעקוקט פון אונטער די שמאטעס. נאר די מאמע, וואס איז געזעסען ערגיץ אין א ווינקעל אויף דער ערד, אויף א הילצערן קלעצעל, האט זעהר אפט געשנייצט אין פארטוך די רויטע אנגעשוואלענע נאז. ערשט שפעטער, אז מע האט אנגעצונדען דאס קליינע פעררויכערטע לעמפעל, האט מיכל פאוואלי זיך אראבגעגליטשט פון אויווען אין איינע תחתונים און איז געבליבען שטעהן אין מיטען שטיבעל א צעטראגענער, א ווילדער, מיט א צעהראסטעטען צעשויבערטען קאפ. ער האט גענומען שפרייזען שטיל איבער'ן שטיבעל א בארויסער הין און צוריק, און צוזאמען מיט איהם האט אויך נאכגעשפרייזט אויף דער וואנד זיין הויכער אומגעלומפערטער שאטען. איינמאל, צוקומענדיג צום פוסטען וויעגעלע, האט ער זיך אבגעשטעלט, אנגעבויגען דעם קאפ און אריינגעקוקט איינווענייג, געקוקט א היבשע ווייַלע אויפמערקזאם, ווי א מענש, וואס איז נייגעריג צו בעקוקען יעדע קלייניגקייט. אין שטיבעל האט זיך יענע מינוט איין אבר נישט געריהרט. ביי דעם ווייב האבען זיך די האר געשטעלט קאפויר. דערנאך האט מיכל זיך אומגעקעהרט צום טיש, געקוקט א ווייַלע אויף דאס ווייב מיט א פאר גלעזערנע אבגעקיהלטע אויגען, א זיפץ געטהאן, אויסגעשטרעקט א האנד און אבגעבראכען א שטיק פון דעם קעז, ארויפגעדראפעט זיך מיט דעם צוריק אויפ'ן אויווען. געטשאמקעט הויך מיט דער צונג. און אז דער קעז איז צעגאנגען אין מויל און געריצט דעם גומען, האט מיכל אראבגעבויגען דעם קאפ אין שטיבעל ארייַן און א ברום געטהאן:

— הער, דו... פארהאן עפיס געבאקטע קארטאפליעס, צי נייַן?

דערנאך, אין מיטען ווינטער, איז אונטען אין שטיבעל עפיס פארגעקומען מיט דער עלטערער טאכטער, מיט זלאטקע'ן.

זלאַטקע איז געווען אַ קלײנװאוקסיג געטאָקט שוואַרץ־הניעװדיג מײדעל מיט אַ געדיכטען שוואַרצען צאָפּ און מיט שוואַרצע לויפענדיגע אויגען. זי האָט געאַרבײט בײַ אַ הוטמאַכערין און האָט שטענדיג, סײַ זומער און סײַ ווינטער, געטראָגען אַ שנײ־װײַס קאָפּטעלע בענעדהט מיט שפּיצלעך. אין שטיבעל פּלעגט דאָס שנײ־װײַסע קאָפּטעלע אַרויסרופען ליכטיגע געדאַנקען וועגען אַ וועלט אַ ווײַטע, אַ גליקליכע, אַ קלאָרע, אַ זויבערע, אָהן אַ שום שפּרענקעלע. זלאַטקע האָט געפּיהרט בעקאַנטשאַפט מיט די אַפּטײק־יונגלעך פון דער גרויסער אַפּטײק און האָט געהאַט ערגיץ אין אַ ווינקעל פון שטיבעל אײן אַלט אָבגעריבען שפּיגעלע מיט אַ שפּאַלט אין מיטען, וואו אַליץ פּלעגט זיך טײלען אויף צווײען און אָבשפּיגלען זיך קאַפּויר.

עס האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, זלאַטקע איז געקומען אויף דער נאַכט אַהײם און מאָרגען איז זי שוין מעהר נישט געגאַנגען צו דער אַרבײט. זי האָט זיך פערקליבען צום פענסטערעל, אָנגעטהאָן אין איהר האַרים בגד׳על, און געזעסען דאָרט אַ קלײנינקע, אַ דערשלאָגענע, אַ שווײַגענדיגע, מיט אַ שטומען סוד אין די אויגען. מע האָט זי געפרעגט, וואָס איז מיט איהר — האָט זי געשוויגען, מע האָט זי געשיקט אַרבײטען — האָט זי נישט געענטפערט, נאָר אָבגעקעהרט דעם קאָפּ אָן אַ זײַט און איהרע לויפענדיגע שוואַרצע אויגען האָבען זיך אָבגעשטעלט און מאָדנע געפּינטעלט אין אײן פּינטעל. נאָר אַז מען האָט איהר שטאַרק דערעסען מיט ווערטער, האָט זי זיך פּלוצים אָנגעצונדען און אַנידערגעשטעלט. די קלײנע געטאָקטע פיגור אין דעם שטײף־פערשפּילעט בגד׳על האָט זיך אויסגעגלײַכט, די באַקען האָבען זיך צעברענט, די שוואַרצע אויגען האָבען געשאָסען פונקען פײַער. זי האָט געטופּעט מיט די פיס, געקלאַפּט מיט׳ן פויסט איבער׳ן טיש און געשריען, אַז איהר איז שוין אַליץ מיאוס געוואָרען, זי וויל פון קײן זאַך ניט וויסען: עס איז איהר מיאוס ומאוס דאָס לעבען מיט דער אָרימקײַט, מיט דעם קלײן פינסטער שטיבעל, מיט דעם קאַלטען שמוציגען געלעגער, וואָס זי האָט דאָ בײַ־נאַכט. אַזעלכע ווערטער האָבען אין שטיבעל נישט געמאַכט קײן שום ווירקונג. מען האָט געהאַט דערצו נאָר אײן גלײַכען מיטעל: נישט געבען איהר קײן עסען. זלאַטקע אָבער האָט וואָס ווײַטער אַליץ מעהר זיך געהיצט און געערדט פאַר פײַער און פאַר וואַסער. זי איז געשווינד אומגעגאַנגען איבער׳ן שטיבעל, געמאַכט מיט די הענד, האַסטיג זיך אָבגעשטעלט בײַם שפּיגעלע, געקוקט און געהאַפּט זיך בײַם קאָפּ: זי האָט ניט וואוהין צו אַנטלויפען. וואוהין זאָל זי לויפען?...

אַז עס איז געוואָרען ענג אין שטיבעל, האָט זלאַטקע אָנגעהויבען

אַרויסצוגעהן אין גאַס, צו דער גרויסער אַפּטייק און אין פרעמדע הייזער און צו דעם פערפרוירענעם טייך, וואו עס גליטשען זיך בחורים מיט מיידלעך אין ווייסע באַשליקעס. אָבענד-צייט, אַז די עלטערע קינדער, די זכרים, פלעגען קומען פון דער אַרבייט, פלעגען זיי זיך אַוועקלאָזען איבער דער שטאָדט אויפזוכען זלאַטקע'ן, מע פלעגט זי ברענגען צופיהרען אין שטיבעל מיט געוואַלד — אַ צעפלאַמטע, אַ צעטראָגענע, אַ מסוכנת; דאָס אויבער-בגד'על צעשפּילעט, די געקרויזטע שוואַרצע האָר צעוואָרפען אויפ'ן היציגען שטערען, די באַקען — פונק-רויטע, אין די אויגען ברענט אַ מאָדנע פרעמד פייערעל, זי האָט זיך געריסען פון די ברידער, געמאַכט מיט די הענד און מאָדנע הויך געלאַכט.

— משוגעים, איהר הערט? איך בין אַ פרעמדע. וואוהין שלעפּט איהר מיך? איך בין אַ פרעמדע. איהר ווייסט, וואו איך בין געבוירען צו זיצען?...

און לאַנג, לאַנג, ביז שפּעט אין דער נאַכט, פלעגט נאָך אין שטיבעל אַליץ רודערען. די אָנגעהאָרעוועטע, פערסאָפּעטע בחורים פלעגען זיך צוהאַפּען ווי די אויסגעהונגערטע פערוואָגעלטע וועלף צו דער וועטשערע — צום שוואַרצען קרופּניק מיט ברויט. זלאַטקע פלעגט אומגעהן איבער'ן שטיבעל אינ'ם צעשפּילעטען בגד'על, הויבען גדלות'דיג מיט די אַקסלען, מאַכען מיט די הענד און אַרייַנקוקען מינוטענלאַנג אין דאָס שפּיגעלע.

בייַנאַכט פלעגען די בחורים אין שלאָף מוראדיג הראָפּען און פייפען מיט די נעז. זלאַטקע איז געלעגען אין דער פינסטער אויף איהר געלעגער מיט אָפענע ברענענדיגע אויגען. עס האָט אויף איהר געברענט דאָס לייַב. אין דאָס שטיבעל פלעגט יענע נעכט אַראָבגעהן אַ צויבער. די אַלטע קרומע וואַנד פלעגען זיך צעוויגען הייַט-וויַט, אַזוי ווייַט, אַז עס האָט אָנגעהאַפּט אַ שווינדעל, און די קליינע ווייַסע פערפרוירענע פענסטערלעך האָבען אַרויסגעקוקט ערגיץ פון אַיין עק וועלט. פאַר די אויגען איז געשטאַנען אַ נעבעל. עס איז אויסגעוואַקסען דורך דעם צויבער אַ פוך-ווייכער געלעגער, אַ זייַדען-צאַרטע קאָלדרע און ווייַסער מאַרמאָר און עדעלשטיינער און לופט און בלומען און דופטיגע ריחות פון בשמים. אין די דאָזיגע ווייַדענס און פוך האָט זיך געבאָדען און געצאַפּעלט אַ יונג ברענענדיג מיידעלש קערפּער. עס האָט זיך צעגאָסען און געזאָדען אין לייַב אַ דורשטיגע ניט-אייַנגעשטילטע לוסט; נאַקעטע זודיגע אָרעמס האָבען געטאַפּט און גערופען אין דער פינסטער. פאַרטאָג, אַז די לופט האָט אָנגעהויבען ווערען בלייַך און קאַלט און די ווייַסע פערפרוירענע פענסטערלעך האָבען, ווי נאָך אַ חלום, זיך געזעהען שוין גאָר נאָהענט, פלעגט זיך דאָס

אַליין אויסלאָזען מיט אַ ביטער געוויין, וועלכעס מיכל אויפ'ן אויווען האָט בשום אופן ניט געקאָנט פערשטעהן: ווער וויינט עס? וואָס עפּיס מיט אַ מאָל, אין מיטען שלאָף, וויינען?...

איינמאָל, אַז די בחורים האָבען געבראַכט צופיהרען זלאַטקען פון נאַס, איז געוועזען אַ ליכטיגע, אַ פראָסטיגע נאַכט. זלאַטקע האָט זיך פריהער געהיצט, דערנאָך איז זי האַסטיג צוגעגאַנגען צו אַ פענסטערעל און צוגעלעגט דעם צעהיצטען שטערן צו אַ פערפרוירענע שויב. אין דרויסען איז געווען ליכטיג און שטיל. עס איז אַראָבגעגאַנגען אַ כשוף פון הימעל און זיך געלעגט אויף דער שטילער ווייסער וועלט. דער שניי האָט געבלאַנקט און געבליצט און געוואונקען מיט זילבערנע פינקעלעך. קעגען-איבער, אין ווייסען ליכטיגען גאָרטען, האָבען זיך אויסגעלעגט געדיכטע גרויע שאָטענס פון דעכער און פאַרקאַנעס. דער גאָרטען האָט געפיהרט ווייט, ערגיץ אַראָב באַרג, צו אַ טייך און צו אַלטע אָנגעבויגענע בוימער. הינטערן באַרג האָט זיך אַראָבגעלאָזט דער הימעל, עס האָט געשלאָגען פון דאָרטען אַ העלער דורכזיכטיגער שיין און געשווינדעלט פאַר די אויגען.

און מיט אַמאָל איז זלאַטקע'ן אַלץ קלאָר געוואָרען. מען דאַרף לויפען אַהין, אַראָב באַרג, וואו עס געפינט זיך דער טוידט-שטילער יודישער בית-עולם מיט דער איינגעפאַלענער ציעגעל-וואַנד. אַקעגען בית-עולם, אויף יענער זייט טייך, שטעהט אין אַ טהאָל דער אַלטער פערשלאָסענער מאָנאַסטיר מיט די סך פענסטער, מיט דעם הויכען שטיינערנעם פאַרקאַן. איצט איז ליכטיג און קיין מענשענס אויג זעהט ניט. עס געהען איצט אַרויס אויפ'ן טייך נאַקעטע ווייבער מיט ווייסע ברוסטען, מיט לאַנגע, געדרעהטע, צעוואָרפענע צעפּ. זיי טאַנצען מחנות-ווייז אויפ'ן אייז, האַקען אויס אין איהם לעכער, טוקען זיך אין געפרוירען וואַסער, שטעלען אויס דער שטאָדט לאַנגע, רויטע צינגער. אויפ'ן הויכען שטיינערנעם פאַרקאַן פון מאָנאַסטיר גנב'ענען זיך בלייכע זינדיגע מאָנאַכען, דראַפּען זיך מיט ציטעריגע הענד און פיס, שטעלען אָן מויל און אויערען, עס טרייסעלט זיי אַ צאָהן אָן אַ צאָהן...

אין איין אויגענבליק איז זלאַטקע אָבגעשפּרונגען פון פענסטער, אַ ריס געטהאָן די טהיר און אַרויסגעלאָפען אין גאַס. עס איז געוואָרען אַ טומעל מיט אַ געשריי מיט אַ קוויטשעריי. נייגיעריגע שכנים האָבען אָנגעטהאָן די וואַרימע פעלצען, שכנות האָבען זיך איינגעוויקעלט אין די וואַרימע פאַטשיילעס, מען איז אַרויסגעגאַנגען און געשטאַנען ביי די טהירען. אין מיטען גאַס זענען געלאָפען אָהן אָטהעם די פערוואָגעלטע, פערסאָפּעטע ברידער. דער טרוקענער פונקעלדיגער שניי האָט געקנאַקט

אונטער שווערע שטיוועל. אין די ארומיגע פעלדער האט זיך צעגאסען זלאטקע׳ס הילכיג, קווימשיג קול. מע האט זי געהאפט, געשלעפט איבער דעם שניי און געשלאגען. אויף דער גאס איז געווארען א רעדעל. זלאטקע האט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד, געריסען פון זיך די האר, געוויינט, גע׳טענה׳ט צו לייטען, אז זי איז גאר א קריסטין, געריסען פון זיך די קליידער. יונגע בחורים און יונגלעך האבען צו זייער גרויסער ערשטוינונג בעמערקט די אויפגעריסענע קליידער און ווייסע מיידעלשע וועש. דער יונגערער ברודער, נאך גאר א קינד, איז געווארען שטארק אומרוהיג. עס האט איהם פלוצים א זעץ געטהאן דאס בלוט אין פנים. ער האט זיך אנגעבויגען צו דער שוועסטער און געזאגט איהר אויפגערעגט אויפ׳ן אויער:

— שטעה אויף גיכער! איך וועל דיך דערווערגען...

נאר געזאגט האט ער עס ווי א קינד, פאר פערצווייפלונג, און איז באלד אבגעגאנגען א מיעדער, איין אהנמעכטיגער, זיך אנגעשפארט אן א וואנד פון א פרעמדער שטוב און זיך צעוויינט הויך אויפ׳ן קול.

א גאנצע נאכט האט אין שטיבעל געלויכטען דאס לעמפעל. זלאטקע האט געהאלטען אויפ׳ן געלעגער די נאקעטע ארעמס אין דער הויך און האט געברענט אין א העליש פייער. די מוטער, א שטומע, א דערשראקענע, איז געזעסען ביי איהר צוקאפענס, געטאפט איהר דעם זודיגען שטערן, עפיס אליין געוואלט טרייסטען זי און איינשטילען, נאר זי האט ניט געקאנט צוטראכטען דערצו די נויטיגע ווערטער. די בחורים האבען שוין געהראפעט און געפייפט מיט די נעז. נאר איינער, דער יונגסטער פון זיי, האט זיך א לאנגע צייט נישט געקאנט בערוהיגען, וואס ער האט געוויינט אויף דער גאס. ער איז געלעגען אנגעשפארט אויף זיין עלענבויגען, ארויסגעקוקט פון געלעגער אין שטיבעל אריין און געטראכט, ווי אזוי ער וועט זיך אברעכענען מיט דער וועלט. ער וועט געהן אין שוהל און וועט טענה׳ן מיט לייטען און שרעקען זיי מיט גאט און אנווייזען אויף דעם ארון-קודש און אויף די הייליגע ספר-תורות: „איהר זענט רשעים, איהר פרייהט זיך אויף יענעמ׳ס אומגליק!“ — מע וועט מסתמא איהם אויסלאכען, מע וועט זאגען: „דעם ניטגוטענ׳ס א זוהנדעל“ — וועט ער דענסטמאל שוין פערליערען די געדולד און וועט האפען פון בית-מדרש-טיש א ציגעל...

אויף מארגען פריה זענען צוויי יודען צוגעפאהרען צום שטיבעל אויף א פוהר. מע האט זלאטקען ארויסגעטראגען אויף די הענד און זי אוועקגעפיהרט אין שטאדט. אין א חודש ארום, אז זי איז געקומען אהיים

צופּוס, איז זי שוין געווען רוהיג. זי איז אומגעגאַנגען איבער'ן שטיבעל פאַמעליך, אַ שטילע ווי אַ שאָטען, אַ בלייכע, מיט איינגעפאַלענע באַקען, מיט עפּיס אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ, פון וועלכען עס האָט אַרויסגעקוקט אַ דין אויסגעקראָכען צעפּעל. אין די אויגען האָט ביי איהר עפּיס זיך אויסגעלאָשען. זי האָט געטראָגען נאָך אַלץ דאָס ווייסע קאָפּטעל, נאָר אויסזעהן האָט עס איצט אויסגעזעהן עפּיס גאָר אַנדערש — ווי פערוועלקטע בלומענבלעטלעך אַרום אַ פערוועלקטע בלום. איצט איז זלאַטקע געזעסען בײַם טיש אַ גלײַכגילטיגע, אַ שווײַגענדיגע, און שטום צוגעקוקט, ווי די מאַמע פליקט פעדערען.

אָבענד־צײַט ברענגט איהר דער יונגערער ברודער אויף וועטשערע אַ בולקע מיט מילך. זלאַטקע נעמט עס באַלד עסען שטיל, אָהן ווערטער. הינטער'ן אויווען, אויף די בעטען, ווערד בײַ די קליינע אַ בעוועגונג: „אַ בולקע מיט מילך, אַ בולקע מיט מילך!“ — אין איין אויגענבליק שפּרינגט אַראָב און בעווײַזט זיך בײַם טיש אַ קליין יאַטעל מיט געקרויזטע הערלעך, מיט קרומע פיסלעך, אין איין העמדעל:

— זלאַטקע, גיעב אַ שטיקעל.

דער ברודער, וואָס גיט אַכטונג ווי זלאַטקע עסט, טיילט איהם איין אַ הילכיגען פּאַטש. דאָס יאַטעל מאַכט אַ שווײַג און קײַקעלט זיך אַוועק געשווינד אויף די קרומע פיסלעך צוריק אין בעט אַרײַן. ערשט נאָכדעם, זיצענדיג צווישען אייגענע מענשען אין בעט און פיהלענדיג זיך בעשיצט, שטילט דאָס יאַטעל זײַן האַרץ מיט ווערטער, זאָגט אַרויס גיך־גיך, אין איין אָטעם:

— אַ קרענק אין דיר, אַ חלירע אין דיר, אַ מכה אין דיר, אַ געשוויר אין דיר...

דער ברודער טופּעט מיט די פיס און שרײַעט:

— שטיל, דו וואָרים! זעה נאָר, וואָס פאַר אַ צינגעל דאָס האָט! דאָס וואַקסט נאָך אַ טאַטעלע, אָט פונקט דער ניטגוטער טאַטעלע מיט די ביינער!

דערהערט דאָס וואָרט „טאַטעלע“, בעווײַזט זיך באַלד פון אויווען מיכל'ס קאָפּ אַליין. די צעשויבערטע האָר קוקען אַראָב ווילד, די רויטע פערגאָסענע אויגען זוכען עפּיס, ווי עס זוכט איין אויפגעוועקטע צערייצטע חיה.

— האַ? וואָס „טאַטעלע“? ווער האָט געזאָגט „טאַטעלע“?!

זײַנע אויגען זוכען און זוכען און פאַקען באַלד אויפ'ן טיש די בולקע מיט מילך. אין איין אויגענבליק גליטשט ער זיך אַראָב פון אויווען

און בלייבט שטעהן אין איינע תחתונים.

— רוצחים! בלוטזויגערס! אַ טאַטעלע בין איך אייך? איך וועל אייך לאָזען צאַפּען דאָס בלוט פון מיר? דאָס בלו—אוט? איך בין אַ קראַנ־קער מענש, אַ פאַרבייאיגער! איך שטארב אוועק! איך דארף האָבען וואויל־טאָג, וואוילטאָג דארף איך האָבען!...

II.

אַ גאַנצע נאַכט האָט די ציעג נישט אויפגעהערט צו מעקען הינטער דער וואַנד. דאָס מעקען איהרס איז עפּיס געווען אַנדערש ווי אַלע מאָל — אַ שוואַכס, אַ דינס, אַיין אָהנמעכטיגס, און עס האָט זיך געהערט אין דעם אי אַ געבעט, אי אַ שטיל קלאָגען זיך אויף אַ פערוואָגעלט בהמיש לעבען, אי אַ דינער שטראַהל פון האָפנונג... וואָס זאָל עס בעדייטען?

אין שטיבעל האָט זיך נישט געשלאָפען. עס האָט זיך געפיהלט, ווי אין דרויסען בלאָזט אַ קאַלט פייכט ווינטעל און נאָהענט איבער דעם דאַך פויזען אום נידריגע שווערע וואָלקענס. די שפּיץ פינגער פון די פיס זענען פערגליווערט געוואָרען פון קעלט, די שפּיץ אויערען האָבען מאָדנע געפּייערט, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך אָבגעבריהט אָן עפּיס זו־דיגעס. אַלע האָבען אין דער פינסטער געטראַכט וועגען דער שווארצער ציעג, דער פערגעסענער ציעג, ווי זי פערברענגט איהר ווינטער עלענד און געטריי אויף דער פערפרוירענער קופּע מיסט אינים אָפענעם שטעלכעל. אַז מע געהט אַמאָל פערביי, קוקט זי אַרוים מיט איהרע גרויסע געטרייע נאַאיווע ציעגישע אויגען און האָפט אויף עפּיס און גלויבט אין מענשליכע גוטהערציגקייט. מע האָט זיך געטוליעט אין די שמאַטעס און נישט גע־קאָנט איינשלאָפען.

— זי הערט גאָר ניט אויף צו מעקען! — האָט זיך געהערט אַ האַלב פער־שלאָפען קול אין דער פינסטער.

— דאָס איז אַ סימן, אַז דאָס וועטער וועט זיך בייטען; עס וועט וואַרים ווערען. — האָט דער עלטערער ברודער נביאות געזאָגט פון זיין געלעגער.

אין אַ פירטעל שעה אַרום האָט זיך געהערט ווי פון דאַך האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבען קאַפּען. די ציעג האָט נאָך אַ שטילער פויזע ווייטער

גענומען מעקען טרויעריג. די שפּיץ פינגער זענען נאָך אַלץ געוועזען פערגליווערט פון קעלט, די שפּיץ אויערען האָבען נאָך אַלץ מאָדנע געפּייערט, נאָר מע האָט שוין געהאַפּט אַ דרימעל. פאַר די פערמאַכטע אויגען האָט זיך שוין געדאַכט דער צוקינפטיגער וואַרימער זומער מיט ברייט־געעפענטע טהירען, מיט אַ לויטערן הימעל, מיט פריש־געאַקערטע בייטען אין גאָרטען, מיט שטראַהלענדיגען גרינס אויפ'ן בערגעל. שפּעטער אַ ביסעל איז אָנגעפאַלען אַ האַרטער, אַ געשמאַקער שלאָף.

אים בעגינען האָט מען זיך אויפגעהאַפּט פון שלאָף בשעת די מאַמע האָט אַ ריס געטהאָן די טהיר און איז אַרייַנגעקומען פון דרויסען מיט אַ פרומען גלאַנץ אין די אויגען. מע האָט זיך גענומען אָנטהון אויף די געלעגערס. די מאַמע האָט זיך שטיל געדרעהט אין שטיבעל הין און הער, ווי אַ צעטראָגענע. ענדליך האָט זי ניט אויסגעהאַלטען און איז צוגעגאַנגען צו די בעטען מיט אַ מאָדנע היטרע שמייכעלע אין די פרומע אויגען.

— זי האָט זיך טאַקי אָבגעצייגעלט...

— וואָס? ווער?

— איך זאָג: די ציעג אונזערע... טאַקי געהאַט אַ צווילינג.

— נו—או? וואָס רעדסט דו? טאַקי? די ציעג?

מע האָט זיך געהאַפּט מיט היץ צו די בגדים. די שווערע טרוקענע שטיוועל זענען געפלויגען אויף די פיס אַזוי שנעל און אָהן אַ ברעקעל עקשנות, אַז מע האָט געקאָנט גלויבען, אַז נור איין גאָט האָט זיך היינט אַרייַנגעמישט אין דעם. הענד און פיס האָבען געציטערט. מע האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אַלע מיט אַ מאָל אין דרויסען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער עלטערער בחור זיך אומגעקעהרט אַ געריהרטער.

— וואָס זאָגסט דו דערצו? אַ צווילינג, ווי איך בין אַ יוד!

עס זענען אָנגעקומען פון שטעלכעל די איבעריגע קינדער מיט אָבגעפּרישטע פרעהליכע שייַנענדיגע פּנים'ער. דאָס שטיבעל האָט זיך פלוצים אויפגעהאַפּט. די ציעג האָט זיך טאַקי מיט איין אֶמת אָבגעצייגעלט! ווער זאָל זיך דאָס ריכטען אויף אַזעלכעס! עס איז געוואָרען אַ ריידעריי מיט אַ לעבעדיגען טומעל, מע האָט געשמועסט מכּה אַ וואַרעמע „פּאָילאָ" פאַר דער קימפּעטאָרין, מע האָט גערעדט וועגען איהר מיט אַ צאַרטען ליעבשאַפט. מע האָט דערצעהלט פון איהר שבחים, מע האָט זיך דערמאָנט אַלטע זכרונות, אַז אַמאָל, איידער דער ווינטער איז אָנגעקומען, האָט מען זי גערופען מיט אַ ווייַבערשען נאָמען — „רייזיל". דאָס רחמנות איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט.

— נעבאַכקע, רייזילי!...

דאָס קליינוואַרג האָט זיך געהאָפּקעט אויף די בעטען און גאָר אָנגעקוואָלען. מחמת גרויס התפּעלות האָט מען אויך אונטערגעקנײַפּט איינס דאָס אַנדערע: „רייזיל האָט זיך אָבגעציגעלט!" — איינס אַ נאַקעט יאַטעל, דאָס סאַמע הוואַמסקע פון זיי אַלע, האָט זיך פאַר גרויס בעגײַסטערונג אַזש איבערגעקוליעט אין בעט צוויי מאָל איבער'ן קאָפּ, אַהין און אַהער. איין מאָל „האָפּ", אַ צווייטעס מאָל „האָפּ" — און אויסגעלאָזט מיט אַ לאַנגען געדרעהטען ציגישען „מע-ע-ע"!

דער עלטערער ברודער, אַ הויכער שוואַרצער האָרעפּאַשנער בחור, מיט לאַנגע קרומע פיס, מיט גרויסע הענד און מיט שוואַרצע אָנגעשוואָלענע נעגעל אויף די פינגער, האָט זיך אָנגעבויגען אין אַ ווינקעל איבער זיין בײַטעלי, געגראַבעלט זיך שטילערהייד אין דעם און עפּיס געחשבונ'ט אויף די פינגער. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער מאַמע, אַ קלונג געטהאָן אין הויפען מיט אַ פּאָר קופּערנע מטבעות און אַרויסגעזאָגט ענטשלאָסען, מיט אַ טאָן פון אַ מענשען, וואָס איז זיך מקריב לטובת הכלל:

— נאַ, דו וועסט קויפען „סיעטשקע" מיט קלייען.

— סיעטשקע מיט קלייען! סיעטשקע מיט קלייען! — האָבען די קליינע אויף די בעטען אונטערגעכאַפּט דאָס דאָזיגע לעצטע נייעס מיט דער זעלבער בעגײַסטערונג. עס האָט אויסגעוויזען, אַז דאָס אומגעריכטע גליק צעגיעסט זיך היינט איבער זייערע קעפּלעך קוואַלען-ווייז, איין קוואַל נאָך דער אַנדערער, און עס וועט זיך גאָרניט אויסנעמען. נאָר איין זלאַטקע איז געשטאַנען אין איהר ווינקעל אין איין אונטערקאָפּטעל אַ פרעמדע, אַ שווייגענדיגע, אַ גלייכגילטיגע, ווי אַלע מאָל, און פּאַוואָלי זיך געפּאָרעט מיט איהרע קליידלעך.

די בשורה איז אויך דערגאַנגען צו מיכל'ען אויפ'ן אויווען. צום אָנהויב האָט ער זי ניט פערשטאַנען. ער איז דעמסטמאָל גראָד געלעגען מיט'ן פנים צו דער וואַנד, אַ פערטראָגענער אין זיינע ווילדע געדאַנקען. אַז מע האָט איהם געשלעפּט פאַר די פיס און דערצעהלט דאָס נייעס, האָט ער אַ ציטער געטהאָן און געשריען מיט שטייף-פערמאַכטע אויגען: „רוצחים! ממזרים! איך וועל נישט געהן מיט אייך!"... — ערשט נאָכדעם, אַז ער איז אַ ביסעל צו זיך געקומען, האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האַסטיג אַ פרעג געטהאָן: „האַ? די ציג?" — און האָט זיך אָוועקגעזעצט, געגלאָצט אַרום זיך מיט די אויגען און אָבגערוהט, ווי מע רוהט אָב נאָך אַ שווערע אונמענשליכע אַרבייט.

שפּעטער איז אין שטיבעל געשטאַנען אַ געדיכטע ווייסע פאַרע פון דער „פּאָילאָ" און עס האָט זיך געטראָגען אַ וואַרימער ריח פון געברידהטע

קליינען. מע האָט געפּיהלט, אַז דאָס לעבען הויבּט אָן אויף דאָס ניי צו שפּראָצען. די נאַקעטע, באָרוויסע יאַטלעך האָבען זיך געדרעהט מיט חניפה=פּנים'לעך אַרום דער ציג מיט איהר ניי=געבוירענעם צווילינג — צוויי קליינע שוואַרצע בעשעפּענישלעך, האַלב=פערשלאָפענע, האַלב=תמ'עוואַטע, מיט דינע אונטערגעלייגטע פיסלעך. אַט די דאָזיגע קליינע בעשעפּענישלעך האָט מען דורכאויס בעדאַרפט אַוועקשטעלען אויף די פּיסלעך. מע האָט געפּרובט דערצו כל המיטלען. דער ציג, ווי אַ נוגע בדבר, האָט מען גע'נתנ'ט אין מויל אַריין אַ פּאָר פערדאַרטע שטיקלעך ברויט, זי זאָל צוקוקען און שווייגען און זיך נישט מישען אַהין, וואו מע דאַרף נישט. די ציג אָבער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מאַמע, האָט ניט אָבגעטראָטען פון איהר צווילינג פון דאַנען אַהין נישט. זי איז געשטאַנען איבער זיי, גע־לעקט זיי מיט דער צונג, געקוקט דערביי מיט אַ ציגיש פערהלש'טן רחמנות=פּנימ'על און געוואָרפען אויף די יאַטלעך פערחלומ'טע מאַטע בליקען, ווי איינע זאָגט: „דאָס איז טאַקי מיינער איין איינענער צווילינג; איך בין דאָך נישט מעהר ווי אַ נקבה, משטיינס געזאָגט, אַ שוואַך בע־שעפעניש"...

פון אויווען האָט אַראָבגעקוקט מיכל, אַ מידער, אַ פערהלש'טער. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ מענש, וואָס קומט אָן ערשט פון אַ ווייטען פרעמדען וועג און פאַלט פלוצים אַריין צווישען אייגענע מענשען מיט אַיין אייגענעם אַלטבעקאַנטען טומעל. עס האָט זיך געדאַכט אַפילו, אַז אויף זיין פערעלטערט פערדאַרט אויסגעפּייניגט פּנים בעווייזט זיך אַט=אָט אַ לייכט ליכטיג שמייכעלע. אַלס בעל=הבית און אייגענטימער פון אַלין, וואָס קומט דאָ פאָר פאַר זיינע אויגען, האָט ער גע'טענה'ט:

— מילך... דער עיקר איז — זי זאָל געבען מילך. איך בין אַ קראַנקער מענש, אַ פערבייאַיגער, איך דאַרף האָבען מילך. זי האָט מיר אָבגעקאָסט אַ היבש ביסעל געלד — פיער זילבערנע בלו—אַו—טיגע קאַר־בען!

גאָר קיינער האָט איהם נישט געהערט: מען איז געווען פערטאַרעמט, פערטהון אין עסק. דער לאַנגער בייזער ווינטער האָט שוין אָבגעטראָטען אַהינטער, דאָס לעבען האָט אויף דאָס ניי אָנגעהויבען צו שפּראָצען.

דערנאָך האָבען די קליינע פערפרוירענע פענסטערלעך אָנגעהויבען אָבגעהן. אין דרויסען האָט די זון אַמאָל אַרויסגעקוקט פון ווייסע צעריסענע וואָלקענס. פון דאַך האָט געקאַפּעט פּאַוואָלי: אַ קאַפּ נאָך אַ קאַפּ. די טעג זענען געשטאַנען שטילע, ווי אין אַ חלום, ווי אין אַ יום=טוב. און אין דער שטילקייט איז אַמטמאָל דורכגעפלויגען איבער'ן דאַך מיט אַ ליאַרם אַ

מהנה קראהעס און מיט געפיהל פון קנאה אויסגעשריען, אז עס קומט אן א גאסט. אויף דער וואנד איבער דעם אויווען זענען בייטאג אויסגעוואקסען העלע ליכטיגע פלעקען פון דער זון. מיכל איז געלעגען פער׳חלומ׳ט מיט אפענע אויגען און צוגעקוקט, ווי די דאזיגע פלעקען שווינדלען און ציטערען, ווי צייטענווייז פליהען דורך איבער זיי פלינקע לייכטע שאטענס און ווערען באלד פערשוואונדען ערגעץ אין א פינסטערן ווינקעל. פאר די אויגען זענען שוין איצט געשטאנען אנדערע חלומות, גאט ווייסט פון וואס פאר א תהום זיי האבען זיך גענומען. עס האט זיך גע׳חלומ׳ט די קינדהייט, די לאנג-פערגעסענע ווייט-פערלארענע קינדהייט, בשעת אויף גאט׳ס וועלטעל איז אלץ געווען פראנק און פריי, בשעת מען איז געווען נאהענט צו דער ערד, זיך געפיהלט אויף איהר לייכט און זיכער, לייכט ווי א פויגעלע וואס טראגט איהר קערענדעל. דענסטמאל איז נאך אלץ געווען ברייט און הויך און קרעפטיג: די ארומיגע פעלדער, דער ווייטער וואלד, דער טייך, דער טומעלדיגער בית-מדרש, דאס הויכע געשטאלט פונ׳ם שווארצען כעס-דיגען טאטען...

זלאטקע איז געזעסען ביי׳ם פענסטער און זיך געווארעמט אויף דער זון, צוגעקוקט פערטראכט ווי עס שמעלצט דער שניי אויף דער גאס, ווי עס קאפעט פאוואלי פון דאך און אלס אויף איין ארט: קאפ, קאפ. אט איז די גאס און אט שטעהען א פאר הייזער מיט פענסטער, מיט פינסטערע גלאנציגע שויבען. אין די הייזער איז מסתמא פוסט, נישטא קיין לעבעדיגער נפש. אט זעהט זיך א שטיק גארטען, נאך בע-שאטען מיט שניי, אט זעהט זיך דער בארג. אזוי בעדארף זיין און אזוי וועט שטענדיג זיין. דא ביי׳ם פענסטער ווארעמט די זון, עס איז גוט צו זיצען שטיל און זיך נישט ריהרען פון ארט. אזוי בעדארף מען שטענדיג זיצען. און די פערשטארבענע יוגענד וועט שוין מעהר נישט אבלעבען, די שיטערע האר אונטער׳ן טיכעל וועלען שוין מעהר ניט וואקסען, די יונגע ברוסטען וועלען פערדארט ווערען. דערנאך וועלען דורכגעהן יאהרען, א יאהר נאך א יאהר, טרויעריג, פאוואלי, פונקט ווי עס קאפעט פון דאך טרויעריג און פאוואלי: קאפ, קאפ...

די בעטען וואס הינטער׳ן אויווען זענען שוין איצט געשטאנען ליידיג. דאס קליינוואַרג האט זיך צעלאזט איבער׳ן שטיבעל מיט די באָרוויסע פיסלעך. מע האט זיך עפיס געבאָברעט אין דער פינסטער, געמייסטרעוועט, געהאט צו טהון מיט שפענער און מיט טעמפע מעסערס, געקראכען אויף די פענסטער, געווארעמט זיך, ארויסגעקוקט אין גאס, געגאהרט נאך א ביסעל זון. עס האט זיך געפיהלט, ווי אין דרויסען בלאזען שוין

נייע פרישע ווינדלעך און עס קומט דאָרט פאַר עפּיס אַזוינס, וואָס מע האָט שוין לאַנג נישט געהערט און נישט געזעהן. פון גאַס פלעגען אַלץ אָנקומען נייע פרישע ידיעות, איינע פרייליכער פון דער אַנדערער. מע האָט דערצעהלט, אַז דער טייך האָט זיך געעפענט, און די בריק און די הייזער וואָס ביי דער בריק שטעהען אין וואַסער, אַז די גוים פון די אַרומיגע דערפער האָבען געבראַכט צופיהרען אויף אַ שיפעל אַ דערטרונקענע שיקסע, אַז אין שטאָדט האָט מען שוין אָנגעהויבען באַקען מצה...

און איינמאָל האָבען די קליינע שוין מעהר נישט געקאָנט אויס־האַלטען. מע האָט זיך אַרומגעשטעלט בחבורותא אַרום דער שווערער קרומער טהיר, בעלעגערט זי מיט אַ ליאַרם און מיט געשרייען, געקוועטשט זיך, געשטופּט זי, אַוועקגעלייגט דאָס לעצטע ביסעל כח. די טהיר האָט זיך לאַנג גע'עקשנ'ט, נאָר סוף כל סוף האָט חברה גובר געווען — זי האָט אַ שטאַרקען קרעכץ געטהאָן און זיך געעפענט.

— האָ — אָ — אָ — אָ! — האָט דאָס קליינוואַרג אויסגעשריען אויף דער שוועל, דערזעהענדיג די גאַס.

אין שטיבעל האָט זיך אַריינגעריסען אַ קאַלטער פרישער ווינד. אַ גאַנצער שטראָם זון האָט אַ שלאָג געטהאָן אויף די ווענד און עס איז פּלוצים געוואָרען ליכטיג אין אַלע ווינקלען; אויף דער סטעליע האָבען גענומען פלאַטערען די שוואַרצע אַראָבגעהאַנגענע שטיקער שפּינ־וועבס.

— אַה, גע'הרג'עט זאָלען זיי ווערען! ווער האָט עס געעפענט די טהיר? — מיכל האָט זיך אויפגעהאַפּט אויפ'ן אויווען פון אַ דרימעל, דערפיהלט ווי עפּיס אַ קאַלטס און אַ פרישס האָט זיך אַריינגעהאַפּט צו איהם אין צעשפּילטען בוזעם.

— ממזרים! רוצחים! בלוטזויגערס! די טהיר פערמאַכט, גע'הרג'עט זאָלט איהר ווערען!...

נאָר די קליינע האָבען שוין מעהר נישט געהערט וואָס עס טהוט זיך אינווייניג אין שטיבעל. זיי האָבען זיך אַלע צעניפגעשטויסען אויף דער שוועל, געשטאַנען צעמישטע, בעטויבטע, פערוואונדערטע פון דער גאַס. זיי האָבען נישט געוואוסט צו וואָס פריהער זיך צו האַפּען — צי צו די אָפענע טהירען פון די הייזער, וואו עס רעדט און עס קאָכט און עס טומעלט, אָדער צו דעם צעשמאָלצענעם שניי, וואָס רינט אַראָב פונ'ם בערגעל אין גרוב אַריין מיט אַ געלאַף, אָדער צו די ברייטע פעלדער, וואָס הינטער די הייזער, די וויט־פערטרונקענע פעלדער מיט די איינזאַמע בוימעלעך, וואָס קוקען אַרויס אויפ'ן וואַסער, מיט די טויזענדער שפּרינקעלעך, וואָס

שעמערירען און שפריצען מיט זילבער אקעגען דער זון.

— אוי־אוי־אוי, סארא גרויסער טייך! אנא שיפט מען זיך, זאל איך אזוי לעבען!

— פיק־פיק־פיק! קינדער, איהר זעהט? אנא שלאגען זיך צוויי העהנער! פיק־פיק־פיק!

— אטא געהט הירשעלי־קארטאפעלי, ער קייקעלט זיך ווי א קאר־טאפעלי. הירשעלי.... האפ! געפאלען, געלייגט איין אוי, ווי איך בין א יוד!

— הא־הא־הא! גוט געפאלען? זעהט, זעהט, ווי ער האט אויס־געצויגען די פיסלעך!

— ער טראגט נייע קאלאשען...

— זיי זענען נגידים.

— קארטאפעלי, קום אהער! זאג נאר, וואס האסט דו געפונען? א קא־פיקע?

— קארטאפעלי! להצאין...

— אוי־אוי־אוי, גוואלד, מאמעלעך! סארא ברייטע קופע שניי קייקעלט זיך פון בארג! אטא נאך איינע — פליוך!

— קינדער, איהר ווייסט גאר וואס? לאמיר געהן אין גארטען מאכען א מענש פון שניי! סע איז נאך פאראן שניי!

— א בארוויסער?

— איז וואס אז א בארוויסער? — האט זיך צעהיצט דאס עלטערע יאטעל, און פאר גרוים בעגייסטערונג האט ער זיך ערלויבט צו דער־צעהלען א ליגען:

— אמאל, בשעת איהר זענט נאך געווען קליינינקע, פלעג איך ווינטער זיך גליטשען אין מיטען גאס א בארוויסער, ווי איך בין א יוד!

— קינדער, מע דארף גאר אנטהון דעם טאטענס שטיוועל!

— דעם טאטענס שטיוועל! דעם טאטענס שטיוועל!

נאר עס איז שוין אפנים ניט בעשערט געווען היינטיגען ווינטער צו מאכען א מענש פון שניי. אז די יאטלעך האבען זיך אלאז געטהאן צוריק אין שטיבעל אריין, זענען זיי געבליבען אוויילע פערגאפט, דערזעהן איין אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג: מיכל איז געזעסען אויף א בעט, עפיס געבאברייט זיך דארטען, געאכצעט, געקרעכצט, און געצויגען אויף די פים א פאר גרויסע פערטריקענטע פאראיאהריגע שטיוועל. די קליינע האבען זיך ווייטער געשטעלט אויף דער שוועל און גענומען בעשפרעכען דעם דאזיגען נייעם אינצידענט.

— דאָס געדענקט ער זיך שלאָגען.

— און ברעכען שויבען.

— ער איז אַ געזונדטער. אַלע האָבען פאַר איהם מורא...

— גאָר אַ געזונדטער! ער זאָגט דאָך, אַז ער שטאַרבט?

— דאָס וויל ער — מע זאָל איהם געבען מילך...

— מילך! חברה, הוררא! — האָט אויסגעשריען דאָס סאַמע הוואַטסקע פון די יאַטלעך גלאַט אין דער וועלט אַריין, ווייל נאַרישקייטען זענען אין קאָפּ נישט געקראָכען און דער ווינטער איז שוין אַוועקגעגאַנגען און שרייען האָט זיך געוואָלט.

מיכל איז שאָקלענדיג זיך צוגעגאַנגען צו דער טהיר, זיך אַוועק־געשטעלט הינטער די קינדער פאַמעליך, שטיל, ווי אַ שאָטען, און אַרויסגעקוקט מיט טריבע, פערבלענדעטע אויגען אין גאַס אַריין.

— אָך־אָך־אָך, טאַטע זיסער! עס געדענקט שוין צו זומער... — האָט ער שטיל, ווי פאַר זיך, אָבגעזיפצט און געקוקט אַראָב אויף דער ערד. דער דאָזיגער זיפץ האָט עפּעס ווי מיט אַמאָל פערטריבען פון די קליינע יאַטלעך זייער גאַנצע פריהעריגע מונטערקייט. זיי זענען אַנשוויגען געוואָרען, געשטופּט זיך, ווי די שטומע פערוואָגעלטע שעפּעלעך, אַרום דעם הויכען פערעלטערטען טאַטען, געקוקט שטיל אויף דער גאַס, דאָר־טען, וואו ער האָט געקוקט, פונקט ווי איין טרויער וואָלט זיי אַלעמען אַרומגענומען.

די גאַס האָט זיך אינגאַנצען אומגעביטען. עס בלאָזען פרישע, קיהלע, גלעטענדיגע ווינדלעך, עס פליעסט און עס רוישט דאָס לע־בעדיגע וואַסער אין די טייכלעך, די גאַס וואַשט זיך אין צעשמאָלצע־נעם שטראַהלענדיגען אייז. עס שטעהען הויכע, לויטערע הימלען מיט לייכטע דורכזיכטיג־ווייסע וואָלקענדלעך, עפּעס פויגלען, פערוואָגעלטע נע־ונד'ניקעס, דרעהען זיך אום הויך אין הימעל, טראָגען זיך מחנות־וויז מיט אַ ביטער געשריי, נאָר זייער געשריי איז צו הויך און צו וויט פון דער טומעלדיגער ערד, און עס ווערד פערפאַלען אין דער לופטען.

די הייזער שטעהען שוין אָבגערייניגטע פון שניי, מיט שוואַרצע, פייכטע דעכער. טהיר און טויער זענען אָפען. אינוועניג אין די היי־זער רעדט מען און מע פילדערט, מע טראָגט זיך אום הין און הער צעמישטע פון ליכט און פון פרישקייט, מע שרייט עפּעס הילכיג, מע קלאַפּט, עס הערען זיך נאָכאַנאַנד טעמפּע קלונגען פון אַ שטויסעל. יונגלעך אין רויטע שאַלעכלעך יאָגען זיך כ״ט מסירת־נפש און מיט גע־האַלדען נאָך אַ פערריסענעם ווידערשפּעניגטען האָהן. יודען בעלי־

בתּים, אין ווינטערדיגע וואַטאָווע קאַפּטאַנעס, שטעהען מיט די הראַבליעס און שאַרען צונויף דעם מיסט אין סאַמע מיטען גאַס. עס הערט זיך אַ קנאַק פון אַ בײַטש, עס פליהט אָן אַ גויש פוהרעל — טרעטען די יודען אָב מיט דרך-ארץ דעם וועג, פערבײַסען די אויגען אין לופטען, בלײַבען שטעהן אַ ווײַלע אומבעוועגט, פערחלומ׳ט, מיט די הראַבליעס אין די הענד.

אַקעגען אין הויף האָט זיך צונויפגעקליבען אַ רעדעל ווײַבער. דאָס איז אָנגעפאָהרען יונה מוראַוואַנקער, פונ׳ם שטעדטעל מוראַוואַנקע, מיט זײַן וועגעל „טרפה סחורה“ לכבוד שבת. די ווײַבער ריידען און שרײַען און פּילדערען נאָכאַנאַנד און אַלע מיט אַמאָל. מען שלעפּט אַרויס פון שטרוי רויטע זײַטלעך פלייש, מען טײַטעלט יונה׳ן מיט די פינגער אין נאָז אַרײַן. יונה אָבער, אַ קאַלט חיטרע יודעל, אין אַ פערשמאָלצע-וועט פעלצעל, ווערד נישט נתפעל פון די ווײַבערשע דרכים. ער שטעהט קאַלט און טויב, ווי נישט איהם מיינט מען גאָר, און טענה׳ט אַליין צו׳ם ווײַב, וואָס זיצט אויף דער קעלניע אײַן אָנגעפּעלצטע אין אַ שוואַרע פּאַטשיילע:

— סאָווע-ווייזיל, טוויב דעם פּעווד!

יונה מוראַוואַנקער האָט אַ חסרון, וואָס ער קאָן נישט אויסריידען שאַרף אַ רי״ש, און פּונקט ווי אויף צו להכעיס ברייננגט איהם מיט זײַן פרנסה, ער זאָל שטענדיג האָבען צו טהון נאָר מיט ווײַבער און נאָר מיט גאָלע רי״ש׳ען.

— סאָווע-ווייזיל, מע וועדט דאָך צו דיוו קלאָווע דבווים, טוויב דעם פּעווד!

די ווײַבער ווערען פערברענט.

— סטײַטש, רב יונה, אַזאַ רציחה איז דאָך נישט געהערט געוואָרען! פּיערצעהן גראָשען אַ פונט קעלבערנע נבלה!...

— אַ שענע ווינע קאַפּאָווע! — ענטפערט יונה קאַלטבלוטיג. — אַ וציחה, זאָל זײַן אַ וציחה! און דו, סאָווע-ווייזיל, הענ די ווײַבעוו ווי דעם קאָטעוו — טוויב דעם פּעווד!

— וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ מין אָנשיקעניש? סאַראַ יקרן ער איז דאָס אָקאָרשט געוואָרען!

— אַ יקוון, זאָל זײַן אַ יקוון! אַ שענע ווינע קאַפּאָווע! — ענטפערט יונה און שלעפּט קאַלטבלוטיג די זײַטלעך פלייש צוריק אין וואָגען אַרײַן. — ווײַבעוו טאָוו מען קיין סחווה נישט פּעוקויפען. וויוח צו זיי מיט יושוו: פּיעווצעהן גוואָשען — ענטפּעווען זיי: פּיוהואַך...

סאָווע־וויזיל, טוווב דעם פּעווד צוויק קיין מוואַוואַנקע!...

אויף דער שוועל פון שטיבעל איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיכל ניטגוטער אַ פערשכור׳טער, אַ בעטויבטער פון דער גאַס, איין אָבגעפרעמדעטער. ער האָט שטילערהייד צו זיך געזיפצט:

— לייט קויפען פליש...

אין טהיר האָט זיך בעוויזען זיין ווייב. זי האָט זיך געטאַפּט ביי די האָר אונטער דער פּאַטשיילע און געפּינטעלט מיט די הויטע, געשוואָלענע אויגען אין גאַס אַריין. עס איז אויך אַרויסגעגאַנגען זלאַטקע און זיך אַוועקגעשטעלט הינטער דער מאַמע און געציטערט אין איהר לייכט זומערדיג קאָפּטעלע. דאָס שטיבעל איז געבליבען פון הינטען פּוסט, איינגאַנצען בעלויכטען פון דער זון. די שוואַרצע, פערשימעלטע קופּע קאַרטאָפּליעס האָט זיך געבאָדען אין ליכט. נאָר איינע שטיקער שפּינוועבס אויף דער סטעלי האָבען בעדויערט דעם פערגאַנגענעם ווינטער: זיי האָבען זיך געוואָרפען און געפלאַטערט פון ווינד, ווי עס פלאַטערט אַ פערוועלקטע בלאַט אין סוף הערבסט...

אַ פּאָר טעג פאַר פּסח האָט שטאָדט אַריינגעשיקט אין שטיבעל אַריין אַ קאַסטען מצה. די גאַס האָט שוין איינגאַנצען אויסגעטריקענט. עס זענען געשטאַנען ליכטיגע, זונענדיגע טעג. די טהיר האָט מען פערטשעפּעט אָן אַ פלעקעל און געהאַלטען אַ גאַנצען טאָג אָפען. דאָס קליינוואַרג האָט זיך צעלאָזט פראַנק און פריי איבער דער גאַס מיט די באָרוויסע רויטע פיסלעך. מען האָט געשלעפּט מיט דער פולער האַנד מצה פון קאַסטען, געחראָמקעט עס אויף דער גיך, בגנבה, און געלאָפען זעהן, ווי לייטישע יונגלעך שפּיעלען אין ניס.

מיכל איז אומגעגאַנגען איבער דער גאַס שטיל ווי אַ שאָטען, אויסגעוועקן אומעטום, אַלץ געקרעכצט פאַר זיך, געקוקט ווייט אויף די פעלדער, אַריינגעקוקט אין פרעמדע הויפען, וואו עס שפּאַצירט שוין אום דער יום־טוב, וואו עס טריקענען זיך אויף דער זון געוואַשענע טישען און ביינקלעך, וואו מע כשר׳ט סאַמאָוואַרען און מע שווינקט גרויסע, גראָבבייכיגע פּסח׳דיגע פלעשער.

די וועלט האָט זיך צעעפענט מאָדנע ברייט און ווייט, נאָר אינעווייניג אין האַרצען האָט שטיל געגאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט קיין נאָמען נישט און האָט שוין מעהר קיין האָפנונג נישט. מיכל האָט זיך איינמאָל פערקליבען ווייט, ערגיץ אויסער דער שטאָדט, דאָרט, וואו עס צעגעהען זיך די וועגען אין די דערפער, וואו עס שטעהען די מאַרקלייט מיט די בעזומענס און קוקען אַרויס אויף אַ גויש פודהרעל. איבער־

געגאַנגען די בריק, האָט ער פּלוצים דערזעהן זלאַטקען, ווי זי איז געשטאַנען איינע אַליין אין איהר לייכט קאָפּטעלע, אַ קליינינקע, אַ פערטראַכטע, ווי אַ קינד, די הענד אָנגעשפּאַרט אָן די פּאָרענצעס, די אויגען פערריסען ווייט־ווייט, אויף די שטילע שטראַהלענדיגע פערטרונקענע פעלדער. מיכל איז פערבייגעגאַנגען שטיל, ווי אַ פרעמדער. נאָר געמאַכט אַ פּאָר טריט, האָט ער זיך פּלוצים אָבגעשטעלט, אַ מאַך געטהאָן צו דער טאָכטער האַסטיג מיט דער האַנד און זיך צעשריען:

— הולטייקע! אַהיים גיה! איך וועל דיר בעווייזען ווי צו אַרומפיהרען זיך מיט בחורים...

און איז ווייטער געגאַנגען זיין וועג. אויסער דער שטאָדט האָבען זיך געצויגען גערטנער מיט הויכע פּאַרקאַנעס, פון וועלכע עס האָבען אַרויס־געקוקט הוילע בוימער מיט טרוקענע צווייגען. עס האָבען געפינקעלט אויף דער זון נייע שטרויענע גאָלד־פאַרביגע דעכער פון שייערען. הינטער די גערטנער מיט די שייערען האָט אַ בלאָז געטהון אַ קאַלטער ווינד. עס האָט אַ בליץ געטהון די זון פאַר די אויגען און עס האָבען גענומען שווינדלען ווייסע שמאָלע ווייט־פערדרעהטע וועגען.

חברה מאַרקלייט האָבען מיכלען בעגעגענט זעהר אויפגעלייגט.

— אָה, מיכל ניטגוטער קומט אָן! ברוך הבא! אַ גאַסט, אַ גאַסט! נאַט אייך שלום עליכם! פון וואַנען איז אַ יוד?

אַרויסגעשפּרונגען אַקעגען מיכלען איז איינער פון די יונגע חברה, אַ בחור אין אַ קורצע בורקע, מיט אַ רויט פּנים און מיט קליינע לויפענדיגע לאַכענדיגע אויגעלעך. מיכל האָט איהם אָנגעקוקט ווי אַ צעמישטער. הברה האָט אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

— וואָס לאַכט איהר פון מיר?

— ווער לאַכט?— האָט זיך צעלעבט דער אויפגעמונטערטער רויטער בחור.— אדרבא, דאָס פרעהען מיר זיך! עפּיס אַ קלייניגקייט— דערזעהן דעם ניטגוטען אַליין? אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט! זיצט, נאַט אייך אַ שטוהל. דער־צעהלט, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס? איהר זענט דאָך אויסגעוועזען אַ וועלט! ווי איז עס אייך געגאַנגען אויפ'ן אויזען?

דער רויטער בחור האָט אונטערגעווינקט הברה מיט איין קליין אויגעל, און חברה האָט זיך ווייטער צעלאַכט. מיכל האָט געזעסען דאָס מויל, געוואָלט עפּעס זאָגען, נאָר די צונג האָט איהם נישט געדיענט. דער בחור האָט זיך אומגעקוקט מיט אַ העכסט־גליקליך שמייכעלע אין די קליינע לויפענדיגע אויגעלעך.

— זאָגט, רב מיכל, מיר זענען דאָך אייגענע מענשען, וואָס הערט

זיך ביי אייך עפּעס מכּה...? איך מיין, מיר וועלען ביי אייך טאַקי האָבען אומגעזאָמט אַ בּרית'ל, אַ דאָס, אַ יענס?...

מיכל האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגען אויף דער חברה, וואָס האָט געקיַיכט פאַר געלעכטער. די ליפּען האָבען איהם מאָדנע געטריקענט און געציטערט. פאַר די אויגען האָט זיך אַליץ אויסגעמישט און געשווינדעלט.

ביי מיר איז היַינטיגען ווינטער איינס געשטאָרבען. — האָט ער אַרויסגערעדט טעמפּ. — אַ קינד איז ביי מיר געשטאָרבען....

איינער אַן'אַלטער יוד מיט פערבונדענע אויערען, מיט געדיכטע באָרד און פאות, האָט זיך אויפגעהויבען פון אַ זייטיגען שטיין, געקוועטשט מיט די אַקסלען און צעלאָזט פערוואונדערט מיט די הענד.

— פע, בחורים! וואָס האָט איהר זיך צוגעטשעפּעט צו אַ יודען? איך ווייס וואָס? אסור אויב איך ווייס! עס געהט אַ קראַנקער מענש, טשעפּעט קיינעם ניט...

מיכל האָט שטום אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, געשווינד זיך אויסגעקערעוועט און זיך געלאָזט געהן אין פעלד אַריין, געשלעפּט די אָבגעשוואַכטע פער'חלש'טע פיס איבער די פייכטע שוואַרצע שטיקער ערד. פאַר שוואַכקייט האָט זיך איהם אַזש געשטעלט טרערען אין די אויגען און עס האָט איהם געצויגען זיך אַראָבלאָזען אויף דער פייכטער ערד. דאָס וואָס האָט אינוועניג שטום געגאָגט, האָט זיך איצטער צעוואַקסען ברייט און טיעף, און מיט אַמאָל האָט איהם אַ שלאָג געטהון אין שטערן אַ שטאַרקע היץ. ער האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צו די מאַרקלייט, אָנגעשטעלט די פויסטען אין דער הויך און זיך צעשריען אין מיטען פעלד:

— גזלנים! רוצחים! בלוטזויגערס! וואַרט, עס וועט זיך גיסען בלוט אין די גאַסען! בלו—אוט!...

ער איז געשטאַנען אין פעלד מיט צעלאָזטע הענד און האָט נאָך עפּעס געשריען אַ בעטויבטער פון זיין אייגענעם קול. עס האָט געבלאָזען אַ שטאַרקער פרישער ווינד און אויפגעריסען ביי איהם די פאָלעס פון דער קאַפּאָטע; די זון האָט געבליצט גלייך אין די אויגען.

III.

אונגערקעם.

אונגערהעם:

I.

איינמאָל זומער האָט זיך רבקה אַרומגעזעהן אין דער גרויסער שטאָדט, אַז זי איז עלענד און ווערד פערעלטערט פון טאָג צו טאָג. און זי האָט בעשלאָסען צו פאָהרען אַהיים.

אויפ'ן וואָקזאַל האָט קיינער זי ניט בעגלייט. איהרע חבר'טעס די נייטאָרינס, וואָס האָבען מיט איהר אָבגעאַרבייט יאָהרען־לאַנג ביי איין טיש, האָבען אין דערפריה דערצעהלט דאָס נייעס:

— אונזער ליטוויטשקע איז אַוועקגעפאָהרען אַהיים חתונה האָבען. אַ פנים, זי האָט דערפיהלט, אַז אַ מענש לעבט ניט אייביג...

איינע האָט זיך געוויצעלט:

— זי האָט מיט זיך גענומען אַ שטיקעל ווייס־ברויט, איינגעוויקעלט אין אַ ריין פאַפירעל, צו בעווייזען עס איהרע ליטוואַקעס אויף וואונדער.

די מיידלעך האָבען זיך צעלאַכט — און פערגעסען אָן רבקה'ן.

און רבקה איז געפאָהרען אַהיים אין אויסגעפוצטע, אין אַ היטעלע און אין ווייסע הענטשקעלעך, מיט אַ סך קערבעלעך אַרום זיך. קוקענדיג אויף איהרע קערבעלעך האָט זי געטראַכט פון די היימישע, פון די בּאָרוויסע ברידערלעך, פון די שוועסטערלעך מיט די דינע צעפּעלעך, פון דעם שטילען זאַמדיגען געסעל מיט דעם אַלטען טיפען ברונען, וואָס עס טראָגט פון איהם אַ קעלט אין די גרעסטע זומערדיגע היצען, — און דאָס האַרץ האָט ביי איהר געצאַפּעלט אונגעדולדיג. זי איז געזעסען ביי אַ פענסטערעל פון וואַגאָן און געטראַכט און געשמייכעלט צו זיך און

געגרייט מעשׂות פון דער גרויסער שטאָדט צו דערצעהלען און דערצעהלען.

אין שטעדטעל איז רבקה אַריינגעפאָהרען אין אַ שטילען שטראַהלענדיגען פריהמאָרגען. עס האָבען געבליהט די גערטנער אונטער דעם ברייטען העל-בלויען הימעל, עס האָט אַרויסגעקוקט די גרינע קראָפּיווע פון הינטער די פּאַרקאַנעס, הייזער זענען געשטאַנען אין קיהלע בעגינענדיגע שאָטענס און יונגע העהנדלעך האָבען הילכיג געקרייהט אין די הויפען.

אין דערהיים איז געוואָרען אַ שטיקעל בהלה, אַז רבקה איז אָנגעקומען מיט איהרע קערבעלעך. די מאַמע האָט זיך גראָד דענסטמאָל געפּאָרעט אין דער האַלב-פינסטערער קיך און געהאַלטען אין מיטען שיילען קאַרטאָפּעל. אַז אין שטוב איז אַריינגעלאָפען דאָס אויסגעפּוצטע מיידעל אינ'ם היטעלע מיט דער הויכער פעדער און די קינדער האָבען אויסגעשריען איבעראַשט: „רבקה!"— האָט די מאַמע זיך אויפגעכאַפּט פונ'ם ביינקעל, געוואָרען שטאַרק צעטומעלט, גיך אַיינגעבויגען זיך, אויסגעשאָטען פון שויס די שאָלעכץ און דערביי אַ זאָג געטהאָן אין קאָרב אַריין מיט אַ מאָדנער ציטעריגער שטימע:

— וואָס, טאַקי רבקה?...

פּאַמעליך, אָבקאַטשענדיג די אַרבעל און ווישענדיג די ציטערדיגע הענד אָן דעם פאַרטוך, איז זי אַרויסגעגאַנגען צו דער טאָכטער אַ פערעלטערטע, אַ שוואַרצע, אַיין אָבגעברענטע פון דער זון, בעקוקט זי שעמענדיג פון אַ זייט, געדרעהט זיך אַ צערודערטע אויף איין אָרט, פערריכט מיט ביידע הענד די האָר אונטער דער פאַטשיילקע, אַלץ געקליבען זיך קושען און עפּעס מאָדנע געשמייכעלט מיט אַ צעטראָגען שמייכעלע. פון איהרע פייכטע אויסגעלאָשענע אויגען איז שווער געווען צו דערגעהן, צי שמייכעלט זי טאַקי באמת, אָדער זי קלויבט זיך עס גאָר וויינען. צום סוף האָט זי געמאַכט האַריץ, אַ טראָט געטהאָן נעהענטער צו רבקה'ן — און אַרויסגעזאָגט:

— כ'לעבען, זי איז טאַקי געקומען!

און גענומען זיך קושען. ביי דער מאַמע זענען געווען פייכטע ציטערדיגע ליפען און קאַלטע האַרטע הענד, און נאָכ'ן קושען זיך האָבען ביי איהר צוויי טרערען זיך געקייקעלט ביי דער נאָז. רבקה איז געשטאַנען צווישען איהרע קערבעלעך אויפגערעגט און בעטראַכט די מאַמע, ווי זי שטעהט פאַר איהר מאָדנע אונטערטעניג, אַיין אָבגעריסענע, אַיין אָבגעשליסענע, מיט אַ וואַרימע ווינטערדיגע פאַטשיילקע, אָנגערוקט אויף דעם

שוואַרצען פערשוויצטען שטערן.

— דו ביזט, מאַמע, אַזוי אַלט געוואָרען...

— וואָס זשע...— האָט די מאַמע געוואָלט עפּעס אָנהויבען ריידען, נאָר אויף איהרע איינגעטריקענטע אויסגעדאַרטע באַקען האָט זיך צעגאָסען אַ שיטערע רויטליכע פאַרב. און זי האָט ווייטער געשמייכעלט שטום, מיט פונקלענדיגע טרערען אין די אויגען, און גענומען טאַפּען מיט ביידע הענד די האָר אונטער דער פאַטשיילקע.

דער טאַטע איז נאָר=וואָס געווען געקומען פון שוהל און זיך אַראָבגעהאַפּט מיט׳ן טלית און תפילין צו דעם אַלמער נעמען אַביסעל בראָנפען פאַר אָנבייסען. דערהערט, אַז רבקה איז געקומען, האָט ער אין איין איילעניש געהאַפּט און פערביסען מיט אַ שטיקעל גרינע אוגע־קע, אָבגעווישט די וואָנסעס, אַריינגעקומען אין שטוב, אַ זאָג געטהאָן מיט אַ הייזעריגע שטימע: „מיין טאָכטער״!— און אַ לאָז געטהאָן זיך צו איהר מיט׳ן טלית=זעקעל אונטער דער האַנד. געקושט האָט ער זי אין איין באַק עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד און היילכיג, דערביי האָט ער איהר בעדעקט דאָס פנים מיט זיין געדיכטען וואַרימען באָרד און מיט אַ ריח פון בראָנפען.

נאָכדעם האָט זיך דער טאַטע אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק. ער איז עפּעס מיט אַמאָל געוואָרען ווי אָבגעקיהלט, בעקומען אַ יסורים׳דיג פנים און זיך שטאַרק צעהוסט.

— וואָס זשע שטעהסט דו, מיין טאָכטער? זעץ זיך אַנידער. דו ביסט דאָך געקומען פון אַ ווייטען וועג... אוי, דער הוסט!

דערווייל האָט זיך אין שטוב אַריינגעגנב׳עט שטיל אַ בחור׳על, אַ פערשוויצטער, אַ פערסאָפּעטער, מיט אַ רויט אָנגעבּרענט פנים. ער איז געבליבען שטעהן אַ שעמענדיגער ביי דער טהיר און זיך אַרומגעקוקט ווילד, מיט פערלאָפענע אויגען פון היץ. אָנגעטהאָן איז דאָס בחור׳על געווען אין אַ פאָר גרויסע שווערע שטיוועל מיט ברייטע טרוקענע חאָליאַוועס און אין אַלטע גרויסע תפילין מיט קורצע געלע רצועות, וועלכע האָבען ביי איהם פערנומען דעם בעסטען טייל פון פערוואַקסענעם פערשוויצטען שטערן.

די מאַמע האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו רבקה׳ן, אָנגעוויזען מיט אַ פינגער אויף דאָס בחור׳על און איהם אינגאַנצען מבטל געמאַכט:

— אָ, אָט איז ער!

— אָט דאָס איז אַברמ׳צי? — האָט זיך רבקה פערוואונדערט. זי איז אונטערגעגאַנגען צו איהם, האָבענדיג בדעה צו קושען זיך. דאָס בחור׳על, וואָס האָט באַלד פערשטאַנען, מיט וואָס דאָס שמעקט, האָט זיך דערשראָקען

פאַר אַזאַ זאַך און גענומען אָבטרעטען אַהינטער. נאָר עס איז שוין געווען שפּעט. נאָכ׳ן קושען זיך האָט ער מיט סכנת־נפשות זיך אַרויסגעמאַכט פון דער שוועסטער׳ס הענד, פערקליבען זיך אין אַ ווינקעל, אַראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד און זיין רויט פּנים האָט געפלאַמט ווי פייער, פּונקט, ווי מע וואָלט עס נאָר וואָס גענומען און אויסגעפּאַטשט. דערזעהן, אַז רבקה נעמט פון איהם די אויגען ניט אַראָב, האָט ער בעקומען אַ פערשוילדיגט געטריי פּנים, גענומען טאַפּען מיט די פערדאָרעוועטע פינגער די ברייטע געלע רצועות — און מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו דער וואַנד און זיך אַוועקגעשטעלט שמונה עשרה....

קוקענדיג אויף אברמ׳צי׳ן, האָט זיך רבקה דערמאַנט אָן אַלטע גוטע זכרונות:

— ווי לאַנג איז ער נאָך געווען אַ קינד! איך האָב איהם איינמאָל אויפגענעהט אַ בלוי העמדעל מיט קוטאַסען, האָבען איהם אַלע יונגלעך אין חדר מקנא געווען...

— אָ, אויך מיר אַ מענש! — האָט זיך די מאַמע איינגעשטעלט פאַר איהם מיט איין אומעטיג שמייכעלע. — מ׳שטיינס געזאָגט, אַ בחור... געגאַנגען אין גאָרטען אַרויסטרייבען די חזירים. דאָס דאַווענט ער אַזוי שען! ניט געקאָנט אויפשטעהן פאַרטאָג און אָבדאַווענען... איז פּונקט ווען עס געהען אָן חזירים אין גאָרטען -- פאַלט איהם איין דאַווענען! אַזוי ווי מע בעט איהם!... עט... מיר האַלטען דאָך כלומר׳שט אַ גאָרטען האַלטען מיר דאָך, און איצטער איז די צייט פון אוגערקעס, דאָס הייסט: אוגערקעס... די שענע פּרנסות אונזערע! איך ווייס פאַרוואָס אויף וועמען נאָכצופרעגען זיך! אַ בחור, דאַנקען גאָט, שוין קרוב צו פופצעהן יאָהר. נו, אַוודאי, פערצעהן מיט עפּיס...

דאָ האָט זיך אַברמצי אַ ריהר געטהאָן. ער האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ פון וואַנד צו דער מאַמע און אָנגעשטעלט אויף איהר אַ פּאָר ווילדע אויגען, פערלאָפענע מיט רציחה:

— אַ בחור... אַ בחור... זי ווייסט! — און תיכף האָט ער זיך ווידער אויסגעדרעהט צו דער וואַנד און ווייטער געשטאַנען שמונה־עשרה.

דער טאַטע האָט געשוויגען. איהם האָט געשטיקט דער הוסט, איז ער געזעסען מיט אַ פינסטער פּנים און געקוקט אין דער לופטען ברוגז און פערטראַכט, גלייך ווי ער וואָלט גאָרניט געזעהן פאַר די אויגען. רבקה האָט געוואָלט פרעגען אַ סך זאַכען: צוליעב וואָס טראָגט די מאַמע אין אַזאַ היטץ אַ ווינטערדיגע פאַטשיילע? פאַר וואָס געהט עפּיס אברמ׳צי אין אַזוינע גרויסע שטיוועל? פאַר וואָס איז ער אַזוי פערגרעבט? —זי האָט

זיך אַרומגעקוקט און בעטראַכט די שטוב, די אויסגעקרימטע אַרומגעפאַלענע ווענד, די ניעדריגע שוואַרצע סטעלי, די פינסטערע ווינקלען, בעהאַנגענע מיט אַלטען שפינוועבס, מיט שוואַרצען שטויב, מיט געפּנר׳טע פליעגען... עס האָט געשמעקט אַ ריח פון קויטיג גרעט. ערגיץ אין אַ ווינקעל איז געווען אָנגעוואָרפען אַ גרויסע קופּע קאַרטאָפּליעס, איבערגעפוילטע קאַרטאָפליעס מיט גרויסע ווייסע וואָרצלען, ווי די ווערים. אויף די בענקלעך האָבען זיך געוואַלגערט שמאַטעס, שיטערע שמוציגע קישענס אָהן ציכלעך, אין פעדערן, מיט געלע פלעקען, אַלטע צעריסענע קאָלדרעס מיט אַרויסגעקראָכענע שטיקער וואַטע.

— אונזער שטוב האָט זיך שטאַרק אַראָבגערוקט. — האָט זיך רבקה אָנגערופען.

— וואָס זשע... — האָט די מאַמע מודה געווען מיט איהר אומעטיג שמייכעלע און גענומען טאַפּען מיט ביידע הענד די האָר אונטער דער פאַטשיילע. דער טאַטע האָט אויך עפּיס געוואָלט זאָגען, האָט ער זיך ווידער שטאַרק צעהוסט און זיך געחאַפּט ביי׳ם האַרצען.

אַרום רבקה׳ן מיט איהרע קערבעלעך האָבען זיך אַרומגעשטעלט די ברידערלעך מיט די שוועסטערלעך, שעמענדיגע, צופריעדענע, און האָבען זי בעטראַכט שטיל, נייגיעריג, מיט גרויס רעספּעקט. זייערע אויגעלעך האָבען זיך ברייט און ליכטיג צעפינקעלט און אַ רויטליכע פאַרב האָט זיך צעגאָסען אויף זייערע אויסגעמאָגערטע שוואַרצע בעקעלעך. דערזעהן אָבער, ווי דער טאַטע האָט זיך שטאַרק צעהוסט און זיך געחאַפּט ביי׳ם האַרצען, זענען זיי עפּיס מיט אַמאָל געוואָרען ווי איינגעהאַלטען, צענויפגעקאָרטשעט זיך, אַראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד און געוואָרען טרויעריג און אָבהענדיג. זייערע מאָגערע פּנים׳לעך האָבען מיט אַמאָל בעקומען איין אויסזעהן פון אַלטע, פערשטענדיגע בעטריבטע מענשען. טיעף אין האַרצען האָט זיך ביי די קינדער אויפגעהויבען אַ פערדראָס אַקעגען דעם טאַטען מיט זיין הוסט, וואָס ער שטערט זיי די שמחה, אַז צו זיי איז געקומען פון ערגעץ ווייט איין אויסגעפּוצטע שוועסטער מיט אַ זיידען זאָנטיקעל און מיט אַ סך קערבלעך...

— טאַטע, דו הוסט שוין לאַנג אַזוי? — האָט רבקה געפרעגט.

דער טאַטע, אינגאַנצען רויט פון אָנשטרענגונג, האָט שטום אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און ווייטער גענומען הוסטען פערצווייפעלט און שווער, מיט טרערען און מיט שוויים. אָנשטאָט איהם איז אַרויסגעטראָטען די מאַמע מיט איהר מאָדנע אויסגעקרימט צעטראָגען שמייכעלע און גענומען טאַפּען מיט ביידע הענה די האָר אונטער דער פאַטשיילע.

— וואָס זשע... דו הערסט, מיין טאָכטער, פון גוטס הוסט זיך נישט. איך זאָל דיר אָנהויבען אויסדערצעהלען מיין האַרץ, איז דאָך, עס פּאַסט צו זאָגען, וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו דערצעהלען?... מיר האַלטען דאָך כלומר'שט די שענע גערטנער האַלטען מיר דאָך. אָט איז שוין באַלד די רעכטע צייט פון אוגערקעס. דאָס הייסט: אוגערקעס... עמיצער וואָלט מיינען — מע ווערד פון זיי גליקליך. גאָרנישט... עס פּאַסט צו זאָגען, אונזערע גליקען. ווייסט דו דאָך פרעגען: צוליעב וואָס? ווייס איך, אָט אַזוי... אַבי ווי־עס־איז דאָס לעבען איבערשטופּען. אַמענש איז דאָך, עס פּאַסט צו זאָגען, געגליכען צו אַנאָקס: מע האָרעוועט, מע גערהט אין יאָך... מע האָרעוועט און מע האָרעוועט, און אַז עס קומט די צייט, עס געהען אויס די כחות, פאַלט מען מיט'ן פּנים צו דער ערד. עס קומט אַ בעגינען — עס מאָג זיין אַ רעגען, עס מאָג זיין אַ קעלט, מע מוז אויפשטעהן זיך איינשפּאַנען! ווי נאָר טאָג קומען דאָך אָן די גוי'עס אויף דער אַרבייט, איז צי געה איבער דער שטאָדט, דאַר דעם מח, וואו קריגט מען אַ גמילות־חסד, עס זאָל זיין פּאַרנאַכט מיט וואָס זיי צו בעצאָהלען, צי געה צעריים זיך, מיינע שונאים, אַכטונג געבען אויף זיי! וואָרום אַ גוי'ע איז דאָך, עס פּאַסט צו זאָגען, אַ פּראָסטע זאַך. דאָס האָט דאָך אַ טבע, אַז מע, טאָר עס אין אַ גאָרטען אַליין נישט לאָזען. ווער שמועסט נאָך איצטער, אַז אָט־אָט בעווייזען זיך אוגערקעס... איז וואָס זשע מיין איך דיר דאָ, מיין קינד, אויסצובריינגען? גאָרנישט... עס פּאַסט צו זאָגען, דו ביסט דאָך נאָך אַ קינד און געוועזען ווייט פון דערהיים און הערען האָסט דו גאָרנישט ניט געהערט. מע איז, ברוך השם, אַזוי פערהאַוועט, אַז עס איז קיין צייט ניטאָ אָנשרייבען איין איינגען קינד אַ פּאָר ווערטער. דאָס הייסט: שרייבען.... ווער איז דער שרייבער? ער איז דאָך, ברוך השם, אַ קאַלטער מלאך... האָטש, עס פּאַסט צו זאָגען, וואָס וואָלסט דו געקאָנט העלפען פון דער ווייטען? נו, איך מיין, צוריק ריידענדיג, ביי לייטען איז קינדער, הייסט עס, היינטיגע צייטען דוקא... נאָר וואָס דען? גאָרנישט... אָט ביסט דו געקומען, זעהסט דו דאָך, מיין טאָכטער: ער הוסט... מסתמא איז דאָס בעשערט געוועזען, ער זאָל קריגען די ביטערע הולאת אַ צוגאָב צו'ם לעבען... נאָך פּאַר אַ יאָהרען סוכות־צייט, ניט היינט געדאַכט, האָט ער געחאַפּט די פערקיהלונג. פונקט אַז עס איז געקומען די רעכטע צייט פון קרויט... פון דעסטוועגען, מיין טאָכטער, הערסט דו: אַז ער וואָלט געוועזען אַ מענש... איך האָב מיט איהם וויפיעל מאָל געהאַט וואָס צו טהון: „נעם אַ שאַל אויפ'ן האַלז"... נאָר דו קענסט איהם אַ פּנים ניט? ער האָט דאָך פון שטענדיג אָן אַ מיאוס'ע טבע: רייד צו איהם און רייד צו דער וואַנד... נו — נו,

האָבען מיר דאָס געהאַט, ניט היינט געדאַכט, איין אָסיען! עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטיקעל סדרה: דאָקטורים, רעצעפּטען, באַנקעס שטעלען... און דאָ בין איך איינע אַליין, אין דרויסען איז אָסיען, עס רעגענט, אין גאָרטען טהוט זיך השך, קרויט איז נאָך נישט אַראָבגענומען... עס איז געקומען אויסטהון זיך פונ'ם העמד. איך רייד שוין ניט פון האַרצוועהטיג, עס פּאַסט צו זאָגען, וועמען ליגט אין זינען האַרצוועהטיג, אַז מע זעהט ווי ער האָט פון דענסטמאָל אָן בעקומען אַ פּנים פון אַ שטאַרבען...

דערצעהלענדיג איז די מאַמע געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן קאָמאָד, די הענד פערלעגט אויפ'ן האַרצען, אומעטיג געשמייכעלט מיט איהר מאָדנע שמייכעלע, געקוקט אויף דער טאָכטער בעהאַרצט, שעמענדיג ווי אַ קינד, און געשווינד געפינטעלט מיט די פייכטע אויסגעלאָשענע אויגען. די רויטליכע פאַרב האָט זיך צעשפּיעלט אויף איהרע מאָגערע באַקען. עס האָט זיך איהר געוואָלט ריידען און דערצעהלען אָהן אַ שיעור, אויסדערצעהלען פאַר דער דערוואַקסענער פערשטענדיגער טאָכטער איהר גאַנץ וויסט לעבען, די געפּלאָגטע טעג און נעכט, וואָס איהר קומט אויס איבערלעבען דאָ, אינ'ם פער'חשכ'טען שטיבעל. און דערצעהלען האָט זיך איהר געוואָלט שטיל, פאַמעליך, נישט געאײלט, אַזוי אַז אין איהרע ווערטער זאָל ליגען אי האַרץ, אי געפיהל...

דער טאַטע האָט און דער צייט אויפגעהערט צו הוסטען, און אויסשטעלענדיג מידע אויגען פול מיט טרערען, איז ער געזעסען, שווער געחאַפּט דעם אָטהעם און זיך צוגעהערט. דאָס פּנים איז ביי איהם געוואָרען פערמד און שלעכט, די מידע אויגען האָבען געקוקט אין דער לופטען אָנגעלאָדען. מיט אַ מין עקשנות, ווי ער וואָלט האָבען אין זינען פינסטערע מחשבות. איינגעהערט האָט ער זיך, ווי עס הערט זיך איין אַמאָל איין אָבגעשמיסען פערוויינט יונגעל נאָכ'ן שמייסען, בשעת מע מוסר'ט איהם...

רבקה'ן האָט געדרעהט דער קאָפּ. זי איז געווען מיעד. צעבראָכען און נישט־אויסגעשלאָפען. אין די אויערען האָט זיך נאָך ווי אָבגעגעבען אַ וויים יאָמערליך פייפען פון אַ לאָקאָמאָטיוו און אַ רודערען פון רעדער איבער דער אייזענבאַהן — און עס איז איהר אויסגעקומען וואונדערליך, ווי אַ חלום, אָט דער גאַנצער וועג מיט די גרינע פעלדער, בעדעקטע מיט טהוי, מיט דעם פרישן ווינדעל פאַרטאָג, מיט די קליינע סטאַנציעס, פערשלאָפענע, בעהאַלטענע אין דרימעלדיגע בוימער, און ווי אַ לאַנגער חלום איז אויסגעקומען דאָס גאַנצע לעבען איהרס אין דער ווייטער גרויסער

שטאדט, אין דעם רוישען און קאכען, מיט איהר עלענד און מיט איהר ציהען און בייקנען נאך דער היים.

— דו הערסט, מיין קינד? דאס הייסט, ער זאגט אליין: איך בין די שלעכטע... נו, זאל זיין א שלעכטע. עס פאסט צו זאגען, איך זאל זיך שטעלען פאר די פערענטפערען? אוודאי א שלעכטע! ווארום ווי זאל מען ניט זיין שלעכט, אז מע זעהט א מענש טהוט אליין דוקא אויף צו־להכעיס? וואס דארפסט דו מעהר, אט נעם און פרעג איהם: אויף וואס דארף ער די „פיפקע"?... האסט דו געזעהן אמאל א מענש, וואס פאכט מיט דער נשמה, זאל תמיד האלטען נאר אין איין פיפקען? געהוסט און געפיפקעט, געשפייט מיט בלוט און געפיפקעט, אבגעלייענט קריאת־שמע, פערלאשען די לאמפ. געלעגט זיך שלאפען — אהא! ער זיצט שוין אויפ'ן בעט און פיפקעט אין דער פינסטער... ער פיפקעט זיך אויס דאס לייב און דאס לעבען אינאיינעם! נעם, פרוב אמאל אוועקווארפען די פיפקע דיינע, דו ביסט דאך עפיס א טאטע פון קליינע קינדער, זאלען געזונד זיין! ניין! וואס איז, ער וועט דען פאלגען, אז מע זאגט איהם א גלייכע זאך? אט אזוי, מיין טאכטער, ווערד מען דאס אויסגעריסען מיט איהם... איך רייד שוין ניט וועגען דעם בראנפען, וואס ער טרינקט אלע אין דער פריה — דאס איז דאך אמת'ער סם־המות. עס פאסט צו זאגען, עפיס א קלייניג־קייט — ביטערנים? א מענש האט זיך געקראגען א תאוה: אלע אין דער פריה בראנפען! לייט וואלטען מיינען, ער איז א שכור? ניין, גלאט אזוי: דער יצר־הרע איז דאך גרויס... ווארום, עס פאסט צו זאגען...

דער טאטע האט נאך ניט געענדיגט צעניפוויקלען דעם גרויסען דיקען ציגאר־טיטון, ווי ער האט זיך מיט אמאל א הויב געגעבען פון באנק א צערייצטער, מיט א רויט פנים, און האסטיג א שמיץ געטהאן מיט'ן ציגאר איבער'ן טיש.

— א, ניט געדאכט זאל עס ווערען! שוין אבגעשרויפט דאס צינגעלע?... שוין?!...

ארויסגעהענדיג פון שטוב, האט ער זיך אבגעשטעלט א ווייללע ביי דער טהיר, אנגעקוקט שטום דאס בחור'על אין די גרויסע תפילין און מיט אמאל אנגעפאלען אויף איהם מיט א ווילדען כעס:

— א דאווענען א ביסעל פון א בחור! שטעהט און הערט... דאווען אז דו דאוועסט, אין אל־די שווארצע יאהר!...

II.

די ערשטע טעג איז רבקה געווען אַ גאַסט, אַ פרישער מענש אין שטוב, אויף צו בעטראַכטען און בעוואונדערען און פערנעמען זיך מיט איהם. צעפּאַקט איהרע קערבעלעך, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז צווישען איהרע אַלע איבעריגע זאַכען געפינט זיך ביי איהר אויך אַ זיידען קליידעל מיט אַ בלוזע מיט בלויע לענטעס, אַ קליין ביינען ציינבערשטעל, צו ריינינגען אַלע אין דערפריה די ציין, אַ פּושקעלע קאַקאַאָ, אַזאַ סאָרט געטראַנק, וואָס מע טרינקט עס ווי ציקאָריע, אַ פּאָר ווייסע זאַמשענע שיכלעך, וואָס מע רופט זיי באַל-שיכלעך, ווייל אַז עס מאַכט זיך אַמאָל אין די גרויסע שטעדט אַ באַל מיט מוזיקע און מיט טענץ, איז די וואָס האָט אַזעלכע שיכלעך — קאָן זיי אָנטהון און קאָן געהן אויפ'ן באַל. נאָר דערצו מוז מען נאָך האָבען אַ פּאָכער... די מאַמע, שטענדיג אַ פערנומענע, רייסט זיך אָב אַ ווײַלע פון דער אַרבייט, ווישט אָב די הענד אָן דעם פאַרטוך, טראָגט צו די אַלע דאָזיגע זאַכען צום פענסטער און נעמט זיי טאַפּען מיט די פינגער פאָרזיכטיג, מיט דרך־ארץ, דערביי ווערד איהר פּנים בעלויכטען מיט אַ אומעטיג שעמענדיג שמייכעלע.

— וויפיעל אַיין ערך קאָן קאָסטען אַזאַ פּאָר „מעסטעס"? כ'האָב מורא טאַקי, אַז... נו, עס פערשטעהט זיך... וואָס, דאָס איז טאַקי אמת'ע, וואָס מע זאָגט, האַמבורגער? טאַקי פון אויסלאַנד?...

דעם טאַטען, ווי אַ מאַנסביל, האָט רבקה'ן געגעבען פערזוכען אַ גלעזעל קאַקאַאָ. דער טאַטע, ווי נאָר ער האָט אָבגעזופּט אַ ביסעל פונ'ם גלאָז, האָט ער האַלד אויסגעדרייבען דעם קאָפּ און אַ קוק געגעבען אויף רבקה'ן מיט אַ שמייכעלע. אין די אויגען האָט ביי איהם געשיינט אַ ליכטיג חיטרע פייערעל, ווי אַ מענש וואָס וועט באַלד מאַכען זעהר אַ קלוגע, אַ טיעפע ענטדעקונג.

— ווי אַזוי, זאָגסט דו, רופט מען ביי אייך דאָס דאָזיגע?

— קאַקאַאָ...

— אַזוי? און טאַקי ניט אַנדערש?.. דאָס ליכטיגע פייערעל ביים טאַטען אין די אויגען האָט זיך נאָך ליכטיגער צעשיינט. — טאָ הער זשע: דאָס איז נעבאַך אַ פּשוט ביסעל ציקאָריע! געוועהנליכע ציקאָריע, מעהר נישט, מע האָט עס גענומען און אַ ביסעל צוגעפּראַוועט מיט בשמים אָדער מיט נעגעלעך דאָרטען...

רבקה האָט זיך געפונען שטאַרק בעליידיגט.

— וואָס הייסט: ציקאָריע? אַז איך אַליין גיה פאַר׳ן אוועקפאָהרען אין קויף אַ פושקע קאַקאַאָ און בעצאָהל...

— וועמען דערצעהלט זי מעשׂות? מיר?... דאָס ערשטע מאָל, אַ פנים, אַז איך טרינק ציקאָריע?...

— דאָס איז אָבער פאָרט קאַקאַאָ! אָט שטעהט אָנגעשריבען אויף דער פושקע...

— אַזוי? באמת טאַקי?.... און דו גלויבסט, וואָס מע האָט דיר דאָ אָנגעשריבען? און אַז מע וועט דיר אָנשרייבען אַ מעהרען־צימעס?...

רבקה זעהט אַרויס, אַז דער צד־שכנגד האַלט גאַנץ שטאַרק.

— אָבער די גאַנצע וועלט טרינקט דאָך פאָרט קאַקאַאָ... — פרובט זי זיך פערטהיידיגען.

— און אַז די גאַנצע וועלט וועט גיהן מיט׳ן קאָפּ אַראָב?...

נאָר דאָ פאַלט אין מיט׳ן אַריין די מאַמע:

— נו, נו, ער האָט זיך שוין צע׳טענה׳ט, דער מבין מיינער!... אַ שטאַרקער מבין אויף רויכוואַרג! דו האָסט אַ פנים פערגעסען, אַז מע דאַרף אוועקטראָגען דעם גלח דריי שאָק אוגערקעס?...

און די מאַמע, אַ פערטאַרעראַמטע, אַ פערברענטע, פאָרעט זיך ביי׳ם ייִוועןּ שטיל און צערודערט, ווי אַ מחותנת׳טע, וועבט עפּיס אין דער האַלב־פינסטערניש פון קיך אַ סוד — און דערנאָך טראָגט זי אַרויס אויף אַ שוואַרצער פעטער פער׳שרפ׳עטער פאַן אַ קאָכעדיגען בלעזעלדיגען פאַנ־קוכען. זי שטעלט עס אַוועק פאַר רבקה׳ן מיט אַ בעהאַרצט שמייכעלע אין די פייכטע אויסגעלאָשענע אויגען:

— עס, רבקה. ביי דיר איז עס דאָך אַ נאָווינע. עס פאַסט צוזאָגען, די שענע מאכלים אָנזערע! אָט אַבי, הייסט עס... און צוריק ריידענדיג, וועמען ליגט עס אין זינען עסען? עס איז אפילו, ברוך השם, קיין צייט נישטאָ אויסרעדען מיט איין אייגען קינד אַ האַלב וואָרט. וואָרום דער גאָרטען... און בפרט נאָך איצטער, אַז עס האָבען זיך בעוויזען אוגערקעס. אוי, יאָ, כ׳לעבען! אַ קאָפּ, אַ קאָפּ! אַלץ געהאַלטען אויפ׳ן זינען בריינגען דיר אַ גרינע אוגערקע — און פערגעסען! איצטער איז עס דאָך, עס פאַסט צו זאָגען, נאָך גאָר אַ יקרות...

רבקה גיעהט דערוויי׳ל צו צו אידרע קערבעלעך, נעמט אַרויס פון דאָרטען אַ ווייס סערוועטעל פון דעם טויץ ווייסע סערוועטלעך, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט צופידהרען, שפאַנט זיך אַרום מיט דעם און זעצט זיך צו׳ם טיש. די מאַמע נעמט אַ שטיקעל טרוקען ברויט מיט זויערע „מאַסלינקע", שטעלט זיך אַוועק קעגען דער טאָכטער איבערבייסען און איילט זיך און ווערד מיט

דעם גיך פאַרטיג. אַרום טיש זיצען די קינדער ביי שיסעלעך מיט קרופּניק, וואַרפען שטילערהייד פאָרזיכטיגע דרך־ארץ׳דיגע בליקען אויפ׳ן שמעקענ־דיגען פאַנקוכען און אויף דאָס מאָדנע ווייסע סערוועטעל, ווי דאָס גיט צו רבקה׳ן ביי׳ם עסען אַ בעזונדערע חן מיט אַ בעזונדערע איידעלקייט...

איבערגעביסען, האַפּט די מאַמע אַ זאַק און ווערד ערגיץ פערשוואונדען. די קינדער צעלויפען זיך אויך פון שטוב. מיט רבקה׳ן בלייבט נאָר איין פריידעל, דאָס עלטערע שוועסטערעל, אַ מיידעל אַ יאָהר זעכצעהן, אַ שעמענדיגע, אַ שטילע ווי אַ טויב, מיט אַ לאַנג גלאַט צעפּעל, מיט שטילע קאַרע אויגען, מיט לאַנגע שוואַרצע ברעמען, וואָס וואַרפען איהר אויף דאָס געזיכט אַ רוהיגען שאָטען.

זי טראָגט אונטער רבקה׳ן אַ גלאָז טהיי, גערט אָב און שטעלט זיך אַנידער ביי׳ם קאָמאָד מיט פערלייגטע הענד אַהינטער, לאָזט אַראָב די אויגען צו דער ערד און שעמט זיך: זי איז דאָ געבליבען מיט רבקה׳ן אונטער פיער אויגען...רבקה שפּאַנט זיך ווידער אַרום מיט׳ן ווייסען סערוועטעל, טרינקט טיי און נעמט כּוּנאַנדערפרעגען פריידלען וועגען בעקאַנטע, דער־צעהלט איהר פון דער גרויסער שטאָדט, פון די הויכע הייזער מיט די טרעפּ פון די אויטאָמאָבילען, וואָס מע פאָהרט אויף זיי אָהן פערד און פון דעם, וואָס אַ גבירה׳טע האָט איינמאָל אָבגעגעבען איהר בעל־הבית׳טע נייהען אַ קלייד, האָט עס בעטראָפען איין ערך פון זעקס הונדערט רובעל, אויסער אַ דריי־רובעלדיגע, וואָס זי האָט געלאָזען די מיידלעך „ביער־געלד״...

פריידעל הערט זי אויס מיט אַ שטיל איבערגעגעבען פּנים, שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ, ווערד אַביסעל רויט, און פון איהרע לאַנגע שוואַרצע ברעמען לויכט זיך אָב אויף דאָס געזיכט אַ שעמענדיג, אַ לייכט, אַ ווייך שמייכעלע.

רבקה ווערד בעגייסטערט פון דעם, וואָס זי איז געוועזען אין אַזאַ גרויסע שטאָדט. און זי גערט אונטער צו איהרע קערבעלעך, נעמט אַרויס פון דאָרטען אַ געפלאָכטענעם פּאַס, טראָגט עס אונטער דער שוועסטער מיט אַ שטומען נצחון און שיינקט עס איהר אַוועק אַ מתנה. ווערד פריידעל נאָך רויטער, האַלט דעם פּאַס אין די הענד און סטאַרעט זיך, ווי ווייט ס׳איז מעגליך, נישט צו קוקען אויף איהם. רבקה דערצעהלט ווייטער:

— דער גאָרטען האָט זיבען טהויערען, און אַלע זיבען טהויערען פירען אין די זיבען שענסטע גאַסען פון שטאָדט. אַז מע גערט אַריין אין גאָרטען ווערד מען אין איהם פערפאַלען. אַזוי גרויס איז ער! רופען רופט מען איהם נישט „גאָרטען״ נאָר „גאַרטען״, ווייל דאָס איז נישט קיין פּראָסטער גאָרטען, וואָס אַבי וואָס... דאָרטען איז פאַראַן אַ טייך, איז אין דעם טייך געמאַכט געוואָרען אַ פאָנטאַן, אַזאַ שפּראָצער, וואָס

שפּריצט וואַסער פון זיך אַליין טאָג ווי נאַכט אָהן אַנ׳אויפהער. ווי זשע מאַכט מען דאָס, עס זאָל אַליין שפּריצען אָהן אַ מענשען? איז דערצו פאַרהאַן אַזעלכע מאַשינעס פון פאַרע, אַזאַ סאָרט עלעקטריע, וואָס מע הייצט און מע הייצט, אַזוי לאַנג ביז וואַנען עס שפּאַרט אַרויס אַ פּאַרע — שפּריצט עס!... און הייצען הייצט מען דאָרט ניט אַזוי פּראָסט ווי ביי אונז. ביי אונז נעמט מען האָלץ און מע הייצט — און פאַרטיג! אָבער דאָרטען הייצט מען מיט קוילען. עס איז פאַרהאַן אַזאַ סאָרט קוילען. אָט דאָרטען, וואו איך האָב געוואוינט, זעהר אַנשטענדיגע מענשען...

פריידעל פערשטעהט ניט דאָס וואָרט „אַנשטענדיגע“, נאָר פיהלען פיהלט זי, אַז דאָס איז זעהר אַ געהויבען וואָרט. שטעהט זי מיט׳ן פאַס אין האַנד, שאָקעלט צו פערשטעמט מיט׳ן קאָפּ, און אין מח עגבערט ביי איהר אַ געדאַנק, ווי אַזוי זאָל זי דאָ איבערגעהן פון אַזאַ וויכטיגען געשפּרעך צו דער פראַגע: צי וויל רבקה אַ ביסעל געפּרעגעלטע קאַרשען אין דעם טיי?...

רבקה דרעהט אויס דעם קאָפּ צום פענסטער און נעמט קוקען אין גאַס אַריין. עס איז שטיל און הייס און פּוסט. אַקעגען, נעבען אַ ניעדריגער אַלטער שטוב מיט פערמאַכטע לאָדען, זיצט איין אַלטע יודינע מיט ברילען ביי אַ טישעל מיט סאָדע-וואַסער און מאַכט אַ זאָק און רירט זיך ניט. ערגיץ אין אַ ווינקעל, אויף אַ פערוואַקסענער פּריזבע, פּאַרען זיך קליינע קינדער מיט שפּענדלעך, פערטהון אין עסק און פערגעסען אָן דער גאַנצער וועלט. אַ הויכער באָרוויסער גוי מיט אַ הויל האַריץ, מיט פערקאַטשעטע אַרבעל פון העמד, זיצט אָן אַ זייט אויף אַ שטיין, קייעט עפּיס פּאַוואָלי, אָהן טעם, און זיין רויט צעקנייטשט געגאָלט פּנים איז אָנגעלאָדען און פערטראַכט. הויבט ער זיך אויף פּאַמעליך פון שטיין און לאָזט זיך געהן און שטעלט זיך אָב ביים טישעל מיט סאָדע-וואַסער. די יודינע הויבט אויף דעם קאָפּ פון דער זאָק, שטעלט אָן אויפ׳ן גוי אַ פּאָר שטומע ברילען און בעווייזט איהם מיט אַ פינגער אויף דאָס טישעל. דער גוי קראַצט זיך אין פּאָטיליניצע, שלעפּט אַרויס פון בוזעם אַ ביימעלע, צעבינדט עס, לאָזט אַריין אין דאָס ביימעלע אַ פּאָר פינגער און גראַבעלט דאָרטען און חשבונ׳ט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס פאַלט ביי איהם עפּיס אַראָב אויף דער ערד. בויגט ער זיך איין פויל, פּאַמעליך, מיט׳ן גאַנצען קערפּער, געפינט, קויפט אַ פּאָר בייגעל, לאָזט זיך אַוועק אין מיטען גאַס פּאַמעליך, פויל, און זיינע גרויסע רויטע פיס לאָזען הינטער זיך אין דעם ווייסען זאַמד גרויסע, דייטליכע טריט. און ווידער ווערד פּוסט און שטיל, און אויף דעם העל-בלויען

הימעל הענגען שטיקער קלאָרע וואָלקענס, בעלויכטענע פון דער זון, ווייסע ווי געפּאַלענער שניי...

און אַז רבקה נעמט אַרויס פון איהרע קערבעלעך אַ ביכעל און זעצט זיך לייענען, שעפּטשעט שטילערהייד די ווערטער און פערטיעפט זיך— קומט אַריין דער טאַטע אַ פערשוויצטער, אַיין אָבגעמאַטערטער, מיט אַ פער־צווייפעלט פערזאָרגט פנים, שטעלט אַוועק זיין שטעקעלע אין אַ ווינקעל און רעדט מיט אַ בייזער צו די ווענד:

— אַ, ניט געדאַכט זאָל ער ווערען, דער „זאַאיקע"! אַ האַלבען טאָג האָט ער מיך אָבגעפּיהרט— און גאָרנישט!... אויסגעטריקענט, נישטאָ! נישטאָ אַ קאָפּיקע אין שטאָדט!

דערנאָך לאָזט ער זיך שווער אַראָב אויף דער באַנק, ציהט אָב דעם אָטהעם און חאַפּט אַ גלייכגילטיגען קוק אין רבקה'ס זייט.

רבקה הערט אויף צו לייענען און קוקט אויפ'ן טאַטען. דער טאַטע פרעגט זי:

— אין וואָס קוקסט דו דאָס?

— אָט גלאַט אַזוי... איך לייען אַ ביכעל.

— וואָס הייסט אַ ביכעל? אויף וואָס טויג דיר אַ ביכעל?

— אָט גלאַט אַזוי... עס קומט אַמאָל צוניץ. אויף בילדונג...

— אַהאַ! געבולבעט, הייסט עס... איז וואָס האָסטו דערפון, אַז דו ביסט געבולבעט?

— וואָס האָב איך? גאָרנישט... גלאַט אַזוי, מע קאָן אַריינגעהן צווישען מענשען, אויסריידען אַ וואָרט...

— אַהאַ!...

דער טאַטע זיצט אַ ווײַלע און שוויַיגט מיט איין אָנגעלאָדען פנים. דערנאָך הויבט ער זיך אויף שווער פון דער באַנק און נעמט זיך ווידער צום שטעקעלע.

— נו, פּוסטע דבורים!... מע דאַרף פונדעסטוועגען זעהען קריגען געלד. אַ, ניט געדאַכט זאָל ער ווערען, דער זאַאיקע!

שטעהענדיג ביי דער טהיר איינגעדויקערט און פערצווייפעלט, קעהרט ער זיך אום צו רבקה'ן און אויף זיין אָנגעלאָדען פנים באַווייזט זיך איין אויסגעקרימט שמייכעלע:

— איך מיין... ווען דו ברייגנגסט אין אַזאַ צייט פון דיינע גרויסע שטעדט עפּיס „רעכטס", האָטש אַ פּאָר הונדערטער... נו־נו, לייען, לייען, בולבע זיך, קיינער שטערט דיר ניט...

אין אַ ווײַלע אַרום הערט זיך פון הויף זיין בייזע הייזעריגע שטימע:

— אַבּרמצי! אַבּרמצי! וואו איז ער דאָס ערגיץ פערפאַלען געוואָרען דער בּחורען, ניט געדאַכט זאָל ער ווערען!...

דערנאָך לאָזט ער זיך געהן מיט שווערע טריט, און אַ טרוקענער שווערער הוסט הערט זיך אין דער שטילער פּוסטער גאַס, טראָגט זיך מיט אַ ווידער-קול אין דער רייניער היימער זומערדיגער לופט...

III.

עס איז געקומען די רעכטע צייט פון אוגערקעס קלויבּען. דאָס זענען געווען טעג, וואָס פון סאַמע פריהמאָרגען בּיז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט אין שטוב שטעהן אַ מאָדנער אונרוהיגער טומעל, אַ מאָדנע קאָ-כעניש, אַ לויפעניש, אַ יאָגעניש פון אויסגעהונגערטע פערצווייפעלטע מענ-שען, וואָס זיי האָט עפּיס אַ שיין געטהאָן... מעהר פון אַלע איז געווען פערקאָכט די מאַמע. אין די טעג האָט זי געזאָרען און געבּראָטען. זי האָט ניט געגעסען און ניט געטרונקען, ניט גערוהט און ניט געשלאָפען און ניט געקוקט אויף דער שטוב. זי האָט געוואוסט נאָר איין זאַך: אוגערקעס...

אַז רבקה חאַפּט זיך אויף פון שלאָף גאַנץ בּעגינען, מיט די ערשטע שטראַהלען פון דער זון, טרעפט זי שוין די מאַמע אויף די פיס. אַ בּאָרוויסע, מיט צעשויבערטע האָר און מיט אַ נאַקיטען בּוזעם, וואַקסט אַרויס די מאַמע פונ'ם פינסטערען אַלקירעל שטיל, אונבּעמערקט, ווי אַ שאָטען, שטעלט זיך אַוועק אין דער האַלבּ-פינסטערניש און טראַכט עפּיס איינע אַליין און לאָזט אַריין בּיידע הענד אין די צעשויבערטע האָר און נעמט זיך קראַצען דעם קאָפּ געשמאַק, מיט די נעגעל. דערנאָך געהט זי שטיל אַריין אין קיך, שטעלט זיך בּיי'ם קליינעם פענסטערעל און טראַכט ווייטער און זיפצט עפּיס, און עס דאַכט זיך דענסטמאָל רבקה'ן אַלץ אויס, אַז די מאַמע האָט גאָר ניט געשלאָפען. אַ גאַנצע נאַכט איז זי געשטאַנען ערגיץ אין אַ פינסטערען ווינקעל איין אַלעלאָדענע מיט זאָרג און שעה'ן-לאַנג געטראַכט דאָרטען אידרע מחשבות און געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען עס וועט זיך פערנעמען דער מאָרגענשיין...

לאַנג שטעהט די מאַמע נישט בּיי'ם פענסטערעל. עס הערט זיך בּאַלד אַ פליוך פון וואַסער אין פּאָמוניצע. די מאַמע גיסט אָבּ גיך נעגעל-וואַסער, געהט ווידער אַריין אין דאָס פינסטערע אַלקירעל און נעמט זיך

וועקען דעם טאַטען, פריהער שטיל און וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער.

— אליה, שטעה אויף! אליה, גענוג דיר שוין צו שלאָפען. אליה, דו הערסט? ס'איז שוין צייט אויפשטעהן. אליה, דו וועסט צייט האָבען זיך אויס־שלאָפען שבת. אליה, וואָס מאַכסט דו זיך עפּיס ניט הערענדיג? אליה, וואָס איז דאָס אויף איהם אָנגעפאַלען אַ פאַפערייִ! מיט אַמאָל, גלייך ווי ער וואָלט פינף נעכט ניט געשלאָפען?... רבונו של עולם! איין גאָרטען וואָלגערט זיך פון נעכטען אָן אַ פּאָר וועגען אוגערקעס, און זאָל דאָס איהם גאָר אַהרען אַ האָר... א—ל—יה!...

— האַ? וואָס? — האַפּט זיך אויף דער טאַטע ווי אַ נעכטיגער מיט אַ פערשלאָפען הייזעריג קול.

— „האַ, וואָס?"— קרימט איהם נאָך די מאַמע שוין אַ צערייצטע.— ער קומט אָן פון ניט היע... דו האָסט אַ פנים פערגעסען די נעכטיגע דריי וועגען אוגערקעס?...

— אוגערקעס— שמוגערקעס!... איין דרויסען איז נאָך האַלבע נאַכט!

— פון אוגערקעס וועֶרד שוין ביי איהם גאָר שמוגערקעס!... נאַ דיר! דו האָסט אַ פנים עפּיס בעטערס, שענערע ברויטגעבער מיינער? איהר האָט געזעהן אַ תאוה פון אַ מענשען: רק פּאָפּען?... ער האָט, דאַכט זיך, אָבגעשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט. גענוג! וויפיעל איז דער שיעור אַ מענש זאָל שלאָפען? מע מוז דאָס טאַקי זיך באָדען אין שלאָפען?..

די מאַמע ווערד אויף אַ ווײַלע אַנשוויגען. דערנאָך הערט זיך איהר קול עפּיס מיט אַ מאָל ווי איבערגעאַנדערשט, ווייכער, ווי זי וואָלט ריידען אין דער פינסטער צו זיך אַלײן שטיל, בעהאַרצט, פערטראַכט:

— מיר, ברוך השם, שלאָפט זיך ניט אַ גאַנצע נאַכט. ווײס איך, מע איז דאָך, דאַכט זיך, כלומרשט פערהאַוועט, און נאָך אַלעמען נעמט עפּיס קיין שלאָף ניט. איין קאָפּ קריכען עפּיס אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען, עס חלומ'ט זיך אַלץ עפּיס... אַ חלום איז דאָך, עס פּאַסט צו זאָגען, מעהר נישט ווי איין אויסגעקלערטע זאַך, נאָר פונדעסטוועגען... אָט ליעג איך מיר מיט אַ שעה צוריק, דאַכט זיך, איך שלאָף גאָר ניט, ערשט, עס עפּעס זיך מיט אַ מאָל די טהיר און עס קומט אַריין דער טאַטע עליו השלום, אין יאַרמאָלקע, מיט ווייסע זאָקען, ווי זיין שטייגער איז געווען... אליה! דו שלאָפסט שוין ווייטער? וואָס טהוט מען מיט איהם?... ניין! וואָס עס וועט זיין, וועט זיין! איך געה מעהר נישט אין גאָרטען!... זאָל מען דאַרטען צעשלעפּען אַלץ וואָס איז פאַרהאַן, זאָלען אַנגעהן חזירים, זאָל ווערען אַ תל פון דער גאַנצער האָרעוואַניע, זאָלען דריי

וועגען אוגערקעס צעפּילט ווערען... דריי וועגען אוגערקעס!... איך גיה אַוועק, ס'איז נישט מיין זאַך, זאָל ער זיך דאָ שלאָגען מיט זיינע שענע קינדערלעך קאָפּ אָן דער וואַנד! אליה!...

צום סוף בעוויזט זיך דער טאַטע פונ'ם אַלקירעל אינגאַנצען אין ווייסען, אַ באָרוויסער, אַ הויכער, אַ בייזער. ער קומט אַריין אין דעם חדר וואו רבקה שלאָפט, וואו די לאָדען זענען צוגעמאַכט, הוסט און קרעכצט און בורטשעט עפּיס, פּאָרעט זיך אין דער פינסטער, ביז וואַנען ער דערטאַפּט דעם טאַבאַק און נעמט דרעהען אַ ציגאַר. ער שפּאַרט זיך אָן אָן דעם קאַמאָד, שטעהט אויסגעצויגען, נישט גערירט, און שווייגט, טראַכט עפּיס, רויכערט דעם ציגאַר, און יעדעס מאָל גיט אַ שיין אַ פייערעל אין דער פינסטער, און עס בעלייכטען זיך זיין פערשלאָפען אָנגעבּרוגז'ט פּנים מיט דעם לאַנגען צעשויבערטען באָרד.

די מאַמע עוסק'ט זיך דערווייל אין פּאָרהויז, עפּעס פונאַנדער ברייט די טהירען, שלעפּט עפּיס אַרום אָנגעפּאַקטע פולע זעק און רוהט נישט. דורך די אָפענע טהירען רייסט זיך אַריין פון גאַס אַ קיהל פריש ווינדעל און בלאָזט אונטער דער קאָלדרע, אַ פאַס ליכט בלאַנקעט און ציטערט אויף אַ וואַנד אינ'ם פינסטערען חדר — און רבקה קייקעלט זיך אויפ'ן געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער, נורעט דאָס פּנים אין קישען, וויל אַלץ אַוועקטרייבען בייזע געדאַנקען און קאָן נישט.

פון פּאָרהויז הערט זיך דער מאַמעס שטימע:

— דו הערסט? דו האָסט זיך שוין צוגעחאַפּט צו דער פּיפּקע? אַי — אַי — אַי, די פּיפּקע!... איך גיה אַוועק אין גאָרטען. פּיפּקע דאָרטען אָב און קום באַלד צוגעהן. פערגעס נית, אַז עס וואַלגערען זיך דריי וועגען אוגערקעס...

— נו, און טיי? ווער וועט מיר מאַכען טיי? — פרעגט דער טאַטע מיט אַ הייזעריג קול און גיט אַ ציה דעם ציגאַר און עס בעלייכטען זיך זיין הויכע ווייסע פיגור מיט זיין אָנגעשטויסען פערפינסטערט פּנים.

— נאַ דיר גאָר אַ נייעס: טיי... מעהר פעהלט איהם נישט אַז טיי! איך זאָג איהם „אוגערקעס" — ענטפערט ער מיר „טיי"... איך האָב איהם, הייסט עס, אַ פּנים אויפגעוועקט, דעם פריץ מיינעם, ער זאָל זיך ביי מיר אַוועקזעצען טרינקען טיי! דאָס שעמט זיך גאָר נית אין טיעפען האַלז אַריין: אין אַזאַ צייט טיי... עפּיס אַ קלייניגקייט — טיי? דער אַנדערער וואָלט מיינען, ער איז געבוירען געוואָרען אין טיי... טהו זיך שוין דאָרטען אָן אַמאָל און קום צוגעהן. די קינדער וועלען אויפשטעהן, וועלען זיי דיר מאַכען אי טיי, אי ווי מיינע שונאים... אוי, גוואַלד, וואָס וועט דאָס זיין פון איהם?

— וועלכע קינדער? וואו האָסט דו קינדער? שענע קינדער האָט זי מיר אויסגעהאָדעוועט, נישטאָ וואָס צו ריידען!

עס ווערד שטיל. דער טאַטע שטעהט נאָך אַלץ אָנגעשפּאַרט מיט דער הויכער פיגור אָן דעם קאָמאָד און טראַכט עפּיס און וועבט אין דער פינסטער בייזע געדאַנקען און רויכערט דעם גרויסען ציגאַר, וואָס נעמט זיך גאָר נישט אויס. רבקה וואַלגערט זיך אויפ'ן געלעגער און האָט גרויסע יסורים: וואָס וועט זיין פון איהר לעבען?...

די קינדער הויבען אָן אויפצושטעהן, און עס ווערד אין שטוב אַ גערודער. מע לאָזט זיך אַרונטער אונטער דעם טיש און אונטער די ביינקלעך און מע זוכט פערפאַלענע זאָקען, קאָמטלעך, שפּענצערס, היטלען... מע שרייט, מע אַמפּערט זיך, מע שטעהט האַלב-נאַקעטע אין מיטען שטוב, קראַצענדיג אין פערצווייפלונג די קעפּ. נאָר איין פרידעל איז רוהיג. זי פערקלויבט זיך ערגיץ אין אַ ווינקעל דערווייטערט פונ'ם גאַנצען טומעל, און קאָמט דאָס גלאַטע צעפּעל איהרס ביי אַ קליין צעבראָכען שפּיגעלע שטיל, געלאַסען, פערטראַכט.

רבקה געהט אַרויס אין דרויסען, זעצט זיך אַנידער אויפ'ן צעבראָכענעם גאַניקעל, אינ'ם קאַלטען פרידמאָרגענדיגען שאָטען פון שטוב, און טראַכט וועגען דעם זומערדיגען טאָג, וואָס קומט אָן, אַ לאַנגער, אַ הייסער פוסטער טאָג אָהן תכלית און אָהן אַ שטראַהל האָפנונג; און טראַכט וועגען דעם טומעלדיגען אָוונד, וואָס קומט נאָך דעם טאָג, און וועגען דער קורצער נאַכט און דעם האַרטען געלעגער און דער מאַמעס וויינענדיג שניידענדיג קול, וואָס וואַכט אויף מיט דעם ערשטען שטראַהל פון דער זון. וואָס וועט זיין דער תכלית פון איהר לעבען?...

און אין דער זעלבער צייט בלאָזט אַ קיהל ווינטעל און פון הינטער די הייזער און שטאַלען, ערגעץ פון די ווייטע גרינע פעלדער, וואָס ווערען פערפאַלען אין עק הימעל, קומט אָן די זון. שפּיצען פון דעכער און בוימער צינדען זיך אָן אין אַ העליש פייער, אַרום און אַרום איז שטיל און פערדרימעלט, און אַז עס גיט ערגיץ אַ סקריפּ אַ טויער אָדער אַ לאָדען, הילכט עס אָב אינ'ם גאַנצען געסעל, שטאַרבט אָב— און עס ווערד ווידער שטיל און פערדרימעלט אַרום און אַרום. זעהענדיג די גרויסע פלאַם-פייעריגע זון, וואָס טוקט זיך אינ'ם בלייכען שטילען הימעל, פערטראַכט זיך רבקה, פערטראַכט זיך און מאַכט צו די אויגען. און איהר דאַכט זיך, אַז די זון קומט איצט אָן פון אַ ווייטער-ווייטער וועלט, און זי דערמאָנט זיך אָן דער גרויסער קאָכעדיגער שטאָדט, און איהר חלומען זיך יענע לאַנגע רייניגע גאַסען מיט די ברייטע טראָטואַרען מיט די סטרוזשעס, וואָס שפּריצען

וואסער פון די קישקעס, מיט דעם פריהמארגענדיגען פרעהליכען הודזען, מיט דעם פרישען ווארימען ריח, וואס טראגט זיך פון די בעקערייען... און עס וויינט אין איהר דאס הארץ, וואס זי איז אומעטום עלענד, איינע אליין, און קיינער טראכט פון איהר נישט, און עס געהט אוועק איהר לעבען און קיינער בעמערקט עס נישט...

זי שטעהט אויף און געהט אריין אין שטוב און דרעהט זיך ארום ווי א פרעמדע אין ענגשאפט און אין טומעל, צווישען שיטערע קישלעך אהן ציכלעך און צעריסענע קאלדרעס מיט ארויסגעקראכענער וואטע, און זי געהט צו צום צעבראכען אבגעריבען שפיגעלע, קוקט און געניצט מיט טרערען, און דערזעהט איין אויסגעצויגען גרין פנים מיט א לאנגער הארער נאז מיט פערביטערטע יאוש'דיגע אויגען.

אין טומעל קומט צולויפען די מאמע אהן איין אטהעם א פערשוויצטע, א פערסאפעטע, פאלט אריין אין שטוב מיט קולות, אז ביי איהר איז „קוילערס", נישט קיין קינדער. וואו איז ערגיץ נעלם געווארען דער בחור? מע דארף איינשפאנען דאס פערד און אוועקפיהרען וואס גיכער די אוגערקעס אין מארק, און ער איז זיך אוועקגעגאנגען צום טייך זיך „באדינקען". באדען זאל ער זיך אין א טייך בלוט, רבונו של עולם!...

זי חאפט שיילען קארטאפליעס גיך-גיך, אין איין איילעניש, ווארפט זיך בשעת מעשה א צערייצטע אין אלע זייטען. דאס יונגסטע טעכטערל איהרס, א מיידעלע א יאהר פיער, געהט צו איהר צו א פערוויינטע, בעקומט זי באלד א שטורך אין זייט.

— אוועק פון דאנען, ווארום איך מאך דיר דא א מיתה משונה אויפ'ן ארט!... קראנק איז אזא מויד עפיס טהון? גארנישט, די מאמע צערייסט זיך אויף פיערען, און אזעלכע מיידען, שטיקער פלייש...

רבקה דרעהט זיך אום אין איהר ריין ווייס אונטערקליידעל איין אבגעזונדערטע פון אלין, וואס טהוט זיך אין שטוב. און עס פאלט איהר מיט אמאל איין א פעסטער געדאנק און זי געהט אונטער צו דער מאמע.

— מאמע, איך געה היינט אין גארטען ארבייטען!

די מאמע קוקט זי אן פערוואונדערט.

— וואס הייסט: דו געהסט אין גארטען? וואס עפיס מיט א מאל אין גארטען?

— טא זאל מען מיר געבען אויף הוצאות, וועל איך אוועקפאהרען...

— וואס הייסט: אוועקפאהרען? — פרעגט די מאמע שוין א ביסעל אבגעקיהלט.

— אז איך האב דא נישט וואס צו טהון...

— איז וואָס? דאַרף מען שוין אַוועקפאָהרען? אָט, גלאַט געפּלוידערט... וואַרט אָב, מיין טאָכטער, דו זעהסט דאָך, מע איז אַזוי פערנומען... עס פּאַסט צו זאָגען, איצטער ווייסט מען דאָך נאָך ניט, אויף וואָסער וועלט מע איז. וואָרום די אוגערקעס... אָט, מע וועט זעהען. איך ווייס? אפשר וועט גאָט געבען... דאָס הייסט: אויף אי"ה, ברוך השם, איז דאָך גישטאָ וואָס צו האָפען. וואָס? גאָר נישט... מעהר נישט, אַ מענש, עס פּאַסט צו זאָגען...

די מאַמע שטעהט שוין אין טהיר מיט אַ זאַק אונטער דער האַנד.

— ניין, איך געה אין גאָרטען. ווי באַלד אַז אַלע אַרבייטען...

און רבקה נעמט שפּרייזען איבער'ן צימער. ביסלעכווייז צעוואַקסט זיך ביי איהר דער געדאַנק צו געהן אין גאָרטען, און ער בעקומט גאָר ביי איהר איין אַנדער פּנים. זי שטעלט זיך פאָר, ווי זי וועט אַרבייטען פון דער פריה ביז ביי נאַכט, זי וועט אַרבייטען גלייך מיט די גויעס, און פונדעסטוועגען וועט יעדער אָן איהר דערקאָנען, אַז זי איז איין אַנדער מענש מיט אַנדערע געפיהלען... אַ געבילדעטער מענש... די גויעס וועט עס שטאַרק געפעלען, וואָס צווישען זיי געפינט זיך אַזאַ אויסגעפּוצט מיידעל און זיי וועלען זי רופען „באַרינגיאַ". זיי וועלען זי שטאַרק ליעב קריגען און וועלען גרייט זיין צו געהן פאַר איהר אין פייער און אין וואַסער. מיט איהר וועט ביי זיי גאָר אַנדערש אַוועקגעהן די אַרבייט, מחמת זי ווייסט דאָך ווי צו בעגעהן זיך מיט אַ „קריסט"... דערנאָך... דערנאָך וועט זי איבערנעמען די גאַנצע פיהרונג פונ'ם גאָרטען אין איהרע הענד. עס וועט זיין אַ גרויס געדעטעניש אויף אוגערקעס... זי וועט פיהרען אַזוי, אַז די מינדסטע זאַך וועט נישט געהן פערלאָרען. מען וועט לייזען משאות מיט געלד... זי וועט ווערען די גאַנצע בעל-הבית'טע אין שטוב און וועט קויפען נייע מעבעל. אַברמצין וועט זי קויפען קאַמאַשען... זי וועט אַליין געבען קלוגע עצות. דער טאַטע מיט דער מאַמע וועלען אָנקוועלען פון איהר און וועלען איהר אין אַליין פאָלגען. זיי וועלען זיך אַ מאָל שטילערהייד שושקען, און די מאַמע וועט זאָגען דעם טאַטען: „אַ היינטיגער מענש איז גאָר אַנדערש. ניט אומזיסט געוועזען אין אַ גרויסער שטאָדט". און דער טאַטע וועט ענטפערען: „נו, אַוודאי, מעהר נישט, איך וויל דאָס איהר נישט זאָגען אין די אויגען"...

און אַז רבקה קומט צוגעהן אין גאָרטען מיט'ן זאַנטיקעל, טרעפט זי דעם טאַטען מיט דער מאַמע שטעהן נעבען איין אָפען טהויערעל, ביי אַ גרויסע קופּע אוגערקעס. אַברמצי שטעהט אין מיטען אַ גרויסען וואָגען אַ רויטער, אַ פערברענטער, און אַ פויער מיט אַ ציגעניש בערדעל, אין אַ לייַנוועַנטען העמד איבער די הויזען, טראָגט איהם אונטער שווערע זעק מיט אוגערקעס און

שיט זיי אויס מיט רעש אין וואָגען אַריין.

אַבּרמצי האַפּט אויף רבקה'ן אַ קאַלטבלוטיגען קוק פון אַ מענשען, וואָס איז פערטהון אין עסק, קעהרט זיך אום צום פויער און שרייט צו איהם מיט אַ גראָב קול אויף זייער לשון:

— אַי, האַדי טעבּי, זאַבּאַר! דאַוואַי שודי, פּריטקאַ!*)

רבקה פאַלט כּמעט זיך אַראָפּ און שטעהט, ניט וויסענדיג וואָס צו טהון. זי קוקט זיך אַרום אויף דעם גרויסען ברייטען גאַרטען, אויף די לאַנגע בּייטען, בּעדעקטע מיט גרינס, וועלכעס טריקענט און בּאַקט זיך אונטער דער זון, אויף די גויעס, וואָס זעהען זיך פון ווייטען קופּקעס-וויז מיט די יעטאַיי-זענס, און איהרע פריהעריגע ליכטיגע געדאַנקען צעשווימען זיך פּלוצים ווי אַ רויך אונטערן הימעל. עס איז היים און שטיל אַרום און אַרום, ווי ווייט דאָס אויג קאָן נאָר גרייכען. צייטענווייז לאָזט זיך הערען פון אַ קופּקע גויעס אַ געזאַנג, וועלכען עס האַפּען אונטער בּאַלד אַלע איבּעריגע קופּקעס. די פויערטעס הערען אויף אַ רגע צו אַרבּייטען, שפּאַרען זיך אָן מיט די יעטאַייזענס אָן די בּייטען און פערוואַרפען די קעפּ אַהינטער. געזונדע דאָרפישע קולות צעגיסען זיך מיט אַ יאָמער אויף די שטעדטישע פעלדער, איבּער די לאַנגע גרינע בּייטען, אונטער דעם העל-בּלויען הימעל. בּאַלד ווערד דאָס ליעדעל אָבּגעהאַקט אין מיטען, איינע אַ יונגע פויערטע לאָזט אויס מיט אַ מאָדנעם קוויטש, עס הערט זיך אַ הילכיג געלעכטער, אַ וויעדער-קלאַנג הילכט אָבּ אין די ווייטע פעלדער, און עס ווערד מיט אַ מאָל שטיל אַרום און אַרום, און די בּרענענדיגע זון הערשט איבּער דער שטילקייט...

דער טאַטע שטעהט מיט'ן שטעקעלע נעבּען דער קופּע אונערקעס עפּיס פערטראַכט. פון זיין שטערן קייקלען זיך שווערע טראָפּענס שווייס. ער קוקט מיט זיין בּעוואַקסען פערבּיטערט פנים ערגיץ אין דער וועלט אַריין, גלייך ווי ער הערט זיך צו עפּיס צו.

די מאַמע אָבּער לאָזט איהם נישט שטעהן.

— אליה, דו האָסט זיך שוין פערטראַכט?... און ווער וועט געהען אין מאַרק?

רבקה געהט אונטער צו דער מאַמע.

— מאַמע, איך בּין געקומען עפּיס טהון.

די מאַמע שטעהט אַ פערזאָרגטע און הערט זי נישט.

— פינף וועגען אונערקעס האָט מען שוין אוועקגעפיהרט. דאָס וועט זיין דער זעקסטער.

— מאַמע...

*) נעבּגיג דיר שוין, זאַבּאַר! דערלאַנג אהער, גיכער!

— רבקה! וואָס מאַכסט דו זיך נאַריש? דו זעהסט דאָך, מע איז אַזוי פערנומען...

— וואָס איז? — פרעגט דער טאַטע ווי אַ פרעמדער.

— ווייס איך! עס האָט זיך איהר פערגלוסט מיט אַ מאָל אַרבייטען אין גאָרטען.

— אַהאַ!...

אַברמצי, שטעהענדיג אין וואָגען, הויבט אויף אויף רבקה'ן זיינע פער־לאָפּענע אויגען פון היץ. דערנאָך גיט ער אַ קוק אויפ'ן טאַטען און שיסט אויס מיט אַ געלעכטער.

— הי—הי—הי!...

עס לאַכט אויך זאַכאַר דער גוי, וואָס ווייסט פון קיין מעשה נישט. ער הויבט אויף פון די זעק דאָס ציעגישע בערדעל, שטעלט אויס זיינע ווייסע ציינער און קוקט אויף רבקה'ן גוטמוטיג מיט לאַכענדיגע אויגען. רבקה פער־קערעוועט זיך באַלד און נעמט אַוועקגעהן. זאַכאַר, וואָס דערגעהט באַלד מיט זיין אייגענעם שכל דעם גאַנצען ענין, שרייט איהר נאָך פון הינטען:

— אי—הי! ניע נאַשאָו אַשצע באַטקאָ זשעניחאַ! ניחאַי סאַמאַ שו־קאַיע. וואָט יאַק!...*)

רבקה לאָזט זיך געהן מיט אַ קאָכענדיג האַרץ. פון הינטען הערט זי ווי דער טאַטע זאָגט איהר נאָך ווייך:

— הער, רבקה! מעהר מצוה וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט געהן אַהיים און מאַכען אַ גלעזעל טיי, כלעבען...

— יאָ, יאָ... — קאָכט זיך רבקה פאַר זיך. און זי געהט ערגיץ נאָכאַ־נאַנד און געשווינד און ווייסט ניט וואוהין זי געהט. זי בלאָנדזשעט איבער שטראַהלענדיגע פעלדער, צווישען הויכע זאַנגען, פערשלאָפענע אין היץ, און עס באַקט איהר די זון אין פנים, עס גיסט זי אָב אַ שווייס און דאָס האַרץ ווערד איהר פער'חלש'ט. שטעלט זי זיך אָב און טענה'ט צו זיך אַליין:

— וואָס זאָל איך טהון? וואָס זאָל איך טהון?...

זי קומט צוגעהן אַהיים אַ מיעדע, איין אָבהענדיגע, מיט אַ רויט אָנגע־ברענט פנים און מיט פערלאָפענע אויגען, און וואַרפט זיך אַנידער אויף די שטרויהענע האַרטע סאָפקע, ליגט מיט'ן פנים אַראָב און שטרעקט אויס מיעדע הענד צו דער קאַלטער וואַנד און ווערד אַזוי פערגליווערט.

הענד צו דער קאַלטער וואַנד און ווערד אַזוי פערגליווערט.

*) דער טאַטע האָט נאָך נישט געפונען קיין חתן! זאָל זי אַליין זוכען. אַט וואָס!

ארויף און קוקט מיט גלעזערנע אויגען אויף דער סטעלי.

— פריידעלע!

פריידעל גערט צו און בלייבט שטעהן א שטילע, איין איבערגעגעבענע, א גרייטע צו פאלגען.

— פריידעלע, דו הערסט... עס איז עפיס ביטער צו לעבען. אלע זענען פערטראגען, פערנומען, און איך בין איינע אליין אין עלענדע... און איך ווייס נישט, וואס וועט זיין פון מיר דער סוף...

פריידעל קוקט אן די שוועסטער פערוואונדערט און פערשטעהט זי נישט. נאר זי ווערד עפיס דערשראקען.

— וואס, אפשר חלילה נישט געזונד?

— ניין, גלאט אזוי... ס'איז מיר זעהר אומעדיג אויפ'ן הארצען...

ביי רבקה'ן פונקלען טרערען אין די אויגען.

— וואס? וואס וועט זיין דער תכלית? אט קריכען שוין ביי מיר אויס די האר...

פריידעל שטעהט א צעטראגענע און ווערד עפיס מאדנע רויט, לאזט אראב די אויגען צו דער ערד, נעמט זיך טאפען מיט ציטעריגע פינגער ביי'ם געפלאכטענעם פאס און גראבעלט עפיס דארטען אזוי לאנג, ביז וואנען דער פאס שפילעט זיך פון איהר אב און פאלט מיט רעש אויף דער פאדלאגע.

אין א האלבע שעה ארום זיצט רבקה אין אויסגעווייגטע, איין אייגנע־וואשענע, מיט א גרינג הארץ, און קעמט פונאנדער די האר און רעדט איין פריידלען, זי זאל זיך לערנען רוסיש, ווארום א געבילדעטען מענשען איז שטענדיג גוט, אפילו בשעת עס קומט אויף איהם א שלעכטע צייט.

— אט, צום ביישפיעל, איך. אז מיר ווערד א מאל נישט גוט אויפ'ן הארצען, נעם איך באלד לייענען א ביכעל. און אז איך לייען א ביכעל, פערגעס איך אן אלץ. ווארום איך לייען טאקי די אמת'ע גוטע ביכלעך. אין אזעלכע ביכלעך ווערד בעשריבען די היסטאריע פון אינטעליגענטען, וואס זענען זעהר געבילדעט. עס ווערד בעשריבען, ווי אזוי זיי לעבען, ווי אזוי זיי זענען שען און קלוג, ווי אזוי זיי רעדען איידעל און גלאט, אז עס איז א מחיה צו הערען. היינט פערליבען זיי זיך... פאר ליעבע איז ביי זיי רעכט אוועקגעבען דאס לעבען. זיי געהען שיעור נישט אראב פון זינען צוליעב ליעבע. און בעסער פון אלעמען איז דארטען די מיידלעך. אלע האבען זיי ליעב, אלע שלאגען זיך פאר זיי. מע קריעגט זיך און מע זידעלט זיך פאר א שען מיידעל, ביז וואנען מע מאכט אב צענויפקומען זיך אין וואלד און שיסען זיך אויף א דועל... און ארום און ארום איז

אַזוי גוט, אַזוי שען. מע וואוינט אין רייכע אימעניעס מיט פעלדער, מיט וועלדער, מיט קוטשערס און קאַרעטען. זומער געהען די מאַנסבילען צום טייך חאַפּען פיש, און די מיידלעך לויפען אין ווייסע טייערע באַטיסטענע קליידלעך זיך באָדען. און פאַרנאַכט קלויבען זיך אַלע צענויף אויפ'ן גאַניק, מע רעדט פראַנצויז און מע עסט ביפשטעקס און מע טרינקט שאַמפּאַניער-וויין, וואָס אַ קליין פלעשעלע דערפון קאָסט אפשר איבער פופצעהן רובל...

פריידעל איז זעהר צופרידען, וואָס רבקה ווייסט פון אַזעלכע גוטע זאַכען. זי לאָזט אַראָב טיעפער דעם קאָפּ און פון אונטער אירע שוואַרצע ברעמען שיינט אָב אויף איהר פנים אַ רוהיג ווייך שמייכעלע. זי ענטפערט פערשעמט:

— איך האָב שוין געהאַלטען אין חשבונען ביז הסור, האָט מען כהן דעם שרייבער אָבגעגעבען אין סאָלדאַטען. דער טאַטע זאָגט, אַז פאַר אַ מיידעל איז דאָס אויך גענוג.

— מאַלע וואָס דער טאַטע זאָגט! דאָס ווייסט דו, אַז דער טאַטע איז אַ פאַנאַטיק?...

און רבקה טהוט אָן דאָס היטעלע איהרס מיט די הענטשקעלעך, לאָזט אַראָב איבער'ן פנים די וואוּאַל, נעמט דאָס ביכעל אין האַנד און געהט אַוועק אין דער לייה-ביבליאָטעק.

אין ביבליאָטעק זיצט אַ יונגערמאַן, אַ קליינוואוקסיגער מיט שוואַרצע געקרויזעלטע האָר און מיט קליינע שוואַרצע אויגעלעך, וואָס פונקלען ווי צוויי שוואַרצינקע טראָפּענס טינט. זיין קיילעכיג פנימ'על איז שטענדיג רויט און גלאַנצט, פונקט ווי עס וואָלט געווען אויסגעשמירט מיט עפּיס פעטס, און אויפ'ן שטערן איז ביי איהם אָנגעקלעפּט אַ קליין קיילעכיג שוואַרץ פלאַסטירעל. ער רעדט הייזעריגליך, פּאַוואָלי, וואָרט אין וואָרט, נישט געאיילט, און קוקט אויף אַלע זיינע אַבאָנענטען פריינדליך, מיט אַ גליקליך צופריעדען שמייכעלע. אויף רבקה'ן קוקט ער אויך פריינדליך און רופט זי „מאַדעמואַזעל".

— וואָס פאַר אַ בוך, מאַדעמואַזעל, זאָל איך אייך היינט געבען?

— גיט מיר, איהר ווייסט דאָך, איין אמת'ען סעריאָזנעם בוך, עס זאָל זיין אינטערעסאַנט.

— פּאָזשאַלויסטאַ, מאַדעמואַזעל... געבען אייך, הייסט עס, סאָציאָלאָגיע?

— דאָס איז ניט טורגעניעוו?

דער יונגער מאַן קוקט אויף איהר מיט זיינע שוואַרצע אויגעלעך זעהר פריינדליך, מיט אַ גוט שמייכעלע.

— ניין. דאס איז וועגען ארבייטער-פראגע. איהר מיינט דאך אודאי, מאדעמואזעל, א ראמאן, א גוטען ראמאן?

— אודאי מיין איך א ראמאן. ווארום וועגען ארבייטער האב איך זיך שוין געגוג אנגעלייענט, נאך בשעת איך האב געוואוינט נישט היע. דארטען וואלגערט זיך דאס אין די גאסען...

בעקומען א בוך, בלייבט זי נאך שטעהן א ווײלע. זי קלויבט זיך עפּיס זאגען דעם יונגענמאן א גוט ווארט און ווייסט ניט, ווי אזוי אנצוהויבען. דער יונגערמאן שטעהט אקעגען אנגעשפארט מיט די הענד אן טישעל און ווארט און קוקט אויף איהר פריינדליך, מיט א גליקליך צופריעדען שמייכעלע.

— וואס, מאדעמואזעל, ס'איז היים אין דרויסען?

— זעהר היים. אזא היץ, דאכט מיר, קאן נאר זיין סיידען אין איטאליע... איהר ווייסט, אין אזא היץ איז זעהר אנגענעהם צו זיצען און לייענען א סעריאזנעם בוך.

רבקה שטעהט א ווײלע און גערט אונטער נעהענטער צום טישעל און בעשליסט זיך ארויסזאגען דעם יונגענמאן דעם גאנצען אמת.

— איהר ווייסט... איך בין אייך זעהר דאנקבאריג פאר אייערע גוטע ביכלעך, וואס פערשאפען מיר אזוי פיעל פערגעניגען. מיר דאכט זיך אליץ, אז מ י ר גיט איהר טאקי די אמת'ע גוטע ביכלעך...

ביי'ם יונגענמאן אויפ'ן קײלעכיג פנימ'על צעגיסט זיך א גליקליך שמייכעלע.

— נו, דאס איז דאך מיין פליכט! און בפרט א „בארישניא“— א „בארישניא“ האב איך שטענדיג ליעב צו שטיצען מיט וואס איך קאן נאר!

— טאקי?— פערוואונדערט זיך רבקה און מאכט א קאקעטישע תנועה און ווייסט ניט, וואס זי וועט ווייטער ריידען.— איהר פערשטעהט, די עלטערן מיינע זענען אלטמאדישע, פאנאטיקער...

— נו, יא. עס פערשטעהט זיך: עלטערן... די אלטע „פאקאליעניע“...

— אייך זעה איך כמעט אלע פארנאכט... איהר גערט אונטער דער שטאדט שפאציערען.

— אזוי? מיר דאכט, איך זעה אייך אויך יעדען אבענד. דאס זענט איהר, וואס זיצט אויפ'ן גאניק?

— עס איז נישטא מיט וועמען צו פערברייגען אין א אינטעליגענטען געשפרעך, זיץ איך אויפ'ן גאניק. נו, „פרידארע“ איז אויך א גאנץ גוטע זאך...

— טאק—ס! — ענטפערט דער יונגערמאן טיעף רוסיש און קוקט אויף

רבקה'ן און ווארט, און אין די קליינע שווארצע אויגעלעך שפּיגעלט זיך ביי איהם אַ גליקליך צופריעדען שמייכעלע.

רבקה גערט אַוועק פון דער ביבליאָטהעק און טראַכט דעם גאַנצען וועג וועגען דעם יונגעמאַן, און איז זעהר צופריעדען, וואָס זי האָט מיט איהם גערעדט מוטהיג. און זי פערטראַכט זיך שטאַרק וועגען דעם, וואָס ער זעהט זי יעדען אָבענד זיצענדיג אויפ'ן גאַניק, און איהר געפעלט, וואָס ביי איהם איז שווארצע געקרויזעלטע האָר און אַ הייזעריגליכע שטימע.

אָבענד־צייט קומען אַלע פון גאַרטען מידע, אָנגעהאָרעוועטע, מע שראַגט אָן אַ פולע שטוב מיט זעק און עס שמעקט אַ ריח פון פרישען גראָז. דער טאַטע טהוט אויס די קאַפּאָטע, דאַוונט מעריב, געהט אַרום איבער דער שטוב און קלויבט זיך טרינקען טיי. אַברמצי, אַ רויטער, אַ פערשוויצטער, זיצט מיט אַ צופריעדען פערשוולדיגט פּנים איבער אַ שיסעל קרופּניק. דענסטמאָל בינדט אָב די מאַמע פונ'ם פאַרטוך די שווערע ליינ־ווענטענע קעשענע מיט קופּער, רייניגט אָב אַ שטיקעל טיש און זעצט זיך אַנידער צעהלען די גרויסע פערזשאַווערטע קופּערנע צעהנער. זי שעפּ־טשעט עפּיס פאַמעליך מיט די ליפּען. חשבונ'ט אויף די פינגער, וויל זיך עפּיס דערמאָנען און פערקוקט זיך טראַכטענדיג אויף דאָס קליינע פער־רויכערטע לעמפּעל. איהר אויסגעטריקענט פּנים ווערד בשעת מעשה עטוואָס בעלויכטען מיט איין אומעטיג בעהאַרצט שמייכעלע.

רבקה מאַכט צו דאָס ביכעל, רייבט אויס די אויגען און שטעהט אויף פון טיש איין אַנגעלייענטע, מיט אַ רויך אין קאָפּ. אין שטוב איז שטיל און פריעדליך. פון די אָפענע פענסטער חאַפּט זיך אַריין די ווארימע נאַכט. עס הערט זיך, ווי שכנים פיהרען אַ שמועס ערגיץ אויף אַ פריזבע, ווי עס סקריפּעט הילכיג דער קלאָץ פונ'ם אַלטען ברונען, ווי אַקעגען אין אַ שטוב וויינט אַ קינד, צעגיסט זיך מיט אַ יאָמער הויך אויפ'ן קול, ביטער, מיט יאוש, אָהן האָפנונג... אַ קיהל ווינדעל גיט אַ בלאָז, און עס ציטערט דאָס פייערעל אין לעמפּעל, און עס ציטערען די שאָטענס אויף דער וואַנד, און עס שמעקט מיט נאָהענטע פעלדער.

אין קיך, אויפ'ן פריפּעטשיק, פון דעם הויכען דרייפוס, זידט און בלעזעלט אַ שוואַרצער אָנגעברענטער ליאַק. עס ברענט אַ ליכטיג פרעהליך פייער און וואַרפט אויף דער העל־בעלויכטענער וואַנד גרויסע שוואַרצע שאָטענס. ביי'ם פייער שטעהט פריידעל מיט אַ צעפלאַמט פּנים, אינגאַנצען אַ בעלויכטענע, אַ שטילע, אַ פערטראַכטע, מיט איין אַראָבגעגלאָזטען קאָפּ. דער טאַטע ווערד געוואָהר ביי'ם אויוען און געהט אַוועק אַ צופריעדענער, שפּרייזט אום הין און הער אויפגעלעגט, ברומט עפּיס אונטער דער נאָז

אַ ניגון און שטעלט זיך אָב בײַ'ם טיש, קוקט שטיל אויף דאָס ווײַב, ווי זי צעהלט דאָס געלד, און פרעגט:

— נו? ...

— וואָס „נו"? — ברידהט איהם אָב די מאַמע.— עס פעהלען בײַ מיר דאָ גאַנצע פינף שאָק אוגערקעס... „נו"!...

רבקה געהט אַרויס פון שטוב, זעצט זיך איינע אַליין אויפ'ן גאַניק, שפאַרט אָן דעם קאָפּ אויף די הענד און קוקט אין דער לופטען, אויף דעם פינסטערען אויסגעשטערענטען הימעל. אין קאָפּ שטעהט בײַ איהר אַ רויך, עס צאַפּעלט דאָס האַרץ אין אַ שטילען ווייכען וועהטיג און עס שוועבען נאָך אַלץ פאַר די אויגען די פערזאָנען פונ'ם ביכעל. ער — אַ הויכער, אַ יונגער, אַ בילדשענער: זי — לאַנגע געדיכטע ווייכע האָר, מילדע קאַרע אויגען, יונג הייס בלוט, אַ ברענענדיגע, אַ יין אשת־איש... און גאָך איינער: דער מאַן. אַ גאַנץ פײַנער יונגערמאַן, אַ לײַטישער, נאָר ער געהט עפּיס דורך ווי אַ שאָטען... און רבקה קאָן נאָך אַלץ ניט פערשטעהן, וואָס פאַר אַ חסרון האָט זי געפונען אין איהר מאַן, וואָס זי קאָן מיט איהם מעהר נישט לעבען? דאַכט זיך, אַזאַ לײַטישער מענש און אַזוי רײַך. און פונדעסטוועגען איז אויף איהר אַ ביטערע רחמנות, עס ווײנט דאָס האַרץ לײַענענדיג...

— רבקה! דו ווילסט אפשר אַ גלעזעל טיי? געה, טרינק. עס איז גאָך פאַרהאַן גענוג טיי!— דאָס הערט זיך דעם טאַטענס דערפרישט קול נאָכ'ן טיי טרינקען. אין דער שטילקײַט פון דער נאַכט קומט אויס דאָס קול אַזוי ווייך און אַזוי צאַרט, אַז בײַ רבקה'ן גיט אינוועניג עפּיס אַ צופּ און עס ווערט איהר וואַרים אין האַרצען. באַלד אָבער פאַלט איהר אַיין אַ עקשנות. עס גיט פאַר איהר אַ שײַן יענע־יונגע ברענענדיגע פרוי מיט יענעם יונגען שטאָלץ... און עס ווערד איהר עפּיס מיט אַמאָל מיאוס דער טאַטע מיט דער מאַמע מיט זייער שטענדיגען טומעל און זאָרג, מיט זייער אָרים פערהאָרעוועט לעבען. ענטפערט זי הויך און פעסט מיט אַ גע־פיהל פון נקמה:

— איך וויל נישט קיין טיי!

און די גאַס הויבט אָן דערווײַל לעדיג ווערען. שכנים און שכנה'טעס צעגעהען זיך פון די פריזבעס אין די הײַזער אַרײַן שלאָפען. מע פער־מאַכט פענסטער און לאָדען, און אַ שטילע פינסטערע נאַכט לאָזט זיך אַראָב און הילט אַיין פעלדער און הײַזער אין אַ טיפע רוהיגקײַט. רבקה זיצט נאָך אַלץ אָנגעשפאַרט דעם קאָפּ אויף די הענד און טראַכט וועגען דעם, וואָס זי זיצט איינע אַליין בײַנאַכט אויפ'ן גאַניק, איינע אַליין אין דעם

גאנצען איינגעשלאפען געסעל, און אויך וועגען דעם, וואס זי איז די איינציגע אינ'ם געסעל, וועלכע ליינט גוטע ביכלעך און האט אין זיך גוטע געדאנקען. און זי דערמאנט זיך, וואס דער יונגערמאן פון ביבליאטהעק האט איהר געזאגט, און זי שמייכעלט צו זיך אליין און שטעלט זיך פאר דעם קליינוואוקסיגען יונגענמאן מיט זיינע געקרויזעלטע שווארצע האר, מיט זיין הייזעריגליכער שטימע... אפשר זיצט איצט דער זעלבער יונגערמאן ביי זיך אין דערהיים און טראכט וועגען איהר?...

און טראכטענדיג אזוי, געהט זי אוועק מיט די געדאנקען ווייט-ווייט און געהט איבער צו א זאך, וואס ביי אזא יונגענמאן קאן עס זעהר געמאלט זיין. דאס וועט פארקומען אין א שענער ווארימער נאכט. זיצענדיג איינע אליין אויפ'ן גאניק, וועט זי בעמערקען, אז דער יונגערמאן שפאצירט עפיס אום א לאנגע צייט הין און צוריק פארביי זייער שטוב. דערנאך וועט שטיל ווערען אין גאס. וועט ער מיט אמאל צוגעהן צו איהר און וועט זי כלומרש'ט פרעגען, צי קאן ער זיך זעצען אביסעל אברוהען. איהר וועט דאס הארץ עפיס זאגען... זיי וועלען זיך פונאנדעררידען וועגען בילדונג און וועגען ביכער. און אז זיי וועלען האלטען אין רעכטען מיטען געשפרעך, וועט ער זי פלוצים א חאפ טהון פאר דער האנד און וועט איהר זאגען מיט א ציטעריגע שטימע: „איהר הערט, מאדעמואזעל, איך קאן זיך שוין מעהר נישט איינהאלטען... עפיס זענט איהר אנדערש ווי אלע מיידלעך. אלע זענען אזעלכע פוסטע, פערנארישטע, און איהר... ביי אייך זענען אזוינע מאדנע אויגען, פערטיעפטע, עפיס ציהען זיי צו“... זי וועט פרובען מיט א קלאפענדיג הארץ ארויסנעמען איהר האנד פון זיינער, וועט ער זי האלטען שטייף און וועט זי נאך הייסער דריקען. און מיט אמאל... וועט ער צוטראגען איהר האנד צו זיינע ליפען: „וואס, איהר זעהט א פנים נישט, אז?...“ דא וועט זי שוין אויך נישט קאנען מעהר אויסהאלטען. זי וועט אנידערלעגען איהר קאפ אויף זיין ברוסט און וועט זיך שטיל צעוויינען. און ער וועט זי גלעטען און טרייסטען מיט זיין גוטער הייזעריגליכער שטימע... און וועט זי פרעגען פאמעליך: „מאדעמואזעל, האב איך דאס-נונג?“... אנשטאט צו ענטפערען, וועט זי זיך צודריקען צו איהם, וועט איהם ארומנעמען און הייס א קוש טהון אין שטערן. דאס שווארצע קיילעכיגע פלאס-טירעל וועט שוין דענסטמאל נישט זיין...

און עס וועט זיך אנהויבען פאר איהר א ליכטיגע, א גליקליכע, א היציגע צייט. עס וועט נישט איבערגעהן א פאר וואכען, און דאס גאנצע געסעל וועט שוין וויסען, אז זי איז פערליבט. דער טאטע וועט זיך אויך דערפון דערוויסען. אין הארצען וועט דאס איהם שטארק הנאה טהון, און

ער וועט אַליץ וועלען זעהן דעם יונגענמאַן אַליין. ער וועט דעם טאַטען זעהר געפעלען ווערען: אַזאַ לייטישער, אַזאַ קלוגער... דער טאַטע וועט אפילו אָנהויבען ריידען מכח נדן. נאָר דאָ וועט ער דעם טאַטען איבערשלאָגען די רייד: „פאַני ליפשיץ, וועט ער זאָגען, פאַרדאָן! איהר דאַרפט וויסען, איך בין אַזאַ מענש, וואָס אַז איך האָב ליעב אַ באַישניאַ, רייד איך נישט פון נדן"... דער טאַטע, ווי זיין שטייגער איז, וועט שמייכלען: „ליעב — שמיעב... אַ יונג פאַר־פאָלק בעדאַרף האָבען געלד". אויף דערויף וועט ער זאָגען: „געלד האָב איך אַליין גענוג. און דאָס וואָס געהער צו ליעבע, פאַני ליפשיץ, איז פאַרדאָן! דאָס איז זעהר אַיין ערנסטע זאַך"...

עס וועט קומען די גליקליכע, די לאַנג־ערוואַרטענע מינוט. די חתונה וועט זיין אַ פרעהליכע, מיט מוזיק, מיט טענץ און מיט רייכע דרשה־געשאַנק פון'ם חתנ'ס צד. און דערנאָך, אַז זיי וועלען בלייבען איינע אַליין אין זייער נייע דירה, צעהיצטע, מיט ברענענדיגע אויגען, וועט זי איהם אַרויספאַלען אויפ'ן האַלז, וועט איהם שטייף־שטייף אַרומנעמען, בעדעקען זיין פנים מיט הייסע קושען, זיך איינזויגען אין איהם מיט איהר גאַנצען דאָרשטיגען קערפער און וועט איהם ליידענשאַפטליך שעפטשען אויפ'ן אויער: „מיין... — זיין נאָמען, ווי מע רופט איהם, ווייסט זי נאָך דערווייל נישט — גיב אויף מיר אַ קוק! זעה, ס'אַ יונגע פרוי איך בין נאָך. איך בין נאָך אַזוי יונג, אַזוי יונג"...

IV.

עס איז אַוועקגעגאַנגען די צייט פון אוגערקעס און עס איז אָנגעשטאַנען אַ קאַלטער, אַ נאַסער אָסיען מיט קאַלטע ווינדען און מיט דריבנע קאַלטע רעגענס. אינ'ם געסעל, אונטער'ן ניעדריגען פערהמאַרעטען הימעל, איז געשטאַנען אַ שיטערע בלאָטע, און אַרום די פרוכט־גערטנער, אין קליינע בלישצענדיגע טייכלעך, האָבען זיך געוואַלגערט פערוועלקטע, פערי־יתומ'טע, אַראָבגעפאַלענע בלעטער. עס האָבען זיך בעוויזען אין דרויסען יודען אין וואַרימע בורקעס מיט גרויסע מורא'דיגע פאַרעסאָלען, און יודינעס, איינגעהויקערטע, אין פערשלומפערטע פאַטשיילעס, זענען נאָכגעלאָפען נאָך חאַליאַסטרעס נאַסע שרייענדיגע גענז, געטריבענע, געיאָגטע פון ווינד און פון רעגען. בעלי־בתים אין געקעסטעלטע וואַטאָווע קאַפטאַנעס זענען

אַרויסגעגאַנגען מיט די כּלי־זין אַרומקוקען זייערע הײַזער, אָנשיטען די פּריזבעס, אַרומשמירען מיט לעדם די פענסטער, און געבען זיי, אין די הויפען, שטעהען די בהמות, פּערוואָגעלטע, פּעראומערטע, ווי די לײַדיג־געהערינס, ציהען אויס די העלזער, פּערדרייסען די בהמישע קעפּ זייערע צום אָנגעחמאַרעטען הימעל און לאָזען אַרויס אַ פערצווייפעלטען לאַנגען „מעעע" און בעקלאָגען דעם שענעם וואַרימען זומער מיט דער ליכטיגער זון, מיט די גרינע פעלדער, וואָס זענען אַוועקגעגאַנגען ווי אַ רויך...

און פון די גערטנער האָט מען נאָך נישט אַראָפּגענומען. די ערד האָט זיך אָנגעזויגט מיט'ן קאַלטען אָסיענדיגען רעגען, און עס האָבען געפוילט אין איהר די מעהרען מיט די בוראַקעס און אויף די צעשמיסענע קעפּלעך קרויט האָבען אין די פריהמאָרגענס געפּלאַטערט פון ווינד גרויסע, קאַלטע טראָפּענס וואַסער.

אין די פינסטערע רעגענדיגע פריהמאָרגענס, אַז רבקה חאַפּט זיך אויף פון שלאָף און נעמט זיך אײַנוואַשען, שטעהט שוין אין שטוב אַ מאָדנער, אַ שווערער טומעל מיט אַ מאָדנער שווערער גערעדערײַ, אויסגעמישט פון אַ סך פערשיעדענע קולות. דאָס קומען אָן די גויעס, וועמען דער רעגען האָט געחאַפּט אויפ'ן וועג, געהענדיג פון די דערפער אין שטאָדט אַרײַן אויף אַרבייט. זיי געהען אָן אַ פולע שטוב, טראָגען אָן בלאָטע אויף די גרויסע לאַפּטיעס, שטופּען זיך מיט די פּייכטע סוויטקעס, מיט די גראָב־אײַזענס און מיט די טאָרבעס, און ריידען אָהן אַ שיעור און דערצעהלען עפּיס מעשׂות אַלע אינאיינעם, אויף אַלערליי קולות. און פון דעם גאַנצען דאָזיגען טומעל איז קלאָר איין זאַך: דער רעגען מאַכט אָן אומגליקען...

און אין דעם קליינעם נידריגען שטיבעל, פּונקט ווי אינ'ם קאַלטען דרויסען, הײַנגען שווערע פינסטערע וואָלקענס. די אויסגעוועקטע קינדער, אין איינע העמדלעך, שטעלען זיך אויס אויף דער באַנק מיט די נאַקעטע דאַרע פיסלעך און קוקען אומעדיג אין פענסטער און ציטערען פון קעלט און זעהען צו, ווי עס שווינקט דער שלאַקס־רעגען די גלאַנציגע שינדעל־דעכער און ווי ער שמײַסט אויף דער גאַס אין די טײַכלעך. אין דעם דאָזיגען טומעל און ענגשאַפט קאָן זיך רבקה קיין אָרט נישט געפינען, און זי דרעהט זיך אַרום ווי אַ פרעמדע. וואונדערליך פרעמד זעהען דאָ אויס איהר אָנגעזייפט שמעקענדיג פנים, איהרע ווייסע קלאָרע וועש, איהרע ריינע נאַקעטע אָרעמס...

דערנאָך זענען די רעגענס געוואָרען נאָכאַנאַנד, עס האָט געגאָסען טאָג ווי נאַכט, און די דאָרפישע גוי'עס האָבען אינגאַנצען אויפגעהערט צו קומען. די מאַמע, אַ קליינינקע, אַ אָנגעפּעלצטע אין ווינטערדיגס, מיט

אַ שווערער פּאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ איז געווען אויסער זיך. זי איז אַלץ אַרומגעלאָפען מיט איין אומגליקליך פערשוויצט פנים, געשלעפּט פון גאָרטען שווערע נאַסע זעק, געבויגען זיך אין דרייען און געטריבען אברמ'צין מיט'ן פערד האַלז אין נאַקען. דער טאַטע, צוליעב זיין הוסט, געהט פון שטוב נישט אַרויס. אַ גאַנצען טאָג זיצט ער ביי'ם פענסטער אַרומגעבונדען מיט אַ רויט שאַלעכעל אויפ'ן האַלז, איין אָנגעלאָדענער, איינגאַנצען אָנגעפּילט מיט גיפט, הוסט און רויכערט אַ ציגאַר נאָך אַ ציגאַר און קוקט שטום אויפ'ן רבקה'ן, ווי זי לייענט איהרע ביכלעך. ווערד רבקה'ן ענג די לופט אין שטוב, און זי טהוט אָן איהר זומערדיג היטעלע מיט דער וואוואַל מיט די זומערדיגע ווייסע הענטשקעלעך און געהט אַוועק אין דער ביבליאָטהעק און דרעהט זיך דאָרטען צווישען אַנדערע איבעריגע אַבאָנענטען, שטעהט אָב שעה'ן לאַנג מיט מאָדנע געדאַנקען ביי'ם טישעל פון דעם יונגעמאַן און וואַרט און וואַרט אויף איהר גורל...

עס קומען אָן אַנדערע מיידלעך, יונגע, פלינקע, פרישע פון רעגען, חכמה'נען זיך מיט'ן יונגעמאַן, וואַרפען מיט ווערטלעך, לאַכען הויך און הילכיג, מיט'ן גאַנצען האַרצען. און רבקה שטעהט צווישען זיי אַ פערלאָרענע, אַ שעמענדיגע, אַ אומבעמערקטע, און פרובט אויך לאַכען ווי איינע פון זיי. נאָר דאָס געפאַלענע געלעכטער איהר'ס פּאַסט נישט ניט צו איהר אומגליקליך פערעלטערט פנים, ניט צו איהר זומערדיג היטעלע אין די קאַלטע רעגענדיגע טעג.

און אַז רבקה קומט אַהיים איז שוין נאַכט און אין שטוב רויכערט דאָס קליינע לעמפּעל. דער טאַטע, איין אָנגעלאָדענער, איינגאַנצען אָנגעפּילט מיט גיפט, געהט אַרום איבער'ן חדר און טענה'ט עפּיס און קאָכט זיך און דערמאָנט, אַז ער איז אַ קראַנקער. ער זעצט זיך צו'ם טיש עסען וועטשערע, בויגט זיך אָן צו'ם שיסעל און קוקט זיך איין: ס'איז שוואַרצע קאַלטע באָטווינע מיט צעבראָקטע אוגערקעס, — גיט ער אַ שטויס דאָס שיסעל און דרעהט זיך אוים שטום מיט'ן פנים צו'ם פענסטער. די מאַמע שטעהענדיג אַקעגען אַ פערצאָרנטע, איין אָנגעפּעלצטע אין ווינטערדיגס, מיט אַ שיסעלע מאַסלינקע און מיט אַ שטיקעל ברויט אין האַנד, רופט זיך אָן:

— זעה, ער האָט זיך שוין אָנגעדרודעלט: עפּיס אַ קאַטאָוועס, די אכילה האָט זיך אין איהם צעפּלאַקערט!...

ווערד דער טאַטע מלא רציחה, האַפּט דאָס שיסעל באָטווינע און גיט עס אַ טראַסק אָן דער ערד, חאַפּט גלעזער פון טיש און וואַרפט זיי איינס נאָך דעם אַנדערען, און שטעהט אויף פון טיש אַ הויכער, אַ מורא'דיגער

און גיט אַ שפּײַ מיט'ן פולען מויל:

— טפו, ניט געדאַכט זאָל עס ווערען!

ער געהט געשווינד אַרײַן אין דאָס פינסטערע אַלקירעל. עס הערט זיך באַלד פון דאָרטען אַ האַסטיגער וואָרף פון שטיוועל אָן דער פּאָדלאָגע, דערנאָך — אַ טרעשטשען פון אַ בעט, און דער טאַטע ווערד שטיל. בײַם טיש בלײַבען זיצען די קלײנע קינדער בלײכע, שטומע, פערוואונדערטע, ווי די איבערגעשראָקענע שעפעלעך.

אין אַזעלכע נעכט גוֹרעט רבקה אַ לאַנגע צײַט דעם קאָפּ אין קישען און קאָן נישט אײַנשלאָפען. איהר גיט זיך אפילו נישט אײַן צו חלומ'ען איהרע גילדענע חלומות און צו מאָהלען זיך בילדער פון דער גליקליכער צוקונפט. אָהן דעם טאַטען קומען אויס די בילדער נישט גאַנץ, און מיט דעם טאַטען איז נאָך ערגער... דער טאַטע איז פאַר איהר אַ פערפאַלענער מענש, וואָס וועט שוין קײנמאָל ניט בעסער ווערען.

זי ווערט אַנשלאָפען ערשט אין האַלבער נאַכט און שלאָפט אַ האַרטען שווערען שלאָף מיט בײזע חלומות. אין דער פריה, אַז זי האַפּט זיך אויף איז שוין אַ טומעל אין שטוב. דער טאַטע, אָבגעזונדערט פונ'ם טומעל, שטעהט אין אַ ווינקעל בײַ דער טהיר געבויגען אין דרײַען, הוסט שווער, שפײַט, און שטרעקט אויס צו דער וואַנד דאַרע ציטערדיגע הענד...

עס טרעפען זיך אַמאָל אויך שטילע רוהיגע אָבענדען און מע טרינקט טיי. דערנאָך, אַז אַלע צעלעגען זיך שלאָפען און רבקה בלײַבט זיצען בײַ'ם לעמפּעל פערטיעפט אין דאָס ביכעל, שטעהט די מאַמע אינ'ם פינסטער אַלקירעל, טראַכט עפּיס און קראַצט זיך געשמאַק און פערפיהרט אַ געשפּרעך, רײדענדיג שטיל און בעדאַרצט צו זיך אַלײן:

— ער זאָגט: קינדער... נו, אַודאי, מיט קינדער איז שלעכט. וואָס זשע מײנט ער, מע קאָן נעמען אַ קינד און אָבּ'פטר'ן עס מיט אַ גאָרנישט?...

אַי וואָס, ער זאָגט, הײסט עס: ער איז נישט מחויב?... דאָס הײסט, גערעכט איז ער טאַקי, ווארום מע זעהט דאָך הײַנטיגע צײַטען גאָר פער־קעהרט: אַז אַ קינד, הײסט עס... נאָר וואָס דען? עס פּאַסט צו זאָגען, יאָ מחויב, נישט מחויב — מע דאַרף דאָך אָבער זעהן עפּיס אַ תכלית: דאָס הײסט: אַ תכלית... דער תכלית איז, ברוך השם, אַזוי: אַז עס וואָלט זיך לאָזען... וואָס? וואָס האָט מען פון לעבען? מע רײַסט קריעה, מע ווײסט ניט פון טאָג און פון נאַכט, און צו'ם סוף, נאָך אַלע גליקען, אַז עס קומט צו עפּיס, איז, הײסט עס, משטײנס געזאָגט.... נאָר געה, עס פּאַסט צו זאָגען, טענה מיט הײַנטיגע קינדער, אַז זײ זאָגען גאָר... דאָס הײסט: זײ זאָגען... וואָס קומט אַרויס פונ'ם זאָגען? דער עיקר איז

דאך, הייסט עס, אדרבה... איך ווייס? פערשטעהט זיך, אז א קינד וואלט אריינגעהן אין די עלטערען'ס לאגע, איז דאך ניט שייך צו זאגען... ווארום אז מע זאל זיך בערעכענען: וואס איז א מאמע? א מאמע איז א שטיין? א מאמע האט קיין אויגען נישט? א מאמע טהוט נישט וועה דאס הארץ? מעהר נישט, וואס? גארנישט... ס'איז ניט אמאליגע יאהרען. ווארום אמאליגע יאהרען, עס פאסט צו זאגען... נו, וואס איז דא פארהאן וואס צו ריידען? א קינד איז געווען א קינד. אז א טאטע האט געזאגט א ווארט, איז געווען היילינ... אט געדענק איך, דער טאטע עליו השלום פלעגט אמאל זאגען, ווי זיין שטייגער איז געווען... דער טאטע עליו השלום, ער זאל מיר מוחל זיין, איז געווען א בייזער. דאס הייסט: א בייזער... ער האט געהאט, ער זאל מיר מוחל זיין, א כאראקטער, אז א קינד מוז אויף זיך האבען א יאך. און פון דעסטוועגען, אז עס איז געקומען די צייט מיך חתונה מאכען, איז דאך, עס פאסט צו זאגען, וואס הייסט?... נו, און רייד מיט איהם, ווערד ער אין כעס. אהא געלד! היינטיגע צייטען איז דאך נאר — געלד און געלד! אלע ווילען מע זאל זיי אבגילטען. וואס דארף מען מעהר, אט א בעל־מלאכה, א שטיקעל סמארקאטש א שניידערעל, עס פאסט צו זאגען...

און איינמאל בייטאג איז רבקה געזעסען ביים פענסטער און פערטראכט צוגעקוקט ווי א קאלט דריבנע רעגענדעל האט זיך געזיפט און געשמיסען עקשנות'דיג אין די שויבען — האט זיך געעפענט די טהיר און אין שטוב האט זיך אריינגעשטופט א גראבע אויסגעוויקטע יודינע מיט א קאשיק.

מע האט דער יודינע דערלאנגט א שטוהל, געבעטען זיצען. דער טאטע האט פערהיכערט א ציגאר און זיך געזעצט אקעגען. די מאמע האט זיך געשטעלט אן א זייט ביים קאמאד און גענומען טאפען די האר אונטער דער פאטשיילקע. און עס האט זיך פערבונדען א געשפרעך.

— וואס, עס גיסט? — האט דער טאטע געשטעלט א פראגע מיט זעהר א פריינדליך פנים.

— נאך א מין גיסען, הארציגער פאטער! — די יודינע האט זיך צעשאקעלט און פערגלאצט די אויגען און געחאפט בשעת מעשה א קוק אויף רבקה'ן. — א קול האט די געהאט א גראבס, א מאנסבילש, און אויף דער פיכטער נאז האט ביי איהר געגלאנצט א גרויסע, א קיילעכיגע, איין אלטגעזעסענע בראדעווקע.

— נו — נו, א טעגעלע, הארציגער פאטער! — די יודינע האט זיך גענומען ווישען דאס פעטע פנים מיט א קליין שמוציג פאטשיילעכעל.—

איך קלויב זיך און קלויב זיך אַלץ צו אייך, און האָב זיך אויסגעקליבען אין אַזאַ טאָג. לייט מיינען, אַז שדכנות איז אַ גרינגער ביסען. אוי, גרינג! אוי, גרינג! זאָל נאָר גאָט געבען, עס זאָל געהן כשורה, האַרציגער פאָטער!

— אם ירצה השם... — האָט דער טאַטע געענטפערט זעהר פריינדליך און גענומען זיין לאַנגען באָרד אין האַנד און איהם בעקוקט.

ביי רבקה׳ן האָט מיט אַמאָל אַ טיאָכקע געטהאָן אין האַרצען. זי איז געוואָרען רויט ווי פייער און האָט זיך אָבגעקעהרט מיט׳ן פנים צו׳ם פענסטער.

— הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, — און די יודינע האָט געחאַפּט אַ קוק אין רבקה׳ס זייט, — אייער מיידעל מאָג עס אויך הערען... איך בין בטבע אַ מענש, וואָס כ׳האָב פיינד צו זאָגען אַ ליגען. איך געה מיר אַזוי צו אייך אין רעגען און טראַכט מיר: האַרציגער פאָטער! מקנא זיין דאַרף מען היינטיגע צייטען נאָר אַ בעל־מלאכה... וואָס פעהלט מיר, אַ שטייגער, אַז איך בין מיר איצט אַ מאַנסביל און דערצו אַ בעל־מלאכה, אַ שטייגער אַ שניידער?... אַז זיצען זיץ איך אין דער וואַרים, און אַרבייט האָב איך גענוג, און לעבען לעב איך ווי אַ גראַף... וואָס דאַרפט איהר מעהר, ווי זאָגט אונזער הייליגע תורה?... רב אליה, איהר זענט דאָך אַ מאַנסביל, ווייסט איהר דאָך מסתמא...

דער טאַטע איז שטאַרק צופריעדען, וואָס ער איז אַ מאַנסביל, און איף זיין בעשטענדיג אָנגעלאָדען פנים צעגיסט זיך אַ ליעבליך שמייכעלע.

— יאָ, עס שטעהט טאַקי געשריבען...

— יאָ איין אמת? אַודאי, אַז איך זאָג איז אמת. אַ ליגען האָב איך פיינד צו זאָגען. אַמאָליגע צייטען פלעגט מען אפילו טענה׳ן: אַ בעל־מלאכה, דאָס, יענס... איז וואָס זשע מיינט איהר? אַמאָל האָט מען טאַקי נישט געוואוסט וואָס גוט איז... הערט איהר, אָט האָב איך אַ זוהן אין אַמעריקאַ — איהר וואָלט אָנקוקען, ער האָט מיר צוגעשיקט זיין קאַרטע! איך זאָג אייך: עס איז אַ ברכה צו מאַכען... אַ געשטאַלט! אַ גראַף, אַנ׳אמת׳ער גראַף! מיט׳ן פיינעם גאָלדענעם זייגער, מיט די גרויסע גאָלדענע רינגען, מיט׳ן טייערען קאַפעליוש... איז וואָס, איך זאָל אייך זאָגען, אַז ער איז דאָרטען הלילה אַליין געוואָרען אַ בעל־מלאכה, וועל איך אייך נישט זאָגען. למאי זאָל איך זאָגען אַ ליגען?... מעהר פעהלט איהם נישט, אַז ווערען אַ בעל־מלאכה! וואָס, קאַרג געלד האָט ער אָבגעקאָסט, אַז ער איז ביי מיר געזעסען ביז צוואַנציג יאָהר אין שוהל און געלערנט? נאָר וואָס דען? איך וועל אייך קיין ליגען נישט זאָגען. דער קייסער זייערער, אין אַמעריקאַ דאָרטען, איז אַמאָל, אין די יונגע יאָהרען, געוועזען אַ פראָסטער בעל־מלאכה. איהר פערשטעהט אַ אינטערעס? אַ קייסער!... צי אַ שוסטער, צי אַ שניידער —

דאָס וועל איך אייך אָקוראַט נישט זאָגען. דאַכט זיך, אַ שניידער...

דער טאַטע האָט געדרעהט אַ צווייטען ציגאַר און האָט פריינדליך געשמייכעלט:

— יאָ, עס הערט זיך אַזוי...

— און צוריק ריידענדיג, איז דאָך ווייטער די אייגענע מעשה... אַנומאָלט, אַז איהר האָט מיר, רב אליה, דערמאָנט מכּה דעם ענין, האָב איך באַלד אַ טראַכט געטהאָן: האַרציגער פאָטער! דאָס איז דאָך פאַר איהר אַ גליק... איהר הערט, איך וועל דאָך אייך קיין ליגען נישט זאָגען. ס'איז גאָר ניט צו דערקענען אָן דעם יונגען מאַן, אַז ער איז אַ שניידער... וואו אַ שניידער? אַיין איידעל קינד... אַז איך זאָג אייך: אַ זייד.... אָט איז אייער מיידעל אויך אַ שניידערין. דו ביסט דאָך, טאָכטערקע, אַ שניידערין, יאָ? אַוודאי, מע זעהט באַלד, אַז אַ שניידערין. אַ פּנים ווי אַ לימענע... פאַר וואָס זעהט איהר זי נישט צו? היינטיגע בחורים האָבען ליעב, אַז ביי אַ מיידעל זאָל טאַקי דאָס פּנים שפּריצען מיט בלוט...

רבקה האָט זיך מיט אַמאָל אַ שטעל געטהאָן אַ בלייכע ווי קרייד.

— וואָס? — האָט זי געפרעגט מיט אַ פערשטיקט קול.

— איך זאָג, אַז דער חתן דיינער, טאָכטערקע...

— וועלכער חתן?

— אַז עס וועט זיין, אם ירצה השם, תנאים...

— ביי וועמען?

— וואָס הייסט, טאָכטערקע, ביי וועמען? ביי דיר...

— איך האָב קיין חתן ניט!

— וואָס הייסט, טאָכטערקע, דו האָסט ניט? אָט איך וועל דיר געבען, וועסט דו האָבען...

רבקה האָט זיך אָנגעצונדען.

— איהר הערט? נעמט אייער קאָשיק מיט אייער שניידער און געהט אייך!...

און רבקה האָט אַ האַק געטהאָן מיט דער טהיר און איז אַרויסגעלאָפען אין דרויסען און זיך פערקליבען הינטער'ן שטאַל, אונטער דעם קאַלטען דריבנעם רעגענדעל.

בייגאַכט איז רבקה שטיל אַריינגעגאַנגען אין שטוב, זיך שטיל געלעגט שלאָפען און זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע, כּדי נישט צו הערען דעם טאַטען'ס קולות.

— ס'אַ העזה אַ ביסעל פון אַ מויד! — האָט זיך דער טאַטע געקאָכט אינ'ם פינסטער אַלקירעל. — וואָס הייסט: „אַרויס פון שטוב"? פון וועמענס

שטוב? פון מיין שטוב?... איך וועל איהר ווייזען, דער מויד, ווי צו טרייבען אַ מענשען פון מיין שטוב! דו האָסט געזעהן אַמאָל אַ מויד?...

— דו, דו... ער האָט זיך שוין צע׳טענה׳ט, דער בעל־דרשן מיינער!...— האָט די מאַמע געפּרובט איהם איינהאַלטען.

— וואָס זיצט זי אויף מיין קאָפּ? וואָס מיינט זי — אַז זי האָט אָנגעטהאָן אַ היטעלע מיט הענטשקעלעך, וועל איך איהר געבען איין אַפּטייקער? איך פערמעג נישט קיין אַפּטייקערס!... עס געהט ביי מיר אום אין שטוב איין אויסגעפּוצטע מויד, אַ פרעמדע, אַ בלוטיגער שונא... זי וויל, איך זאָל זי טראָגען אויף מיינע פּלייצעס ביז אין גרויען צאָפּ! איך קאָן מעהר נישט! איך שפּיי מיט בלוט, איך בין אַ קראַ — אַנקער!...

רבקה איז געלעגען אונטער דער קאָלדרע שטיל, נישט גערירט זיך, ווי אָהן אָטהעם... מיט אַמאָל האָט זי זיך אַראָבגעהאַפּט אין דער פינסטער פון געלעגער, עס האָבען ביי איהר געציטערט הענד און פיס און עס האָט איהר גערוישט אין די אויערען. זי האָט געהאַפּט און זיך געשווינד אָנגעטהאָן און איז אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

דער טאַטע איז אַנשוויגען געוואָרען. אין שטוב איז געוואָרען מוראדיג שטיל.

— וואָס? ווער איז דאָס? — האָט די מאַמע געפרעגט אַ דערשראָקענע און איז אַרויסגעגאַנגען פון אַלקירעל אין איין העמד.

געבען פענסטער, ביים שוואַכען שיין פון דער דונקעלער נאַכט, איז געזעסען פריידעל אויף איהר געלעגער און געפּלאַטערט ווי אַ בלאַט. זי האָט זיך עפּיס מאָדנע געשטיקט און געשטאַמעלט:

— אַז מע נעמט ביי איהר אַרויס דאָס לעבען... אַז... איהר צאַפּט בלוט... איהר זענט... פאַר וואָס איז מען... פאַר וואָס... אַזעלכע מענשען?... גזלנים?...

און זי האָט אויסגעבראָכען מיט אַ געוויין.

און רבקה איז געפלויגען מיט אַ היץ אין קאָפּ איבער דער גאַס, געקראָכען אין דער פינסטער אין בלאָטע, געשפּרונגען געשווינד איבער ליוזשעס. די נאַכט איז געווען אַ שטילע, אַ דונקעלע, און פון אויבען זענען געהאַנגען שיטערע גרויע וואָלקענס. זי האָט זיך עטליכע מאָל אויסגעדרעהט מיט׳ן פּנים צו דער שטוב, געקריצט מיט די ציינער און געמאַכט מיט די הענד: „אַזוי גאָר? וואַרט, וואַרט, אַ קלאָג צו אײַך!"... לויפענדיג האָט ביי איהר גערוישט אין מח אַ פרייער, אַ ווילדער געדאַנק און האָט זי געהויבען אין לופטען: איצט איז שוין אַלץ פערפאַלען... זי איז פריי, זי איז ווילד, זי האָט פאַר זיך קיין גרעניצען נישט, זי מעג

טהון מיט זיך וואס איהר הארץ געלוסט... און זי קריגט א מאָדנע שטארקייט מיט א מאָדנע תקיפות און שטעלט זיך אָב און דרעהט זיך ווייטער אוים מיט'ן פנים צו דער שטוב און מאכט א פאר שטייפע, צענויפגעדריקטע פויסטען:

— א קלאָג צו אייך!...

און זי לויפט ווייטער. זי איז זיכער, אז באלד וועט זי שטארבען, אז זי לויפט עס אונטער דער שטאָדט צו דער בריק טרינקען זיך. פון ווייטען הערט זיך עפּיס א מאָדנע וויינענדיג קול: „רבקה!"... נאר דאס קול שטארבט אָב ערגיץ אין דער פינסטער און דערגרעהט נישט צו איהר. עס טראָגט זי נאר איין געדאנק: טרינקען זיך, טרינקען זיך...

נאר פאר'ן טרינקען זיך, שטעהענדיג אויף דער בריק, דערמאָנט זי זיך, אז באלד וועט זי שטארבען, און נאָכ'ן טויט וועט זי שוין מעהר נים וויסען, וואס עס וועט זיך מיט איהר טהון... עס גלוסט זיך איהר שטעהן נאָך א פאר מינוט אויף דער בריק און בעטראכטען און פארשטעלען זיך, ווי וועט אלץ פאָרקומען. און זי פערגעסט אן אלץ און פערטראכט זיך. עס וועט זיין א ווארימער אסיענדיגער טאָג. אויף דער בריק וועלען שטעהן א מאסע מענשען און ווארטען און ווארטען און ארויסקוקען אין דער ווייטען אויף די שיפלעך, וואס קומען אלץ נעהענטער און נעהענטער. מע וועט זי ארויסשלעפען אויפ'ן ברעג. אלע וועלען זיך א שאט טהון קוקען... מע וועט בעקוקען איהר נאקיט לייב, איהרע פערבלאָטיגטע האר, איהרע דארע ברוסטען... מע וועט דערצעהלען מעשות, ווי אזוי עס האָט זי שוין פון לאנג אן געצויגען צו'ם טייך, ווי אזוי עפּיס איינער א גוי איז געזעסען זומער און געחאפּט פיש, האט ער זי געזעהן ביי'ם טייך: זי איז געשטאנען און מאָדנע געקוקט אויפ'ן וואסער... מע וועט זיך וואונדערן: אזא קלוג מיידעל?... וועט מען ענטפערען: „אלע אומגליקען נעמען זיך פון די גרויסע שטעדט"....

פון ווייטען וועט לויפען פריידעל און ברעכען מיט די הענד. נאָך איהר וועט נאָכלויפען די מאמע, א קליינינקע, איין אנגעפּעלצטע, א פער־סאפּעטע, מיט גרויסע דערשראָקענע אויגען. הינטער זיי וועט נאָכלויפען דער טאטע מיט'ן שטעקעלע... פריידעל וועט זיך דורכשטופען דורך דער מאסע מענשען און וועט ביטער יאָמערען: „מיין טייערע רבקה'לע"...

און ער וועט שטעהן ביי זיך אין ביבליאָטהעק און שמועסען מיט די מיידלעך. זיי וועלען זיך אלץ וואונדערן: „ווער וואָלט זיך גערוכט?"... וועט ער זאָגען: „איך האב אבער שטענדיג געטראכט, אז זי איז נישט אבי א וואסערע „בארישניא"... דאס איז א „בארישניא" וואס מע בעשרייבט

אין די ביכלעך, איין אומגליקליכע..."

און אז רבקה איז אראָבגעגאַנגען פון בריק און איז צוגעגאַנגען צו'ם טייך מיט טרערען אין די אויגען — איז דאָס וואַסער געווען שוואַרץ און קאַלט.

V.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז אַרויסגעגאַנגען אַ הייסע, אַ ליכטיגע זון און האָט בעגאָסען אַרום און אַרום די אָבגעשניטענע פערוועלקטע פעלדער. רבקה האָט זיך פערקליבען ערגיץ הינטער אַ פּאַרקאַן פון אַ גאָרטען און געזעסען מיט אַ פערשטיינערט פנים און זיך געוואַרימט אונטער דער זון. די מאַמע איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ פּאָר זעק אונטער דער האַנד און זי געזוכט אין די פעלדער, און איז צוגעקומען צו'ם אָרט, וואו זי איז געזעסען. האָט זי זיך אָבגעשטעלט און געקוקט אויף איהר און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— אַ משוגעת אַ ביסעל! געענכטיגט אין דרויסען... מע קאָן זיך דאָך חלילה פערקיהלען! אַט געה בעסער אַ היים, וועט דיר פריידעל מאַכען אַ פּאַנקוכען. דו ועסט אפשר וועלען אַ זויערע אוגערקע? וועסט דו אָנהויבען דאָס פאַס וואָס אין הויז. נישקשה, עס וועט נאָך קלעקען אוגערקעס פאַר'ן גאַנצען ווינטער!

IV.

פּיִיוּקֶעם יוֹם־הַדִין.

פײוועקעס יום־הדין.

פײוועקע איז געווען אַ ווילד דאָרפיש יונגעל פון אַ יאָהר זיבען, וואָס האָט זיך תמיד געהאָדעוועט צווישען ווילדע דאָרפישע שקצים. פונקט ווי זײן טאַטע, מתית דער קאָולאָוועך שמיד, וואָס איז געווען דער אײנציגער ייד צווישען אַ גאַנץ דאָרף גוים, אַזוי איז אויך פײוועקע געווען דאָס אײנציגע יידישע יונגעל צווישען אַ גאַנץ דאָרף שקצים. קײן אַנדערע, אויסער די קאָולאָווער שקצים, האָט פײוועקע כמעט קײנמאָל נישט געזעהן און נישט געקענט. ווען נישט זײנע שוואַרצע אָנגע'ברוגז'טע, אײנגע'עקשנ'טע אויגען, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פון אַ גרויס, אַ טיעף, אײן אָבגעקראָכען לעדערן היטעל, וואָלט שווער געווען צו אויסגעפינען, פון וואַנען שטאַמט עס אַרויס אַזאַ צעשלאָגען, צעדראַפּעט פנים? אַזאַ רויטע בלוטיגע שראַם אויף דער איבערשטער ליפּ? אַזעלכע גרויסע שוואַרצע צעליאַפּעטע, גאָר נישט קײן קינדערשע פיס? נאָר פײוועקע האָט בעקומען בירושה פון זײן מאַמען אַ פּאָר שוואַרצע אָנגע'ברוגז'טע, אײנגע'עקשנ'טע אויגען...

אַ גאַנצען זומער איז פײוועקע אָבגעלעגען מיט חברה שקצים אינ'ם דאָרפישען וואַלד, געקליבען שוואָמען, געקלעטערט אויף די בוימער, געטריבען בושלעס פון די הויכע נעסטען. אָדער ער איז געקראָכען ביז איבער די קניע אין די שיטערע זומפען, אַרום די וועלדער, געזוכט דאָרטען די שוואַרצע גליטשיגע זומפּ־ווערים. אָדער ער האָט זיך געפונען אין ברײטען פעלד, געטאַנצט ערגיץ אין דער הויך אונטער דעם הײסען הימעל אויף אַ וואָגען

היי, און פון דארטען געשריען א פערשוויצטער צו זיינע דארפישע חברים. אדער ער האט זיך גאר פערקליבען ערגיץ אין א פינסטערן קיהלען שייער, געהאנגען מיט סכנת־נפשות אויף א קיילעכיגען באלקען פון בוידעם, געהראמקעט געטריקענטע בארנעם, צוגעקוקט, ווי די גינגאלדענע זון שפריצט מיט טויזענדער פונקען אין דער פינסטערניש אריין, און געטראכט. טראכטען האט פייוועלע געקאנט וועגען מיקיטא דעם סטארשינא׳ס, וועגען דעמזעלבען מיקיטא, וואס איז ערגיץ געווארען כמעט א קאנדוקטאר אויף דער באהן, וואס איז אנגעפאהרען פון מרחקים צו׳ם טאטען דעם סטארשינא אין מעשענע קנעפ, בעוויזען א פולען טייסטער מיט זילבערנע רובל׳ס און געפייפט ביי־נאכט צווישען די שיקסעס אין א מאדנע קונציג פייפעלע...

וויפיעל מאל האט זיך געטראפען, אז פייוועלע איז גאר פערפאלען געווארען און איז ניט געקומען אהיים נעכטיגען. נאר טאטע־מאמע, מתית דער שמיעד מיט זיין ווייב די שמיעדיכע, האבען זיך ווינציג־וואס געקימערט וועגען דעם. ווייל דאס איז געוואקסען א ווילד, פערשייט, פון גאט פערשאלטען קינד.

פייוועלע איז ניט געווען פון די שרעקענדיגע יונגלעך. אבער עס זענען געווען צוויי זאכען, פאר וועלכע ער האט יא מורא געהאט; די דאזיגע צוויי זאכען זענען געווען: ג א ט און דאס ד א ו נ ע ן. גאט האט פייוועלע נאך קיינמאל נישט געזעהן, נאר ער האט זעהר אפט געהערט זיין נאמען, מע האט איהם שטענדיג געשראקען מיט גאט׳ס נאמען, מע האט דערביי געקוקט אויף דער סטעליע און טרויעריג געזיפצט... דאס האט פייוועלען פערביטערט זיינע זיסע פרייע טעג. ער האט געפיהלט, אז וואס מעהר ער וואקסט, אליץ נעהענטער קומט־צו דער טאג, ווען ער וועט זיך מוזען אוועקשטעלען פאר דעם מורא׳דיגען, שטרענגען, פרעמדען, ערגיץ־וואו בעהאלטענעם גאט. איינמאל האט פייוועלע שיער געהאלטען ביי א סכנה. דאס איז געווען אין א ווינטערדיגען פריהמארגען, אין א זאווערוכע, בשעת א פרעמדער שווארצער יוד אין א גרויסען דיקען שעפסען־פעלץ האט ביי זיי אין שטוב געריסען די פערקאלכטע בלעכענע צדקה־פושקעס. די מאמע האט דעם יודען דערלאנגט צום טיש הייסע קארטאפליעס מיט זויערמילך. דעמאלט האט דער שווארצער יוד פרום צוגעמאכט די אויגען, און אז ער האט זיי צוריק געעפענט, האט ער דורך דער ווייסער פארע פון די קארטאפליעס דערזעהן פייוועקען, וואס איז געשטאנען איינגעטוליעט אין א ווינקעל. ער האט איהם צוגערופען צו זיך מיט א פינגער.

— דו קאנסט עפיס לערנען, יונגעלע?

און האט איהם גענומען ביי דער באק מיט צוויי דינע בלייכע קאלטע

פינגער, פון וועלכע עס האט אַ שלאָג געטהאָן פײַוועקען אין נאָז אַרײַן אַ ריח פון שמעקטאַבאַק. די מאַמע איז שטאַרק רויט געוואָרען ביי׳ם אויווען און עפּיס געענטפערט דעם יודען. דער שוואַרצער יוד האָט פערגלאָצט די אויגען אין דער הויך און פּאַוואָלי גענומען שאָקלען מיט׳ן קאָפּ אין דעם ברייטען טיעפען שעפּסען־קאַלנער אַהין און אַהער. דאָס דאָזיגע שאָקלען מיט׳ן קאָפּ אַהין און אַהער איז געווען פון יענע סימנים, פון וועלכע מע קאָן שוין קיין גוטס נישט ערוואַרטען. פײַוועקען איז מיט אַמאָל עפּיס מאָדנע קאַלט געוואָרען אינווענינ, דערנאָך האָט איהם געוואָרפען אין היץ. עטליכע נעכט נאָכדעם, אין חלום, האָבען פײַוועקען אַלץ גע׳רודפ׳ט טויזענדער לאַנגע דינע בלייכע פינגער...

דאַוונען האָט מען פײַוועקען נאָך ביז אַהער נישט געלערנט. דאָס דאָרף קאָזלאָוו איז געווען אַ פערוואָרפען דאָרף, ווײַט פון אַ יודישען ישוב. אַלע שבת אין דער־פריה האָט פײַוועקע פון זײַן געלעגער נאָכגעקוקט דעם טאַטען, ווי ער טהוט זיך אָן אין אַ צעפליקטע שוואַרצע קאַפּאָטע, ווי ער וויקעלט זיך איין אין טלית, ווי ער פערמאַכט די אויגען און ציקעלט זיך אויף דעם האַלז און שטעלט זיך אַוועק צו דער וואַנד בוקען זיך. פײַוועקע האָט געפיהלט, אַז בוקען בוקט מען זיך צו גאָט, און דעריבער האָט עס איהם געשראָקען. ער האָט עס געהאַלטען פאַר אַ גרויסע ריזיקע פונ׳ם טאַטען. פײַוועקע האָט געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט געווען דער טאַטע, וואָלט ער בעסער מיט גאָט זיך גאָר ניט אָנגעהויבען... דאָס רוב פלעגט ער אין אַזאַ צייט אָבליעגען איינגענורעט אונטער דער קאָלדרע, און אַרויסקריכען פלעגט ער ערשט דענסטמאָל, בשעת די מאַמע האָט גענומען קלינגען מיט די טעלער און לעפעל און אין שטיבעל האָט זיך שוין געטראָגען דער שאַרפער ריח פון געבראָטענע רעטיך מיט ציבעלעס.

אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען ווינטערען נאָך זומערען. פײַוועקע איז אויס־געוואַקסען אַ זיבען־יעהריג יונגעל מיט אַ צעשלאָגען צעדראַפּעט פּנים, מיט אַ רויטער בלוטיגער שראַם אויף דער אויבערשטער ליפּ, מיט אַ פּאָר שוואַרצע, גרויסע, צעליאַפּעטע, גאָר ניט קיין קינדערשע פיס — אַ ווילד, פערשייט, פון גאָט פערשאָלטען קינד. אַזוי איז אויך אַוועקגעגאַנגען דער לעצ־טער זומער, און עס איז אָנגעקומען דער הערבסט.

יענעם הערבסט איז מתית דעם שמיעד׳ס ווײַב צו׳ם זיבעטען מאָל געלעגען געוואָרען מיט אַ קינד, און נאָך איידער זי האָט אויפגעוואַכט פון איהר קימפּעט, האָבען זיך שוין אָנגערוקט די קיהלע פאָרכטיגע טעג מיט די פייכטע נעבעלדיגע פריה־מאָרגענס, בשעת אַ פיש אין וואַסער ציטערט. ביי דער איינזאַמער דאָרפישער יודינע האָבען זיך די טעג פון איהר קימפּעט

אויפגעמישט צוזאַמען מיט די ימים־נוראים אין איין שווערע טרויעריגע צייט. זי איז אומגעגאַנגען אין שטיבעל פּאַוואָלי, ווי אין אַ רויך, אָהן טרייסט און אָהן האָפנונג, איין עלענדע, איין אויסגעבלייכטע, אַ שטילע ווי אַ שאָטען. אין דעם יאָהר האָט מען דורכגעשטופּט אַ שווער, ביטער לעבען. די עלטערע קינדער, די מיידלעך, זענען זיך צעפּאָהרען אין די אַרומיגע שטעדטלעך און צעשטעלט זיך ביי פרעמדע לייטען; דער פאָטער איז געוואָרען קלייגער און שלעכטער ווי פריהער, און די יונגע געזונדע יאָהרען זענען שוין לאַנג פערלאָרען געגאַנגען. די שמיעדיכע האָט בעשלאָסען היינטיגען יום־כפור אַרויסשיקען צו'ם מנין איהרע ביידע מאַנסבילען, מתית'ן מיט פייוקען. אפשר געגען צוויי'ען וועט גאָט נישט קאָנען ביישטעהן און וועט ווייכער מאַכען זיין האַרץ?...

איינמאָל אין אַ פריה־מאָרגען האָט מתית דער שמיעד זיך איינגעוואַשען, אָנגעטהאָן זיין צעפליקטע שבת'דיגע קאַפּאָטע, אַוועקגעשטעלט זיך ביי'ם פענסטער און גענומען פינטלען מיט זיינע רויטע געשוואָלענע אויגען אין הדיסען אַרויס. דאָס איז שוין אָנגעקומען דער ערב יום־כפור. אין שטיבעל איז געווען שטאַרק אָנגעהייצט און עס האָט געשמעקט מיט פרישען גע־פרעגעלטען ציבעס. די שמיעדיכע האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער'ן דאָרף אויפזוכען פייוקען און האָט איהם אַראָבגעבראַכט אַ פערשייטען, אַ צע־טראָגענעם, אַ צעפלאַמטען. פייוקען האָט מען דעמאָלט אָבגעריסען פון אַזאַ היציגען גליקליכען פריה־מאָרגען, וואָס וועט זיך שוין מעהר קיינמאָל נישט איבער'חזר'ן! מיקיטאַ דעם סטאַרשינאַ'ס האָט צו'ם ערשטען מאָל געשפּאַנט אין וואָגען זיין טאַטענ'ס יונג, ברוין לאָשאַקעל. דערביי זענען געווען דאָס גאַנצע דאָרף שקצים. דאָס יונגע היציגע לאָשאַקעל האָט זיך מאָדנע געדרעהט אין שפּאַן, היים געעטעמט דורך זיינע צעשפּרייטע ציטערדיגע נאָזלעכער, ווילד אָנגעקוקט די חברה שקצים אַרום זיך און געטאָפּעט אונגעדולדיג מיט די פיס, פונקט ווי עס וואָלט געהאַט בדעה אָבצושטויסען פון זיך די גאַנצע ערד אַהינטער. און פלוצים האָט עס האַסטיג זיך אַ ריס געטהאָן פון אָרט און צעטראָגען זיך מיט'ן גאַנצען שפּאַן איבער'ן דאָרף. עס איז געוואָרען אַ געפילדער מיט אַ רעש. פייוקע איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבען זיך געלאָזט יאָגען אין אַ וואָלקען פון שטויב אויף סכנת־נפשות חאַפּען דאָס יונגע פערד הוקא ביי די לייצעם.

די מאַמע האָט פייוקען אַרומגעוואַשען, בעקוקט איהם פון דעם טיעף־אָנגערוקט לעדערן היטעל ביז די גרויסע צעליאַפּעטע שוואַרצע פיס, אַריינ־געשטופּט איהם אין האַנד אַריין אַ פּעקעלע מיט עסענוואַרג און געזאָגט:

— געה זיי אַ פרום יונגעל, וועט דיר גאָט מוחל זיין...

זי האָט זיך אויפגעשטעלט אויף דער שוועל פון שטיבעל און נאָכגעקוקט אידרע ביידע מאַנסבילען, וואָס האָבען זיך געלאָזט געהן אין אַ ווייט פרעמד דאָרף צו׳ם מנין. זיבען קינדער האָבען אַלט און שוואַך געמאַכט די דאָזיגע האַרטע, איינגעעקשנ׳טע פרוי. בלייבענדיג איצט איינע אַליין ביי דער טהיר, נאָכקוקענדיג איהר אָרים באָרוועס פערשייט קינד, וואָס געהט דאָס ערשטע מאָל זיך אַוועקשטעלען פאַר גאָט, האָט זי זיך אונטערגעגעבען און אויסגעבראָכען נעבען דער מזוזה מיט אַ געוויין.

שטיל, טריט ביי טריט, איז פייוועקע נאָכגעגאַנגען דעם טאַטען. זיי זענען געגאַנגען צווישען פוסטע אָבגעשניטענע פעלדער. ביז דעם גרויסען דאָרף, וואו דער מנין געפינט זיך, איז געווען אַ מהלך פון גאַנצע צוויי מייל. ביי פייוועקען אין האַרצען האָבען געוואַקסען שרעק מיט וואונדער. ער האָט נאָך נישט פערשטאַנען אינגאַנצען, וואוהין מע פיהרט איהם און וואָס וועט מען מיט איהם דאָרטען טהון. פון קאָפּ האָט זיך נאָך ביי איהם נישט אויסגעוועבט דער ברען, מיט וועלכען מיקיטאַ׳ס יונג, היציג לאָשאַקעל האָט זיך צעלאָזט איבער דעם דאָרף... נאָר פאַרוואָס האָט דער טאַטע אָנגעטהאָן די שוואַרצע צעפּליקטע קאַפּאָטע, פאַרוואָס האָט ער מיטגענומען אַ טלית מיט נאָך עפּיס אַ ווייס העמד? אַ פּנים, עס קומט צו נאָהענט אַ בייזע, מורא׳דיגע שעה, עס גרייט זיך עפּיס אַזוינס, וועלכעס איז נאָך ביז אַהער ניט פאָרגעקומען...

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם גרויסען קאָזלאָווער וואַלד, וואו יעדער בוים איז איצט געשטאַנען טרויעריג און שטיל איבער זיינע אַראָבגעפאַלענע פערוועלקטע בלעטער. פייוועקע איז אָבגעשטאַנען פונ׳ם טאַטען און האָט אָבגעטראָטען אין וואַלד אַריין. ער האָט אַ טראַכט געטהאָן: אפשר זאָל ער זיך לאָזען לויפען טיעף אין וואַלד אַריין? ער וועט שוין דאָ פערבלייבען אויף זיין גאַנץ לעבען. ער וועט זיך דאָ צענויפקאָמפּאַנירען מיט נאַסטאַ דער באָנדעריכעס זוהנדעל, דער וואָס מיט׳ן אויסגעקאַלופּעט אויגעל. זיי וועלען ביידע באַקען קאַרטאָפּליעס אין וואַלד, האַפּען אַמאָל בגנבה אַ מעלק פון די דאָרפישע בהמות און טרינקען מילך... זאָל מען איהם שלאָגען, זאָל מען איהם ממית׳ן אויפ׳ן אָרט, ער וועט זיך איינשפּאַרען און וועט שוין פון דאַנען ניט אַוועקגעהן!

אָבער ניין. ווי נאָר פייוועקע האָט גענומען געהן אין דער טויט-שטילקייט פונ׳ם וואַלד, איבער די אַראָבגעפאַלענע בלעטער, האָט ער דערזעהן, אַז דער וואַלד איז דורך-און-דורך בעלויכטען פון אַ העלען צאַרטען שיין, די בלעטער האָבען אָנגעהויבען רוישען אונטער זיינע פיס. עס איז איהם בעפאַלען אַ מאָדנע אַנגסט, וואָס דער וואַלד איז איצט געוואָרען אַזוי שיטער

און די בלעטער פאלען פון די בוימער געלע, פערוועלקטע, און ער וועט דא בלייבען איינער אליין אין דער שטילקייט און וועט ווינטער אומ-לויפען הין און הער אין זאווערוכעס...

מתית דער שמיעד האט זיך אבגעשטעלט א פערוואונדערטער און גענומען פינטלען ארום זיך מיט זיינע רויטע געשוואלענע אויגען.

— פייוועו, וואו ביזט דו, הא?

פייוקע האט זיך צוריק בעוויזען פון וואלד.

— פייוועו, היינט טאר מען ניט אין וואלד.... היינט קאן נאך גאט... היינט זיי א פרום יונגעל — האט זיך מתית דערמאנט און איבערגע'הזר'ט דעם ווייב'ס ווערטער — און... זאלסט ענטפערען אמן...

פייוקע האט אראבגעלאזט די אויגען און געקוקט אויף זיינע שווארצע צעליאפעטע גרויסע פיס.

— אז איך קאן אבער ניט... — האט ער זיך אבגערופען ברוגז.

— א קונץ ענטפערען אמן! — האט איהם דער טאטע אונטערגעגעבען מוטה. — מע זעהט, אז אלע ענטפערען — ענטפערט מען אויך! אלע דארפען ענטפערען אמן. וועט גאט מוחל זיין... — האט ער זיך ווידער דערמאנט אן דעם ווייב'ס ווערטער.

פייוקע האט אבגעשוויגען און איז שטיל, טריט ביי טריט, נאכגעגאנגען דעם טאטען. וואס וועט מען ביי איהם פרעגען און וואס וועט ער ענטפערען? איצט האט שוין פייוקע געטראכט, אז דאס געהען זיי אהין, העט-ווייט, וואו עס לאזט זיך אראב דער בלייכער צארטער הימעל. דארטען ערגיץ אויף א בערגעל זיצט א גרויער אלטער גאט אין א גרויסען שעפסען-פעלץ. אלע געהען צו איהם צו, און ער פרעגט. אלע מוזען איהם ענטפערען, און ער שאקעלט מיט'ן גרויען קאפ פון טיעפען שעפסען-קאלנער אהין און אהער... וואס וועט ער, אזא קליין פערשייט יונגעל, ענטפערען דעם גרויען אלטען גאט?

פייוקע האט געהאט אויף זיך א סך עבירות, וועגען וועלכע זיין מאמע האט איהם שטענדיג דערמאנט. איצט אבער האט ער געטראכט נאר וועגען די צוויי גרויסע עבירות, וואס ער האט נישט לאנג בעגאנגען און די מאמע האט פון זיי גארניט געוואוסט. איין עבירה האט פייוקע אבגעטהאן מיט אנישקע דעם בעטלער. אנישקע איז געווען כל ימיו איין אלטער בלינדער בעטלער, וואס איז ארומגעגאנגען איבער די דערפער מיט א הויכען שטעקען אין האנד און געטאפט דעם וועג. איינמאל האט פייוקע מיט נאך א שייגעץ איהם אבגעטהאן א שפיצעל. זיי האבען איהם אוועקגעלעגט פאר די פיס א לייטער, אנישקע האט זיך פערטשעפעט און איז געפאלען, צעשלאגען זיך

דערבײַ די נאָז. עס זענען אַרויסגעלאָפען עטליכע פויערים און געחאַפּט פּײַווקען. אַנישקע איז געזעסען אין מיטען גאַס מיט אַ צעבלוטיגט פּנים, געוויינט מיט ביטערע טרערען און געטענה'ט, אַז גאָט וועט ניט פער־שווײַגען זײַן פערגאָסען בלוט. די פויערים האָבען דעם קליינעם „זשידעק" גוט אַרײַנגעשמיסען, נאָר פּײַווקע האָט געפיהלט, אַז דאָס איז פאַר איהם נאָך ווייניג; גאָט וועט ניט פערשווײַגען אַנישקעס פערגאָסען בלוט!

די צווייטע עבירה האָט פּײַווקע בעגאַנגען אויסער דעם דאָרף, אַרום די פויערשע „מאַרילקעס". אַ גאַנצע חברה שקצים, און פּײַווקע אין מיטען, האָבען זיך דענסטמאָל געיאָגט נאָך טײַבעלעך און געוואָרפען אויף זיי מיט שטיינער. פּײַווקע האָט געטראָפען מיט אַ שטיין פּונקט אין דעם ווײַסען צלם מיט'ן נאַקעט בילד, וואָס שטעהט אויף אַ בערגעל צווישען די קברים. די שקצים האָבען זיך אַ חאַפּ געטהאָן און זענען געוואָרען פערציטערטע. פּײַווקע האָט אָבער געהאַט צווישען זיי אַ סך גוטע פרײַנד. די גוטע פרײַנד האָבען איהם געגעבען צו ערקלערען, אַז דאָס האָט ער געטראָפען מיט'ן שטיין אין גאָט'ס זוהן אַליין. אַזאַ מעשה קאָן ניט אָבגעהן גלאַט: פאַר אַזאַ מעשה קומט קעפּען...

איצט האָט זיך פּײַווקע דערמאָנט אָן די דאָזיגע צוויי האַרבע עבירות. דאָס האַרץ האָט איהם געשראָקען, אַז הײַנט וועט עס קומען די שעה, וואָס מע וועט בײַ איהם אָבנעמען רעכענונג אי פאַר אַנישקע'ן, אי פאַר גאָט'ס זוהן. אָבער וואָס צו ענטפערען ווייסט ער נישט...

שפּעטער, אַז זיי זענען צוגעקומען נאָהענט צו דער ווינדמיהל פון'ם גרויסען פרעמדען דאָרף, האָט די זון שוין אָנגעהויבען זיך זעצען. פון ווײַטען האָט זיך אויסגעלעגט דער דאָרפישער טײַך מיט די בוימער, וואָס אַרום איהם. איבער דעם טײַך האָט זיך געצויגען אַ לאַנגע, אַ הויכע בריק.

— אָן אָ איז דער מנין! — האָט מתיה געוויזען מיט אַ פינגער אויף די שטרויענע דעכער, וואָס זענען אין דער ווײַטען בעגילט געוואָרען פון דער ניעדריגער זון.

פון דער בריק האָט פּײַווקע אַראָבגעקוקט אין דאָס טיעפע שוואַרצע וואַסער, וואָס איז געשטאַנען שטיל און גלאַט אינ'ם שאָטען פון די בוימער. הויך איז געווען די בריק און טיעף איז געווען דאָס וואַסער! פּײַווקען איז געוואָרען ענג און שלעכט אויפ'ן האַרצען. דאָס שפּײַעכץ אין מויל האָט איהם גענומען טריקענען.

— טאַטע, איך וועל אָבער נישט קאָנען ענטפערען... — האָט ער פערצווייפעלט אַרויסגערעדט.

— וואָס, אָמן? אי — אי, נאַרעלע, עס איז קיין גרויסער בעטרעף

ניט... וואָס פאַר אַ קוניץ? מע נעמט און מע ענטפערט!... — האָט איהם מתית וויַיך בערוהיגט. נאָר פיַיוקע האָט געהערט, אַז בײַ דעם טאַטען אַליין ציטערט אויך דאָס קול.

אויף יענער זיַיט בריק האָט זיך שוין געזעהן די גרויסע אכסניא מיט דעם גאַניק. פאַר'ן הויז האָבען זיך אומגעדרעהט יום־טוב'דיגע יודען מיט רויטע פאַטשיילקעס אין די הענד, וויַיבער אין געלע זיַידענע קאָפּ־טיכלעך, יונגלעך אין נייַע מלבושים מיט סדורים'לעך אין די הענד. פיַיוקע האָט זיך אַיינגעעקשנ'ט און איז געבליבען שטעהן אין דרויסען, פערקליבען זיך ערגיץ אַרום שטאַהל און זיַינע שוואַרצע אָנגעברוגז'טע אויגען האָבען ווילד אַרויסגעקוקט פון אונטער דעם טיעף לעדערן היטעל. קיין סך אָבער איז ער ניט געשטאַנען אַליין. צו איהם איז באַלד צוגעגאַנגען עפּיס אַיין אויסגעפוצט געל יונגעל מיט קליינע וויַיסע לויפּענדיגע אויגעלעך, מיט אַ קליין היהנערש פנימ'ל, וועלכעס איז אינגאַנצען געווען אַיינגעטונקט אין געלע זומערשפּריינקלעך. דאָס יונגעל האָט קודם כל, אָהן דבורים, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קליין פלעשעלע מיט עפּיס אַ וואַסערעל, אַ דרעה געטהאָן עס חוואַטסקע אין דער לופטען און אַ טונק געגעבען מיט דעם גלייך פיַיוקען אין דער נאָז אַריַין. דערנאָך האָט ער איהם אַ פרעג געטהאָן:

— וועמענס ביזט דו?

פיַיוקע האָט זיך אָנגעבלאָזען און שטום אָבגעדרעהט דעם קאָפּ פון איהם.

— הער דו, אינדיק, שלעפּעטראַנע! וואָס שטעהסט דו עפּיס דאָ? געה דאַוונען מנחה. האָסט שוין געדאַוונט מנחה?

— נ־ניין...

— דער יוד אין דער צעריסענער קאַפּאָטע איז עס דיַין טאַטע!

— ט־טאַטע...

דאָס געלע יונגעל האָט אָנגענומען פיַיוקען פאַר דער קאַפּאָטקע.

— קום, וועסט דו זעהן, וואָס מע וועט באַלד טהון מיט דיַין טאַטען.

אינוועניג אין שטוב, וואוהין דאָס געלע יונגעל האָט פיַיוקען אַריַינגעשלעפּט, איז געווען היַיס, עס איז געשטאַנען אַ מאָדנער פרעמדער גערויש. פאַר פיַיוקע'ס אויגען האָט אַלץ גענומען שווינדלען. עס האָבען זיך עפּיס געשאָקעלט בײַ די ווענד יודען אין שוואַרצע קאַפּאָטעס, עפּיס געבוקט זיך, געקלאַפּט זיך אין האַרצען, עפּיס געזאָגט, עפּיס מאָדנע טומעלדיג געוויינט. מע האָט הילכיג געהוסט און געשפּיַיט, געשנייַצט זיך די נעז אין רויטע פאַטשיילקעס, שטוהלען און ביינקלעך האָבען געסקריפּעט, פון יענער זיַיט וואַנד האָבען אָהן אַיין אויפהער געקלונגען טעלער מיט לעפעל.

אין אַ ווינקעל, ביי אַ קופּע היי, האָט פּייוקע דערזעהן זיין טאַטען, ווי ער שטעהט און קוקט. זיך אַרום אין אַלע זייטען און פינטעלט מאָדנע פערשעמט און געטריי מיט זיינע רויטע געשוואָלענע אויגען. אַרום איהם האָט זיך אַרומגעשטעלט אַ מונטערע חברה יונגלעך, געשושקעט זיך איינס מיט'ן אַנדערן און אויף עפּיס געוואַרט.

— אָט דאָס איז זיין יאָלד מיט אַליף! — האָט דאָס געלע יונגעל פאָרגעשטעלט פאַר זיי פּייוקען.

אין דער זעלבער צייט איז צו מתית'ן צוגעקומען איינער אַ יונגער־מאַן אין אַ ווייסען קראַגען אָהן אַ האַלז־טיכעל, מיט אַ שפּיציגע מעשענע שפּאָנגע. דער יונגער־מאַן האָט געהאַלטען אין האַנד אַ קאַנטשיק און געפּאָכט מיט איהם אין דער לופטען, ווי עס פּאָכט אַ רייטער, בשעת ער געהט אונטער צו אַיין אָנגעזאָטעלט פערד.

— נו, רב שמיעד...

— וואָס, איך מיין... טאַקי לעגען זיך? — האָט מתית אונטערטעניג געפרעגט דעם יונגען־מאַן און דערביי מאָדנע שעמעדיג און געטריי געשמייכעלט צו דער אַרומיגער אונגעדולדיגער חברה.

— טהוט טאַקי אַ טובה און לעגט זיך...

דער יונגער־מאַן האָט שעלמיש, מיט איין אויגעל אַ קוק געגעבען צו חברה און ווידער אַמאָל אַ פּאָך געטהאָן מיט'ן קאַנטשיק אין דער לופטען.

מתית האָט גענומען פערשפּילען די קאַפּאָטע און פּאַמעליך, מיט גרוים ישוב־הדעת, זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער קופּע היי. דערביי האָט דער יונגער־מאַן מיט דער שפּיציגער מעשענער שפּאָנגע אָנגעשטעלט דעם קאַנטשיק אויף אַיינטיילען די מלקות און דאָס גאַנצע פּנים זיינס האָט איהם געלויכטען.

— איינס, צוויי, דריי... נאָך, רבי, נאָך! — האָט חברה לעבעדיג אונטערגעחאַפּט. עס איז געוואָרען אַ געלעכטער.

פּייוקע האָט דאָס אַליץ צוגעקוקט מיט דער גרעסטער ערשטוינונג. ער האָט שוין געוואָלט צוגעהן אַ שלעפּ טהון דעם טאַטען פאַר אַיין אַרבעל, ער זאָל אויפשטעהן און אַנטלויפען פון דאַנען. נאָר אין דער מינוט האָט מתית זיך אויפגעהויבען אַיין אַיינגעהויקערטער און מיט'ן זעלבען שעמעדיגען שמייכעל גענומען אויסרייבען די אויגען.

— איצט, רבי, נאַט שמייסט איהם! — האָט דאָס געלע יונגעל אַ זאָג געטהאָן צום יונגען־מאַן מיט'ן קאַנטשיק און גענומען שלעפּען פּייוקען צו דער קופּע היי. חברה האָט איהם אונטערגעהאַלטען. פּייוקע איז שטאַרק רויט געוואָרען און שטומערהייד זיך געריסען פון דעם יונגעל'ס העננד.

יענער האָט איהם נישט אָבגעלאָזט. אין טהיר האָט פּיוּוקע אויף איהם פינסטער אַ קוק געטהאָן מיט זיינע שוואַרצע איינגע׳עקשנ׳טע אויגען.

— איך וועל דיר אויסזעצען די ציינער!

— ווער? דו?! יאַלד, שלעפּעטראַנע! דאָס איז דאָך אונזער שטוב! דאָס ווייסט דו — אַז איך בין ערב ראש־השנה געווען מיט׳ן זיידען אין שטאָדט?... איך רוף באַלד ליברוצען, וועסט דו איהם האָבען צו געדענקען!

און באַלד טאַקי איז צוגעקומען ליברוץ. דאָס איז געווען ליבקע, דעם בעל־אכסניא׳ס פערד־שמייסער, אַ געזעצט בחורעל פון אַ יאָהר פופצעהן, אין אַ פּויערש העמד מיט אַ רויטען אויסגענייהטען קאָלנער. דאָס דאָזיגע בחורעל איז שוין געווען אינגאַנצען יום־כפור׳דיג, אין אַ פּאָר ווייסע פּאַדימענע זאָקען, מיט אַ היבש פלעשעל „שלאַג־וואַסער" (הלשות־טראָפּענס) אין האַנד. נאָך דער גרוים פון פלעשעל האָט מען געקאָנט זיכער מיינען, אַז דאָס בחורעל האָט זיך בעזאָרגט מיט׳ן וואַסערעל אויף היבשע עטליכע יאָהר.

אַראָבגעקומען, האָט ליברוץ זיך גענומען רוקען צו פּיוּוקען, ווי אַ שונא, מיט איין אַקסעל, געקוקט אויף איהם מיט איין אויגעל, דערביי געוואונקען מיט׳ן אַנדער אויג צו׳ם בעל־הבית׳ס איניקעל, צו דעם וואָס מיט די זומערשפּרינקלעך:

— ווער איז ער עס אָט דער חפּץ?

— איך ווייס? מסתמא עפּיס אַ גנב... ער איז דעם קאָזלאָוער שמיעד׳ס. ער בעריהמט זיך: ער וועט אויסזעצען די ציינער...

— אַזוי גאָר, רב ברודער לעבען! — האָט ליברוץ קאַלטבלוטיג אויסגעזונגען מיט אַ ניגון און אַגב אַ פּאָהר געטהאָן פּיוּוקען מיט די פינף פינגער איבער דער נאָז. — דאַרף מען דאָך איהם טאַקי אָנרייבען אַ ביסעל מרור אונטער די אויגען, וועט ער זיך בעגיסען ווי אַ ביבער... הער, דו, קאָזלאָווער יאַלד! זאָלסט מיר אַקאָרשט בעהאַלטען דיינע הענד אין די קעשענעס, ווארום ליבע איז דאָ! דו קענסט ליבען? ס׳איז דיין גליק, וואָס איך האָב אַ יודיש האַרץ: היינט איז יום־כפור...

דאָס געלע געשטופּעלטע יונגעל מיט׳ן היהנעריש פּנים׳על האָט זיך אָבער נאָך אַליין נישט בערוהיגט.

— געזעהן אַמאָל אַזאַ ליפּ? ער קומט צו אונז אין שטוב שלאָגען זיך גאָר!

די גאַנצע חברה יונגלעך האָבען אַרומגערינגעלט פּיוּוקען אויפ׳ן גאַניק מיט שטעכווערטערלעך, מיט געלעכטער, און ער איז געשטאַנען אין מיטען אַ באָרוועסער, אַ ווילדער, אויף קיינעם פון זיי נישט געקוקט און

האָט אויסגעזעהן, ווי אַ קליין געפאַנגען צערייצט חיה׳לע.

שפּעטער איז געוואָרען פינסטער, און אויף די לאַנגע אכסניא־טישען האָבען שוין געברענט צעהנדליגער גרויסע נשמה־ליכט. דאָס גרויסע אַכסניא הויז איז געווען געפּאַקט מיט רויטע פּעשוויצטע יודען אין ווייסע ברייטע קיטלען און טליתים. די „תפלה זכה״ האָט שוין געהאַלטען אין רעכטען ברען. אַלע האָבען זיך מורא׳דיג געשאָקעלט איבער די מחזורים, עס איז געשטאַנען אַ מאָדנער גערויש אין די אויערען, יעדער האָט זיך געפּלייסט איבערשרייען דעם צווייטען. דאָרפישע יודען זענען פּראָסטע יודען און ווייסען ניט פון קיין „תפלה בלחש״, פון קיין שעפּטשען מיט ליפּען. דאָרפישע יודען זענען אַ גאַנץ יאָהר זשעדנע אַ האַוונען, דערווייטערט פון דעם רבונו של עולם, און אַז עס קומט דער מורא׳דיגער טאָג, וויל מען גאָט נעמען מיט שטורם, מיט גוואַלדען. מעהר פון אַלעמען האָט געליאַרימט דער בעל־תפלה אַליין, דער יונגער־מאַן אין דעם ווייסען קראַגען. ער איז געווען אַ שטאָדטישער און האָט געוואָלט איבערצייגען די ישוב׳ניקעס, אַז ער איז געניט אין זיין שטיקעל אַרבייט, אַז זיי מאָגען זיך אויף איהם, נישקשה, פערלאָזען. פּייוקע איז געשטאַנען אין דער ברענענ־דיגער רוישענדיגער לופט אַ בעטויבטער, אַ פערפאַלענער. די תפילות מיט די יאָמערליכע נגונים האָבען זיך געטראָגען איבער זיין בעטויבטען קאָפּ ווי די חוואַליעס, צוואַנגען האָבען צענויפגעפּרעסט זיין האַרץ און פאַר זיינע אויגען האָבען רויטע פונקען געשווינדעלט. פּייוקע האָט אַלץ אויף עפּיס געוואַרט. ער האָט געזעהן, ווי איין אַלטער שניי־ווייסער מאַן איז אַרויס פון אַ ווינקעל מיט אַ ספר־תורה, איינגעוויקעלט אין אַ ווייס סאַמעטען מיט גאָלד בע־פּוצט מענטעלע. דאָס גאָלד האָט געפונקעלט, געשפּריצט, איבערגעגאָסען זיך אין דעם בעלויכטענעם זילבער־ווייסען באָרד פונ׳ם אַלטען. פּייוקע האָט אַ טראַכט געטהאָן: „אָט איז אָנגעשטאַנען די מינוט״... נאָר געזעהן האָט ער דאָס דורך אַ רויך, ערגיץ ווייט פון זיך, אין דעם גערויש פון די יאָמערליכע נגונים, און ווי אין אַ רויך איז די ספר־תורה ערגיץ אַוועקגעשוואומען און נעלם געוואָרען צוזאַמען מיט דעם אַלטען מאַן. דאָס פּנים און דאָס לייב האָבען ביי פּייוקען מאָדנע געפייערט, די קני׳ע האָבען זיך אונטערגע־בראָכען, נאָר די הענד מיט די פיס האָבען איהם געשוידערט פאַר קעלט, פונקט ווי מע וואָלט פון זיי די הויט אַראָבגעשונדען.

איינמאָל, שטעהענדיג אַזוי ביי׳ם טיש, געגען די סך העלע פייער־לעך פון די ליכט, איז פּייוקע אויף אַ ווײַלע פערטומעלט געוואָרען און צוגעמאַכט די אויגען. אין די אויערען האָט ביי איהם גערוישט און געקלונגען ווי מיט טויזענדער גלאָקען. פּלוצים האָט מען אַ הילכיגען פּאַטש געגעבען

איבער'ן טיש, און אין דער ווײַלע איז ארום פײַווקען געווארען מאדנע שטיל. פײַווקע האט א ציטער געטהאן און זיך אויפגעחאפט. ער האט זיך דער־שראקען פאר דער שטילקײַט, געוואלט אוועקגעהן פונ'ם טיש, נאר שטײַף ארום איהם האבען זיך אויסגעשטעלט יודען אין ווײַסע קיטלען און גענומען שאקלען זיך. איין יוד האט איהם צוגעדריקט צו איין אפענעם מחזור מיט גרויסע שווארצע ווערטער. די ווערטער האבען געשווינדעלט פאר פײַווקע'ס אויגען און אונטערגעטאנצט, ווי קליינע פליהענדיגע שווארצע פויגעלעך. פײַווקע האט זיך גענומען צאפלען מיט די הענד און מיט די פיס. די יודען האבען אנגעהויבען שטום נוקען אויף איהם: „נו־נו, נו־נו!"... פײַווקע איז אב־געשטאנען א היבשע צײַט א צוגעדריקטער צו'ם מחזור, איין איינגעפרעסטער צווישען הויכע פרעמדע יודען אין קיטלען, וועלכע האבען זיך געשאקעלט און געדאווענט איבער זײַן קאפ. א קאלטער שווייס האט איהם בעגאסען. צו'ם סוף, אז ער האט זיך בעפרײַט, איז ער געווען זעהר מיעד און שוואך, און די קניע האבען זיך איהם אונטערגעבראכען. ער האט זיך פערקליבען אין א ווינקעל, נעבען זײַן טאטען, און איז אנשלאפען גע־ווארען אויף דער ערד.

אין שלאף האט זיך פײַווקען גע'חלומ'ט א מאדנער חלום. איהם האט זיך אויסגעדאכט, אז ער איז א בוים, וואס וואקסט גלײַך מיט אלע בוימער אין וואלד. ער זעהט, ווי אנישקע דער בעטלער געהט צו איהם א צעבלוטיגטער, אין איין האנד טראגט ער זײַן הויכען שטעקען, אין דער אנדערער — א שטיין (פײַווקע האט גלײַך דערקענט, אז דאס איז דערזעלבער שטיין, וואס ער האט געווארפען אויפ'ן צלם), און אלע ווײַלע קעהרט ער אום דעם קאפ אהינטער, ווינקט עפיס מיט'ן הויכען שטעקען און רופט נאך עמיצען צו פײַווקען. פײַווקע קוקט זיך גוט איין — ערגיץ טיעף אין וואלד שטעהט גאט אליין, איינגעטאנצען א ווײַסער, ווי געפאלענער שניי. גאט וואקסט פלוצים אויס מאדנע הויך און קוקט אויף פײַווקען. פײַווקע פיהלט עס נאר, אבער זעהן גאט קאן ער ניט, ווײַל עס הויבט זיך אויף א רויך פאר זײַנע אויגען. און אנישקע געהט אלץ נעהענטער און נעהענטער צו איהם, א צעבלוטיג־טער, מיט דעם שטיין אין האנד. פײַווקע האלט אין איין ציטערען, עס בעגיסט איהם א שווייס. ער וואלט אנטלאפען, נאר ער איז איינגעוואקסען ווי א בוים, גלײַך מיט אלע בוימער אין וואלד...

פײַווקע האט זיך אויפגעחאפט אויף דער ערד צווישען נאך שלאפענדיגע יודען. די ערשטע זאך, וואס ער האט דערזעהן, איז געווען — טאקי איינער א הויכער, א בארוועסער, איינגעטאנצען א ווײַסער, וואס איז געשטאנען איבער די שלאפענדיגע און עפיס געהאלטען אין האנד. דער הויכער און ווײַסער

האָט זיך פּאַוואָלי אַראָבגעלאָזט אויף די קניע, שטיל אָנגעבויגט זיך צו מתית דעם שמיד, וואָס האָט שטאַרק געחראָפּעט צווישען די איבעריגע שלאָפענדיגע יודען, און פּאַוואָלי איהם צוגעלעגט עפּיס אַ פּלעשעלע צו דער נאָז. מתית האָט מאָדנע אַ קוויטש געטהאָן און האַסטיג זיך אַנידערגעזעצט.

— האַ, ווער איז? — האָט ער געפרעגט אַ דערשראָקענער.

דער הויכער און ווייסער איז עס געוועזען דער שטאָדטישער יונגערמאַן, דער בעל תפלה מיט אַ פּלעשעלע „שלאַג־וואַסער" אין האַנד.

— דאָס בין איך... — האָט דער בעל־תפלה מעשה וואוילער־יונג געשמייכעלט. — נישקשה, עס וועט אייך זיין צו רפואה! איהר פּאַסט דאָך היינט, איז אויף דערויף פאַרהאַן אַ דין אַזאַ אין „חיי־אדם" בפירוש...

— פאַרוואָס עפּיס איך? — האָט זיך מתית גענומען קלאָגען און האָט געפינטעלט מיט זיינע רויטע אויגען אויף דעם יונגענמאַן. — וואָס האָב איך אייך געטהאָן?...

עס האָט שוין געהאַלטען פאַר בעגינען. די לופט אין שטוב האָט זיך איינגאַנצען אָבגעקיהלט. די פייערלעך פון די נשמה־ליכט האָבען זיך נאָך געשפּיגעלט אין די דונקעלע, מיט טהוי פערצויגענע פענסטער. אויף דער ערד, אין היי, האָבען זיך אויפגעחאַפּט עטליכע פערשלאָפענע יודען. פייוקע איז געשטאַנען אין מיטען שטוב מיט אויסגעגלאָצטע אויגען. דער יונגערמאַן מיט'ן פּלעשעלע האָט זיך צו איהם לעבעדיג אַ לאָז געטהאָן.

— אַך, דו קליינער וואָרים! וואָס קוקסט דו אַזוי אויף מיר? ווילסט אַ שמעק טהון? נאַ, שמעק, נאַ!

פייוקע איז אָבגעטראָטען אין אַ ווינקעל און האָט איהם אָנגעקוקט אַ צעמישטער.

אַז עס איז געוואָרען טאָג, האָט מען זיך ווידער גענומען צום דאַוונען מיט'ן נעכטיגען ברען, מיט'ן גערויש. די לופט האָט זיך ווידער אָנגעצונדען. נאָר אויף פייוקען האָט דאָס שוין היינט ניט געמאַכט די נעכטיגע ווירקונג. איצט האָט איהם שוין מעהר ניט געשראָקען אַנישקע דער בעטלער מיט'ן שטיין — דער גאַנצער חלום האָט זיך אויסגעוועבט און איז פערשוואונדען געוואָרען ערגיץ וויים־וויים. בשעת מע האָט אַרויסגענומען די ספר־תורה מיט'ן וויים סאַמעטען מענטעלע, איז פייוקע געשטאַנען נאָהענט צום טיש און גלייכגילטיג געקוקט, ווי מע האָט אויפגעדעקט די שוואַרצע גלאַנציגע געדיכט־אָנגעזעצטע אותיות. ער האָט גלייכגילטיג צוגעקוקט, ווי דער שטאָדטישער יונגערמאַן שאָקעלט זיך איבער דער תורה, לייענט דריידעלדיג און פליסיג, און האַלט זיך בשעת מעשה מיט אַ מאָדנע פרייהייט, ווי אַ מענש אַ געניטער, וואָס האָט אויף זיין לעבען שוין גע־

זעהען אַזעלכעס. אַז ער לייגט אָב, פֿערוואַרפֿט ער דעם קאָפּ אַהינטער, מעשה חוואַט, און קוקט אָן דעם עולם פֿון אויבען אַראָב, מיט אַ ליכטיג צופֿריעדען שמייכעלע.

די יונגלעך האָבען זיך אומגעדרעהט הין און העך איבער דער שטוב אין זאָקען, מיט פֿלעשעלעך „שלאַג־וואַסער“ אין די הענד, און געגעניצט אין די סדורים׳לעך. אין דער לופֿטען איז געשטאַנען אַ שטויב פֿון דעם אויסגעבעטען היי. די זון האָט אַריינגעקוקט אין די פֿענסטער און די נשמה־פֿייערלעך אויף די טישען האָבען זיך פֿערדונקעלט, ווי אין אַ נעבעל. פֿייוועקען האָט זיך געדאַכט, אַז שוין לאַנג־לאַנג געפֿינט ער זיך דאָ אין מנין און אויפ׳ן האַרצען איז איהם געווען, פּונקט ווי דאָ האָט איהם געטראָפֿען עפּיס אַ גרויס אומגליק. שרעק מיט וואונדער האָבען איהם געפּרעסט, נאָר דאָס איז שוין ניט געווען דער פֿריהעריגער שרעק מיט׳ן פֿריהעריגען וואונדער. ער איז געווען מיעד, דאָס לייב האָט איהם געברענט און די פֿיס האָבען מאָדנע געשווידערט אין קעלט, פּונקט ווי מע וואָלט פֿון זיי די הויט אַראָבגעשונדען. ער האָט זיך פֿערקליבען אין דרויסען, אויסגעצויגען זיך ערגיץ אויף אַ פּריזבע הינטער דער אכסניא און האָט געדרימעלט אַקעגען דער זון. ער האָט אַזוי אָבגעדרימעלט אַ שטיק טאָג. פֿאַר די אויגען האָבען זיך אַליץ געגאָסען העל־רויטע טייכען, פֿון וועלכע דער מאַרך האָט מאָדנע וועה געטהאָן. עפּיס איינער, אַיין אונבעקאַנטער, איז געשטאַנען איבער זיין קאָפּ, געשאָקעלט זיך און אַליץ געדאַווענט, געדאַווענט...

נאָר אָט שטעהט איבער איהם זיין טאַטע מתית, אַ ביסעל אַ צע־טראָגענער, און וועקט איהם שטיל און פֿרעגט איהם מיט אַ מאָדנע ווייכער שטימע:

— האַ, פֿייוועל, וואָס שלאָפֿסט דו? דו האָסט נאָך גאָרנישט ניט געגעסען?

— ניין...

פֿייוועקע איז נאָכגעגאַנגען דעם טאַטען אין שטוב אַריין מיט אונטער־געבראָכענע פֿיס. אויף דעם גאַניק און אויף די ביינקלעך אין שטוב האָבען אָבגערוהט מיעדע אָבגעשוואַכטע יודען מיט בלאַסע אויסגעצויגענע פּנים. די זון האָט זיך שוין אַראָבגעזעצט ניעדריג איבער׳ן דאָרף און אינ־גאַנצען בעגאָסען מיט ליכט די פֿענסטער פֿון דער אכסניא. פֿייוועקע איז געשטאַנען מיט זיין טאַטען ביי איינעם פֿון די פֿענסטער און דער קאָפּ האָט איהם געשווינדעלט פֿונ׳ם ליכט. מתית האָט עפּיס אַליץ געצופּט זיך דאָס בערדעל. דערנאָך האָט מען ווידער געדאַווענט און זיך געשטעלט שמונה־עשרה. נאָך דער שמונה־עשרה האָט דער שטאָדטישער יונגערמאַן גענומען

טערעלייקען, נאָר שוין מיט אַ שוואַכער שטימע און אָהן טעם. איהם איז שוין מאוס געוואָרען די גאַנצע מעשה, און ער האָט עס איצט געטהאָן, ווי איינער וואָס טהוט אַ צוליעב. מתית האָט פערגעסען דעם מחזור און, שטעהענדיג אַנגעשפּאַרט אָן פענסטער, האָט ער זיך פערקוקט אויף די שפּי-צען פון די בוימער, וואָס האָבען זיך איצט אַנגעצונדען פון דער זינקענדיגער זון. קיינער האָט פון איהם יענע מינוט גאַרנישט ניט ערוואַרט. מתית האָט פּלוצים, פון דער העלער הויט, זיך צעחליפּעט אַזוי הויך, אַזוי יאָמערליך, אַז אַלע האָבען זיך אַ קעהר געטהאָן צו איהם מיט וואונדער. צווישען עולם איז געוואָרען אַ געלעכטער. דער בעל-תפלה האָט דעמאָלט גראָד גע-דריידעלט דעם „מיכאל מימין מהלל", וואָס אין מנחה. טאָ וואָס-זשע איז דאָ פּאַרהאַן צו וויינען? אַרום מתית דעם שמיעד האָט זיך אַרומגעשטעלט די גאַנצע חברה יונגלעך און געשטיקט זיך פאַר געלעכטער. איינער אַ יונגער-מאַן, דער בעל-אכסניא'ס נייער איידעם, האָט מתית'ן אַ צופּ געטהאָן פאַר'ן טלית.

— רב קאָזלאָווער, איהר האָט אַ פּנים אַ טעות...

מתית האָט גאַרנישט ניט געענטפערט און איז באַלד אַנשוויגען גע-וואָרען. עס איז אונטערגעשפּרונגען צו איהם אויך דאָס געלע יונגעל מיט די זומערשפּרינקלעך און קונציג נאָכגעמאַכט דעם יונגען-מאַן:

— רב קאָזלאָווער, איהר האָט אַפּנים אַ טעות!

פּייוועקע האָט זיך ווילד אומגעקוקט אויף דעם גאַנצען עולם, אויפ'ן טאַטען. ער איז מיט אַמאָל צוגעטראָטען צום געלען יונגעל מיט די זומער-שפּריינקלעך און איהם שאַרף אַנגעקוקט מיט זיינע שוואַרצע ברענענדיגע אויגען.

— דו, דו, קאַב טעבי ביעסי!... (שדים זאָלען דיך...)

צווישען עולם איז געוואָרען נאָך אַ גרעסער געלעכטער מיט אַ טומעל. עס האָט זיך געהערט אַ קול: „שייגעץ, אין אַ מקום קדוש?"... איינער האָט זיך הויך אָבגערופען: „עהע, דעם קאָזלאָווער'ס בחורעל איז גאָר פון די וואַזשנע שקצים!" דער יונגער בעל-תפלה האָט אויפגעבראַכט געפּאַטשט איבער זיין מחזור, למאי מע הערט איהם נישט.

פּייוועקע האָט זיך ווידער געפונען הינטער דער אכניא אויף דער פּריזבע. באַלד נאָך איהם איז אָנגעקומען די גאַנצע חברה יונגלעך מיט לייבוניו דעם שמייסער בראש.

— אָט איז זי, די שלעפּעטראַנע פון קאָזלאָוו!— האָט געשריען דאָס געלע יונגעל מיט די זומערשפּריינקלעך. — געהערט אַ ביסעל? גאָר שלאָ-

גען זיך! ביי אונז אין שטוב!... וואס זאגסט דו צו זיינע יאהרען?

לייברוץ איז צוגעגאנגען צו פייוקען מיט א ברייטען טראט און מיט א מאך מיט דער האנד פון א יונג מיט ביינער, וואס האט ליעב אבטהון א שטיקעל מלאכה נישט געאיילט און נישט געהיצט זיך.

—ווארט, יודען, חאפט נישט! מיר וועלען איהם באלד איינגעבען א רפואה, וועט ער אונז, אם ירצה השם, דאנקען!

אבגעזאגט אזוי, האט ער קאלטבלוטיג פייוקען א נעם געטהאן פון הינטען פאר ביידע הענד און א וואונק געטהאן צום געל יונגעל:

— נו, אהרצי, „קלינעווע"!

דאס געלע יונגעל האט געשווינד ארויסגעחאפט פון קעשענע זיין פלעשעלע מיט'ן וואסערעל, אבגעשטאפט עס בריה'ש און אונטערגעטראגען עס פייוקען אונטער דער נאז. פייוקע האט זיך באלד א ריס געטהאן פון לייברוצעס הענד און א ווארף געטהאן זיך מיט די נעגעל אויף דאס קליינע היהנערשע געפינטעלטע פנימעל. ער האט אבער באלד בעקומען איבער די אויערען א פאר טרוקענע הילכיגע קלעפ פון א פאר גרויסע שווערע הארטע הענד, וועלכע האבען זיך אבגערופען ביי איהם אין מוח ווי שווערע האמערען. פייוקע איז געבליבען שטעהן אויף איין אויגענבליק שטום און צעמישט. מיט אמאל איז ער צוגעשפרונגען צו לייברוצען, צוגעפאלען צו זיין האנד און זיך איינגעזויגט מיט זיינע שארפע צייהן טיעף אין דאס פלייש אריין. לייברוץ האט ארויסגעלאזט א מארנעם ווילדען קוויטש.

עס איז געווארען א ליארים. פון שטוב איז מען ארויסגעלאפען אין די קיטלען. דערשראקענע בלאסע ווייבער האבען געשריען צו זייערע קינדער. איינינגע יודען האבען מתית דעם שמיעד געזאגט מוסר פאר זיין יונגעל. דערנאך איז מען זיך צעגאנגען און הינטער דער אכסניא זענען פערבליבען נור מתית מיט פייוקען. מתית האט געקוקט אויף זיין יונגעל און געשוויגען. מתית איז ניט געווען פון די ריידער. ער האט נאר געפונען צו זאגען פייוקען א פאר ווערטער:

— פייווע, די מאמע דארטען... און דו— דא?...

פייוקע איז ווייטער געבליבען איינער אליין אויף דער פריזבע. ער האט זיך אויסגעצויגען און ווידער איינגעדרימעלט. און ווידער האבען זיך געגאסען פאר זיינע אויגען רויטע טייכען און איבער זיין קאפ האט עפים איינער, איין אונבעקאנטער, געדאווענט און געדאווענט. נאר איצט זענען די טייכען געווען געדיכטע, דונקעלע, ווי געדיכט געזאדען בלוט, און געדאווענט האט מען איבער זיין קאפ הויך, הילכיג, יאמערליך...

עס איז שוין געווען גוט פינסטער, בשעת מתית האָט אָנגענומען פייווקען פאַר אַ האַנד, אַוועקגעשטעלט איהם אויף די פיס און געזאָגט: „מיר געהען שוין אַהיים“...

אינווענינ אין שטוב האָט זיך אַלץ אויסגעוועבט און וואָכעדיג גע־וואָרען. די ליכט זענען שוין ניט געווען, עס האָט געברענט אַ לאָמפּ איבער׳ן טיש. אַרום טיש זענען געזעסען יודען אין היטלען, אין הוילע קאַפּאָטעס, אָהן קיטלען, און עפּיס געגעסען. מע האָט שוין מעהר ניט געדאַווענט, נאָר ביי פייווקען אין די אויערען האָט אַלץ געקלונגען ווי מיט טויזענדער גלאָקען. געדאַכט האָט זיך פייווקען, אַז ער איז דאָ אין שטוב דאָס ערשטע מאָל און צום ערשטען מאָל זעהט ער די דאָזיגע יודען. דער אַלטער יוד, וואָס זיצט אויבען־אָן ביי׳ם טיש, איבער פלעשלעך מיט קעלישקעס און טשאַמקעט מיט דער צונג, איז געוויס ניט יענער אַלטער מאַן מיט דעם זילבער־ווייסען באָרד, וואָס האָט געהאַלטען אויפ׳ן האַרצען די ספר־תורה.

מתית איז צוגעגאַנגען צום טיש, אַ הוסט געטהאָן, אַ נייג געטהאָן זיך צו די יודען און געזאָגט:

— אַ גוט יאָהר!

דער אַלטער יוד האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אויסגעדוגערט מאָדנע הילכיג, אַזוי אַז ביי פייווקען האָט זיך אויסגעקרימט דאָס פּנים פאַר וועהטיג:

— האַ?

— איך זאָג... איך גיה, הייסט עס, אַהיים גיה איך... אַ גוט יאָהר!

— האַ? אַ גוט יאָהר? אַ גוט יאָהר דיר אויך! וואַרט, נעם אַ ביסעל בראָנפּען. האַ?

פייווקע האָט צוגעמאַכט די אויגען. איהם איז געוואָרען ניט גוט, וואָס די לאָמפּ ברענט אַזוי העל און וואָס דער אַלטער דונערט אַזוי הילכיג מיט זיין שטימע. פאַרוואָס רעדט ער אַזוי הויך, אַזוי שניידענדיג, ווי ער וואָלט געזעגט מיט אַ זעג?

— האַ? דאָס האָט דיין יונגעל צעדראַפּעט מיין אהרצי׳ן? האַ? אַ פערשייטער? שמייס איהם אָב! גיב איהם אויך אַ ביסעל בראָנפּען! אַ שטיקעל קיכעל! אַ ברכה האָט ער געמאַכט? האַ? ער קאָן נאָך ניט דאַווענען? ניט שען! בעדאַרף מען דיך שמייסען!... האַ? ווילסט אַהיים געהן? געה געזונטערהייד! האַ? דיין ווייב איז ערשט נאָך אַ קימפּעט?... אַ גוט יאָהר, אַ גוט יאָהר! וואַרט, דאַרפסט אפשר האָבען אַ פּאָר גילדען

אויף יום=טוב? הא? וואס זאגסט דו?...

מתית מיט פייווקען האבען זיך געלאזט געהן אהיים. מתית האט אין דרויסען א קוק געטהאן אויפ'ן רייגעם הימעל, וואו עס איז ארויסגעשוואומען די יונגע האלבע לבנה, און האט געזאגט פייווקען: „די מאמע ווארט שוין". און האט גענומען געהן געשווינד. פייווקע האט קוים נאכגעשלעפט די פים.

אויף דער הויכער בריק האט זיי געחאפט א קיהל ווינדטעל פונ'ם טייך. הינטער דער בריק האט מתית גענומען געהן האסטיגער. פלוצים האט ער זיך אבגעשטעלט און זיך פערוואונדערט, וואס פייווקע איז ניט געווארען. ער האט זיך אומגעקעהרט און דערזעהן איהם זיצענדיג אין מיטען וועג. דאס יונגעל האט זיך צענויפגעקארטשעט און שטיל, אין זיך, געשוידערט מיט'ן גאנצען קערפער. עס האט איהם געטרייסעלט א צאהן אן א צאהן.

— פייווע, וואס איז דאס? וואס זיצט דו עפים? קום אהיים!

— איך וועל ניט...— האט פייווקע געקנאקט מיט די צייהן און מאדנע געקוקט דערביי אויפ'ן טאטען.— איך קאן ניט...

— מע האט דיך שטארק געשלאגען, פייווע?

פייווקע האט געשוויגען. דערנאך האט ער זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד מיט ציטערדיגע הענד און פים.

— קא—אלט...

— דו ביזט ניט געזונד, פייווע?

דאס יונגעל האט זיך אנגעטהאן א כח, אוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד און מאדנע געקוקט אויפ'ן טאטען מיט שווארצע פיבערישע אויגען. און פלוצים האט ער ביי איהם געפרעגט:

—פארוואס האסט דו געוויינט דארטען? זאג, פארוואס, זאג!...

— וואו האב איך געוויינט, נארעלע? גלאט אזוי, ס'איז דאך יום=כפור... די מאמע... די מאמע פאסט... שטעה=אויף, פייווע, קום אהיים. די מאמע וועט דיר צולעגען א קאמפרעס...— האט ער זיך מיט אמאל דערמאנט.

— ניין... פארוואס האסט דו געוויינט, אז זיי לאכען?...— האט פייווקע געטענה'ט זיצענדיג אויף דער ערד און די צייהן האבען זיך ביי איהם געטרייסעלט איינער אן דעם אנדערן.— מע דארף ניט וויינען, אז זיי לאכען, מע דארף ניט...

פייווקע האט זיך ווידער אויסגעצויגען אויף דער קאלטער ערד.

— פייוועלע, קום אהיים, מיין זוהן...

מתית איז געשטאנען א פערצווייפעלטער איבער זיין יונגעל און זיך

אומגעקוקט אין אַלע זייטען. פון וויטען, פון דער הויכער בריק, האָבען זיך דערהערט שווערע הילכיגע טריט. באַלד האָט זיך בעוויזען פאַר דעם שיין פון דער לבנה א געשטאַלט פון א פויער.

— איי, ווער איז דאָס? מאָטקע? וואָס שטעהסט דו דאָ? דו כשופסט? ווער ליעגט עס דאָ אויף דער ערד?

— איך ווייס אויך ניט, גוטער מענש... דאָס איז מיין יונגעל. ער וויל ניט געהן אַהיים, ער קאָן ניט, צי וואָס... וואָס טהו איך מיט איהם?— האָט מתית זיך געקלאָגט פאַר'ן בעקאַנטען פויער.

— וואָס איז ער, משוגע געוואָרען? נעם און גיב איהם מיט דער קניע... איי, דו, קליין שדייל, שטעה אויף!

פייוועקע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר שטום געציטערט און געקנאַקט מיט די ציינער.

— אַח טי טשאָרט! וואָס איז עס ביי דיר פאַר א יונגעל אויסגעוואַקסען, מאָטקע? אַנאָנשיקעניש פון גאָט! פאַרוואָס שמייסט דו איהם ניט? אָט אַנומעלטען קומט מען צו געהן און מען דערצעהלט פון איהם... אַהאַפּאַ האָט דערצעהלט...

— איך ווייס אויך ניט, גוטער מענש...— האָט מתית זיך פער־ענטפערט און צעלאָזט די הענד פאַר פערצווייפלונג.

אויף מאָרגען אין דער־פריה האָט מתית געדונגען א פוהרעל און אַבגעפיהרט פייוועקען אין שטעדטעל, אין הקדש אַריין. די שמיעדיכע איז אַרויסגעגאַנגען בעגלייטען זיי און איז א לאַנגע צייט אָבגעשטאַנען אין טהיר, ביי דער מזוזה.

און איינמאָל, אין א שענעם אָסיענדיגען פריה־מאָרגען, בשעת מען האָט אין דאָרף געלעגט די „הרעבליע" און אָנגעפיהרט גאַנצע קופּעם מיט פרישע ערשט־אָנגעגראָבענע ערד, האָבען חברה שקצים דערצעהלט דאָס נייעס, אַז פייוועקע איז געשטאָרבען.

V

בײַ די קראַנקע



בײ די קראַנקע.

אַ קאָמפּאַניע טױדט־דערשראָקענע ייִדען האָבען לױפענדיג זיך פערקליבען װײַט, ערגעץ אין די הינטערשטאָדטיגע גאַסען, װאו הײַזער זענען שיטער און לאָדען צוגעמאַכט, װאו עס ציהען זיך לאַנגע פוסטע גערטנער מיט אײנזאַמע פערקלאָגטע בױמעלעך, פערשאָטענע מיט שנײ, און גרױסע בײזע הינד בילען שטרענג און פרעמד הינטער די טהױערען.

מאַנסבילען, װײַבער און קינדער זענען שטעהן געבליבען אין דער פרעמד מיט פערחאַפּטע אָטהעמס, אַרומגעקוקט זיך אין דער פינסטער אײנס אויף דאָס אַנדערע װי פערבלאָנדזעטע. טאַטעס האָבען געשלעפּט קלײנע קינדער פאַר די הענד, געטוליעט זײ צו די קניע און נישט געװאוסט װאוהין װײַטער צו געהן.

פון אױבען איז געװען אַ פינסטערער, אַ קאַלטער אױסגעשטערענטער הימעל, און מורא׳דיג שטיל איז געװען אין די פערװאָרפענע פרעמדע גאַסען. און געדאַכט האָבען זיך אַלץ פון הינטען, ערגיץ פון דער װײַטען, מאָדנע פערשטיקטע קולות מיט געשרײען, און שװאַרצע שאָטענס האָבען געשראָקען... האָט עמיצער אַ הוסט געטהאָן, איז אַ שױדער איבער דאָס לײַב דורכגעגאַנגען: װער הוסט עס?...

האָט זיך אױסגעפונען אײנער אַ יונגער מאַן אין בלױע ברילען און אין אַ טולופּעל מיט אַ קאַראַקוליענעם קאָלנערעל, און דער דאָזיגער יונגערמאַן איז געװען בלײך און עס האָט איהם געטרײסעלט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן — איז ער געפאַלען אויף אַ המצאה:

— הערט, יודען, פאלגט מיך: דאס בעסטע ארט איז אין הקדש. לאמיר געהן אין הקדש!

דערפיהלט אויף זיך די אויסגעשטעלטע שטומע אויגען, איז דער יונגערמאן מיט'ן קאלנערעל געווארען תקיף, און באלד טאקי האט ער א נעם געטהאן פאר די הענד צווייי יונגלעך, גאר ווילד פרעמדע יונגלעך, און האט א זאג געטהאן פעסט:

— קומט, קינדער, אין הקדש!

האבען זיך אלע שטום א לאז געטהאן געהן נאך איהם. עס זענען געגאנגען יודען, אלטע יודען מיט גרויע בערד, עס זענען געגאנגען ווייבער, פערקלאגטע ווייבער אין פאטשיילעס, ביי וועלכע דאס חליפען איז שטעהן געבליבען אין האלז, עס זענען געגאנגען קינדער, קליינע קינדער מיט איבערגעשראקענע שטומע בערוואונדערטע פנימ'לעך... און ער אליין, דער יונגער מאן אין די בלויע ברילען, איז געגאנגען פאראויס, ווי א פעלד־מארשאל, פעסט און בעשלאסען אויף אלץ, געפיהרט פון ביידע זייטען די צוויי ווילד פרעמדע יונגלעך פאר די הענד— און בשעת מעשה האט ער שרעקליך געציטערט און די ציינער האבען זיך ביי איהם געטרייסעלט. דאס איז גראד געווען א יונגער מאן, וועלכען גאט האט בעווילינגט מיט א הארץ און מיט געפיהל, און געהענדיג פאראויס און פיהלענדיג הינטער זיך איין עדה יודען מיט בעטריבטע פנימ'ער, מיט בערד, גרויע בערד— האט איהם דאס הארץ שטארק פערקלעמט, א סטרונע האט זיך אין איהם צעשפיעלט און עפיס האט אינוועניג ביי איהם געוויינט: אט האט גאט איהם אויסדערוועהלט א וועגווייזער פאר זיין פאלק, פאר זיין אומגליקליך פאלק, אין דער פינסטערער מורא'דיגער נאכט...

האבען זיך אין מיטען וועג טרערען געשטעלט ביים יונגען מאן אין די אויגען.

צוגעקומען צום הקדש, האבען די יודען געפונען דאס טויער פער־שלאסען, די לאדען צוגעמאכט, אין הויף איז געווען טוידט־שטיל. דאס גאנצע גרויסע הויז האט אויסגעזעהן פערלאזען און אויסגעשטארבען, נאר די פערוועלקטע פערפרוירענע בוימעלעך אינ'ם גערטעל הינטער דעם הויכען פארקאן, האבען זיך טרויעריג בעוועגט. שטיל איז געווען ארום און ארום— האבען די הערצער שטארקער געקלאפט און קינדער האבען אוים שרעק זיך געטוליעט צו די קניע פון די עלטערען. א מאדנער ווילדער גע־דאנק איז ארויף אויפ'ן זינען: מעגליך, אז אין דער גרויסער מהומה זענען

אויפגעשטאַנען די חולים פון זייערע קראַנקע בעטען און צעלאָפען זיך אין דער ווינטער־נאַכט אין איינע העמדער ווייט־ווייט ערגעץ אויסער דער שטאָדט, אין אַלע עקען...

— עפּענט!

דאָס קול האָט געציטערט אין דער פינסטער, נאָר קיינער האָט פון אינווייניג נישט געענטפערט. דענסטמאָל האָט דער אָנפיהרער, דער יונגער מאַן אין די בלויע ברילען, זיך מישב געווען, געמאַכט האַריץ, איבער־געקלעטערט שטיל, אין איין ציטערניש, דעם הויכען פּאַרקאַן און זיך גענומען פאָרזיכטיג קלאַפען אין אַ לאָדען. עס איז איבערגעגאַנגען אַ פּאָר מינוט אין האַרצקלאַפעניש. האָט אַ סקריפּע געטהאָן אַ טהיר ערגיץ הינטען, עס האָט זיך געהערט אַ פערשטיקט קינדערש געוויין, שטילע דערשראָקענע קולות האָבען זיך עפּיס געשושקעט, דערנאָך — גיכע טריט ערגיץ ווייט, טיעף אינים הויף. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך באַוויזען אַ הויכער פּויער מיט אַ הוילען קאָפּ אין אַ קורץ פּעלצעל און אין גרויסע שווערע וואַלינ־קעס. דאָס איז געווען דער סטרוזש. ער איז געגאַנגען פּאַמעליך, פויל, קוים געשלעפּט די פיס. צוגעקומען נאָהענט צום יונגענמאַן, האָט ער אידם מיט אַמאָל אַ האַפּ געטהאָן ביים קאָלנערעל און געפרעגט שטרענג:

— אַ טי קטאָ טאַקאָי? (ווער ביסטו אַזוינער?)

האָט דער אומגליקליכער יונגער אַנפיהרער אין די בלויע ברילען אָנגע־הויבען פּלאַטערען ווי עס פלאַטערט אַ בלאַט, און מחמת ער איז געוואָרען זעהר צעטומעלט, האָט ער עפּיס שטום געמאַכט מיט די הענד, אַלץ אָנגע־וויזען אויף די דערשראָקענע יודען, וואָס זענען געשטאַנען הינטערן טויער, ווי איינער זאָגט: „דאָס זענען זיי שולדיג"... דער סטרוזש האָט אידם אָבגעלאָזט, רוהיג בעטראַכט פון דער ווייטען די יודען, וועלכע האָבען זיך פון שרעק גענומען רוקען אַהינטער, און פויל, קוים שלעפּענדיג די פיס, איז ער אונטערגעגאַנגען צום טויער. אין דער פינסטער איז שווער געווען צו זעהן, צי שמייכעלט ער, אָדער ער איז בייז.

— אַ שטאָ, זשידקי, נאַשי אַשטשע ביוט? (וואָס, יודען, אונזערע שלאָגען נאָך?)

האָט זיך צווישען דער קאָמפּאַניע יודען גראָד געפונען איינער, וואָס האָט געקענט דעם סטרוזש נישט פאַר קיין שלעכטען גוי, האָט ער זיך געווענדעט צו אידם מיט אַ געבעט:

— הער אויס, טשעלאָוויטשי, וואָס איך וועל דיר זאָגען. געדענקסט, אַז איך האָב ביי דיר געקויפט אַ העהנדעל אויף פסח, אַ רויט העהנדעל? דאָס איז שוין אַ מעשה פון אַ יאָהר דריי צוריק... איך געדענק דאָס

אַקוראַט ווי איצטער... אַ פעט העהנדעל געווען... אָט דאָס בין איך טאַקי דער, וואָס האָט געקויפט ביי דיר דאָס העהנדעל. טהו זשע, גאָלובטשיק, אַ טובה. מיר זענען דאָך נעבאַך גאָר נישט שולדיג, מיר זענען עהרליכע יודען... זאָג אונז דעם אמת: ווער געפינט זיך דאָ אין הקדש? מיר זענען דאָ מיט קליינע קינדערלעך, גאָלובטשיקעל...

דערהערט אַזעלכע ווייכע רייד מיט אַזאַ געבעט און אַלטע זכרונות פון אַמאָל, איז ביי דעם גוי דאָס האַרץ ווייכער געוואָרען. ער האָט זיך געקראַצט אין פאַטילניצע און געברומט:

— אַלע קומען אַהער צולויפען! עס איז שוין דאָ גענוג אָהן אייך: דער דאָקטאָר, זיין ווייבעל, דאָס פאַניטשעל זייערס. אָט נאָר וואָס איז דער פעלדשער אַריינגעקראָכען מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד אין קעלער אַריין בעהאַלטען זיך. פאַר וועמען האָט ער זיך דאָ אַזוי דערשראָקען? פאַר זשידקעס!...

— יודען, איהר הערט? — האָט זיך בעגייסטערט דער יוד, וואָס האָט געקויפט פאַר דריי יאָהר אַ העהנדעל אויף פסח, און די שטימע האָט ביי איהם אַזש געציטערט פאַר פרייד. — איהר הערט, יודען? וואָס דער ערל לומר'ט? מאָטע דער פעלדשער איז אויך דאָ! ער ליגט שוין ערגיץ אין קעלער... קומט!

עס איז געוואָרען איין אַיילעניש און אַ שטופעריי מיט אַ געקלעטעריי איבער'ן פאַרקאַן, מע האָט נישט געהערט דעם סטרוזש, וועלכער האָט אַלץ געטענה'ט, אַז דער דאָקטאָר האָט איהם בעפוילען קיינעם נישט אַריינצולאָזען. מע האָט איהם אַלץ איינגעבעטען מיט גוטע, ווייכע רייד:

— האַרצעלע, גאָלובטשיקעל, מיר וועלען דאָך דאָ גאָרנישט ניט טהון... וואָס, מיר זענען דען עפּיס מערדער? מעהר נישט ווי אויף איין מינוטקעלע... איבערוואַרטען... למאַי דער פעלדשער? ער איז דאָך אויך אַ יוד ווי אַלע יודען... אַי, ווי קומען מיר אין הקדש? טאָ לאָז זיך דיר דאַכטען — מיר זענען קראַנקע...

— ביי מיר איז טאַקי דער מאָגען מיינער אַ ביסעל ניט מיט אַלעמען... ניט פאַר אייך געדאַכט, אַ פאַסקודנער מאָגען... — האָט זיך פערענטפערט איינער אַ יוד אַ מלמד שוין אויף יענער זייט פאַרקאַן, אין הויף, בשעת מעשה נאָכגעטאַנצט נאָכ'ן עולם יודען און זיך אַרומגעקוקט הינטען אויפ'ן אָנגעברוגז'טען סטרוזש מיט פערשולדיגטע אויגען.

אין קאָרידאָר האָבען זיי געטראָפען דעם דאָקטאָר'ס פרוי — אַ הויכע דאַמע, בלייך ווי קרייד, מיט צעוואָרפענע האָר. זי האָט פערבראָכען די הענד און זיך אַ לאָז געטהאָן מיט אַ מאָדנעם קוויטש צום מאַן, וועלכער איז

געשטאַנען ערגיץ אין אַ ווינקעל אײַנגעקאָרטשעט און נידערגעשלאָגען און געדריקט צו זיך דאָס יונגעל זיינס, אַ קליין גימנאַזיסטעל מיט שוואַרצע דערשראָקענע אויגען. באַלד אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיי האָבען אַ גרויסען טעות געהאַט: דער ערשטער איז אַרײַנגעקומען דער יונגער מאַן אין די בלויע ברילען, נאָך איהם האָט זיך בעוויזען אַ יודינע מיט אַ פּיצעל קינד אויף די הענד, דערנאָך — דער גאַנצער עולם יודען. האָט זיך די דאַמע בערוהיגט אַ ביסעל און מיט אַיין אונצופריעדענער מינע געפרעגט די יודען:

— אַ, דאָס זענט איהר גאָר? ווי נעמט מען דאָס און מע שרעקט אַזוי איבער מענשען ביז צום טוידט? אַ יוד איז דיר ניט איינציג!...

דערזעהן אָבער פאַר זיך די מתנה פערשולדיגטע פּנים'ער מיט די געדיכטע בערד, וועלכע האָבען זיך געטוליעט ביי דער טהיר ווי שטומע פערזאָגטע שעפּעלעך, האָט זי שוין ווייכער געזאָגט:

— נו, וואָס שטעהט איהר? קומט אַרײַן! זאָגט, וואָס הערט זיך דאָרטען אין שטאָדט?

— אוי, וואָס זאָל מען הערען, מאַדאַם, וואָס ווילט איהר, מע זאָל הערען? הלואי זאָל מען נישט הערען, וואָס מע הערט!... מע שלאָגט נעבאַך יודען!

האָט מען אויף דאָס ניי פערשלאָסען דאָס טויער, פערמאַכט די טהירען פון ביידע זייטען קאָרידאָר, און געזונדע זענען אַרײַנגעקומען בעזעצען זיך צווישען קראַנקע. דער יונגער מאַן אין די בלויע ברילען האָט אַלץ געקאָמאַנדעוועט מיט'ן דאָקטאָר אויף ריין דייטש, מע זאָל אַרײַננעמען דעם סטרוזש צו זיך, אין מיטען, פאַר אַ משכון...

— דער פרעכע קערל, וויססען זיע, איזט...— האָט ער אַלץ גע'טענה'ט און געמאַכט מיט די הענד.

דאָס איז געווען אין דער „גרויסער פּאַלאַטע“, וועלכע עס האָט בעלויכטען גאָר אַ קליין לעמפּעל. בשעת דער דאָקטאָר מיט'ן פעלדשער זענען געקומען צולויפען אָהן אַיין אָטהעם, בלייכע און האַלב־טוידטע פון שרעק, און די דאָקטאָרין האָט גענומען אַרומלויפען מיט צעוואָרפענע האָר איבער די צימערען פון די קראַנקע און געמאַכט געוואַלדען, איז געפאַלען אַ פחד אויף די חולים, און חיים־וואָלף „דער מענש“, אַ משרת אין הקדש, האָט געמוזט אַלע בעטלעך איבערטראָגען אין דער „גרויסער פּאַלאַטע“, פון וועלכע די פענסטער האָבען אַרויסגעקוקט אין הויף אַרײַן. מע האָט אויסגע־

לאָשען אַלע לאָמפּען, און די קראַנקע האָבען זיך צעזעצט אויף זייערע בעטלעך מיט אויסגעצויגענע פּנים'ער, האָבען געקוקט אין דאָס האַלבפינסטערניש ווילד, מיט גרויסע מידע אויגען, און האָבען געוואַרט...

אַרייַנגעקומען זענען די געזונדע שטיל, שעמענדיג, פּאַוואָלינקע זיך צעשטעלט אין די ווינקלען, אַרומגעקוקט זיך פאָרזיכטיג אויף די קראַנקע. מאַנסבילען האָבען זיך אַלץ געטאַפּט ביי די לאַצען, אונטערגעדוסט עפּיס משונה, אונגאַטירליך. ווייַבער האָבען זיך גענומען שנייַצען די פערקלאָגטע נעז און אַראָבגעלאָזט די רויטע פערטרויערטע פּנים'ער צו דער ערד. ביסלעכווייַז האָבען זיי אָנגעהויבען פּאַוואָלי בעקוקען די קראַנקע אָבגעצעהרטע מענשען מיט די דאַרע העלזער, וועלכע זענען אַלע געזעסען אויף די בעטלעך אָנגעטהאָן אין ווייַסען. מע האָט זיך געפיהלט עפּיס זעהר ניט גוט אין די ווינקלען, אויפ'ן האַרצען איז געווען קאַלעמוטנע, עפּיס האָט געדריקט און האָט גענאָגט. עס האָט געשמעקט מיט רפואות און קאַרבאָלטראָפּענס, ס'איז געווען הייס און שווער צו עטהעמען... דער יונגער מאַן מיט'ן קאָלנערעל האָט אָבגעשטעלט זייַנע בלויע ברילען אויף אַ מיידעל, אַ קראַנקע אויף שווינדזוכט, וואָס איז געזעסען מיט אַ פערביטערט קליין פּנים'על, מיט פערביסענע דינע ליפּעלעך, און אויף די אייַנגעפאַלענע בעקלעך אירע האָט זיך צעשפּילט יענע רויטליכע פאַרב, וואָס צעשפּילט זיך ביי בעליידיגטע קינדער. האָט עס דעם יונגען מאַן אָנגענומען בייַם האַרצען, און געטראַכט האָט ער, אַז דאָס דאָזיגע מיידעל איז בעסער פון אַלעמען און אומגליקליכער פון אַלעמען, און עלענד איז זי דאָ, זי האָט ניט קיין ברודער און האָט ניט קיין שוועסטער—און אַז „יענע" וועלען קומען און אַלע וועלען זיך צעלויפען און דאָס מיידעל וועט מען פערגעסען, וועט ער זיך אָבשטעלען מיט איהר צו בעשיצען זי. „אָדער מיר אַ טוידט, אָדער אייך אַ טוידט"— אַזוי וועט ער „זיי" זאָגען...

און עס האָט זיך איהם פערוואָלט, אַז דאָס מיידעל זאָל אויך וויסען פון זייַנע גוטע געדאַנקען, איז ער אונטערגעגאַנגען צו איהר בעטעל און האָט זי בערוהיגט:

— שרעקען זיי זיך ניט, פרייַלין, בערוהיגען זיי זיך... דאָ זענען מאַנסבילען!

דאָס מיידעל האָט זיך אַביסעל פערוואונדערט און אַ קוק געגעבען אויף איהם קאַלט מיט פערביסענע ליפּעלעך. דערנאָך האָט זי זיך אָבגעקעהרט פון איהם און געזאָגט מיט פערדראָס צו איהרער אַ שכנה:

— אַזוי ווי מע וואָלט זייַנע „מאַנסבילען" גערופען אַהער...

— אין דער זעלבער צייַט האָבען אויך די איבעריגע קראַנקע געקוקט

פון זייערע בעטלעך ווילד, פערוואונדערט און מיט חשד אויף די געזונדע מענשען, וואָס האָבען זיך אַריינגעריסען אַהער אין גרויסע וואַרימע פעלצען און פאַטשיילעס פון דער קאַלטער פינסטערער נאַכט, אַנגעבראַכט מיט זיך ווינטען און פרישקייט פון גאָר איין אַנדער וועלט... געקוקט האָבען אַלע, אויסער עטליכע אַלטע יודען פון „מושב זקנים“, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם זעלבען הויף. די זענען געשטאַנען צו דער וואַנד, אָבגעזונדערט פונ'ם גאַנצען טומעל און שרעק, „געזאָגט“ עפּיס שטילערהייד און געשאָקעלט זיך, און זייערע גרויסע שוואַרצע שאָטענס האָבען זיי נאָכגעמאַכט.

איינער אַ בחור מיט אַ געגאָלטען קאָפּ און מיט אַ שרעקליך אָבגעצעהרט פנים, קענטיג, נאָר וואָס איבערגעקומען אַ שווערען טיפוס, איז געזעסען אויפגערעגט אויף זיין בעטעל, געביסען נערוועז די האַנד און אַלץ עפּיס געקוקט אויף איין אַיינגעהויקערטע אַלטע יודינע אין אַ צעריסענער פאַטשיילע מיט אַ קליין פנים פון אַ קינד. די יודינע איז געשטאַנען ביי אַ וואַנד אַ פערטראַכטע, אַ פערזאָרגטע, מיט אַ פּאָר פעררויסענע רויטע פערוואונדערטע אויגען אין לופטען אַריין. האָט זיך צו איהר פלוצים דער קראַנקער בחור געווענדעט מיט שרעק און געזאָגט:

— איהר ווייסט— „זיי“ וועלען קומען אַהער אויך...

עס איז געוואָרען מיט אַמאָל שטיל אין דער גאַנצער פאַלאַטע. אַלע האָבען זיך אַ קעהר געטהאָן צום קראַנקען בחור.

— יאָ, יאָ...— האָט ער שטיל געזאָגט און אין די אויגען האָט זיך ביי איהם בעוויזען אַ מאָדנע פייערעל. ער האָט זיך איינגעבויגען צום קישען און זיך גענומען עפּיס פאָרען מיט ציטעריגע הענד. באַלד האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטען אַ פּאָר צעקנייטשטע צעריבענע הויזען מיט איין אַלט צעריסען רעקעל. אַרונטערגעלאָזט זיך אונטער דער קאָלדרע מיט די דאָזיגע שמאַטעס, האָט ער זיך עפּיס געיעקשנ'ט דאָרטען, געבאָרעט מיט די פיס, שווער געטהעמט דערביי און אַ שוויים האָט איהם בעגאָסען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער פון זיך אַראָבגעוואָרפען די קאָלדרע און זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער קאַלטער ערד איין אָנגעטהאָנענער מיט ציטעריגע הענד און פיס. אַלע וואָס אין פאַלאַטע האָבען אויף איהם געקוקט מיט שרעק: וואָס מיינט ער עפּיס צו טהון?

דער בחור האָט געפּרובט געבען אַ פּאָר טריט מיט די באָרוויסע פיס, נאָר דער קאָפּ האָט זיך איהם באַלד פערדרעהט, אין די אויגען האָט איהם אָנגעהויבען צו שווינדלען, האָט ער זיך פלוצים, צו אַלעמענס שרעק, אַראָבגעלאָזט און געזעצט זיך אויף דער ערד.

— איהר ווייסט? ער איז פון זינען אראב...— האט זיך אנגערופען עפּיס א קראנק ווייבעל ערגיץ פון א ווינקעל.— איך זאג אייך!

עס איז אריינגעקומען חיים וואלף „דער מענש“, א הויכער שווארצער יוד מיט א שטרענג פנים, אין א רויטער שאל. ער איז צוגעגאנגען צום בחור, וואס האט געציטערט א בלייכער אויף דער ערד, און האט איהם א נעם געטהאן פאר דער האנד.

— דו, זאג מיר אקארשט, וואס איז דאס פאר א שטיק! הא?! מארש אין בעט אריין!

עס איז געווארען א טומעל מיט א גערודער, מע האט זיך אנגעהויבען שטופען, עפּיס א קליין קינד האט זיך פונאנדערגעוויינט. איינס א דיק מיידעל אין א וואטאווען קאפטעל האט מען צוגעדריקט צו א בעטעל אזוי, אז זי האט נישט געהאט וואו צו שטעהן. האט זי קיין אנדער ברירה נישט געהאט און האט זיך געמוזט אנידערזעצען אויף דעם בעטעל. דאס איז אבער גראד געווען דאס בעטעל פון דעם מיידעל, וואס איז קראנק געווען אויף שווינדזוכט. האט זיך דאס קליינע אבגעצעהרטע פנים'על אנגעצונדען ווי פייער.

— וואס איז דאס? ס'א העזה א ביסעל! נישט געפונען קיין אנדער ארט וואו „אריינהאפען“ זיך, נאר אין מיין בעטעל!...

— וואס, איך וועל ביי אייך דען אבבייסען א שטיקעל בעטעל?— האט זיך פערענטפערט דאס מיידעל אינ'ם וואטאווען קאפטעל, און איז געבליבען זיצען אויף איהר ארט.

— אוועק פון דאנען!— האט זיך צעשריען דאס קראנקע מיידעל און איהר קליין פנימ'על האט זיך אזש אויסגעקרימט פון כעס.—איהר האט געהערט א ביסעל? זי האט זיך דארטען דערשראקען פאר'ן טוידט, איז זי געקומען אהער און אריינגעזעצט זיך מיט די גראבע באקען אין מיין בעטעל...

— וואס איז דא אזוינס געשעהען? וואס איז?— איז אונטערגעקומען דער יונגער מאן אין די בלויע ברילען מיט א פריינדליכע מינע, איין איבערגעגעבענער, א גרייטער צו א שטיקעל ארבייט.

— איך ווייס?— האט זיך פערענטפערט דאס פערשעמטע דיקע מיידעל און איז רויט געווארען, ווייל דער יונגער מאן האט אויף איהר געקוקט דורך די בלויע ברילען. — איהר איז קארג די וועלט. זי האלט שוין, דאכט זיך, גאר ביי'ם טוידט...

זי האט נאך קיין צייט נישט געהאט ענדיגען די ווערטער, ווי דאס קראנקע מיידעל האט זיך צו איהר א לאז געטהאן מיט די דארע טרו-

קענע הענד און איהר דערלאַנגט אַ פייערדיגען פּאַטש אין פּנים אַריין.

— דו... דו... גראָבע...

דער טומעל אין פּאַלאַטע איז געוואָרען נאָך גרעסער. חיים־וואָלף „דער מענש" האָט אָבגעלאָזט דעם באָרוויסען בחור, זיך געמאַכט אַ וועג און איז צוגעקומען זעהן, וואָס איז דאָ אַזוינס פּאָרגעקומען. דאָס מיידעל איג'ס וואַטאָווען קאָפּטעל איז געשטאַנען מיט איין אויסגעפּאַטשט רויט פּנים, אַראָבגעלאָזט די אויגען און האָט אַלץ געקוקט אויף איהרע ציטעריגע פינגער, ווי זי וואָלט דאָ בעגאַנגען אַ פערברעכען. און דאָס קראַנקע מיידעל איז געזעסען אויפ'ן בעטעל און געציטערט, אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטען ווי אַ צערייצטע און די אָנגעצונדענע אָבגעצעהרטע בעקלעך איהרע האָבען געפלאַמט. פּלוצים האָט זי זיך צעהליפּעט.

— וואָס זענען זיי געקומען אַהער? וואָס פערקירצען זיי מיינע יאָהרען?...

— וואָס טאַקי זענען זיי געקומען אַהער?— האָט זיך אָנגערופען אַ שוואַרצע יודינע מיט אַ גראָב קול, ליגענדיג אויפ'ן קישען. דער רוח האָט זיי אָנגעטראָגען... טאָמער וואָלט מען געשלאָפען אַביסעל... אַ גאַנצען טאָג נישט צוגעמאַכט אַנ'אויג... נאַ דיר! געקומען און אָנגעפאַלען אויף אַ קראַנק קינד... טפו זאָלען זיי ווערען!

דאָ האָט זיך שוין דאָס שווינדזיכטיגע מיידעל מעהר נישט געקאָנט איינהאַלטען. זי איז צוגעפאַלען מיט'ן פּנים צום קישען און זיך צעהליפּעט הויך אויפ'ן קויל, היסטעריש. עס האָט זי אינגאַנצען געוואָרפען, און איהרע קליינע דאַרע אַקסעלעך האָבען זיך געטרייסעלט אין קאָנוואולסיע.

זענען די געזונדע אַנשוויגען געוואָרען, געבליבען שטעהן פערגאַפטע און פערוואונדערטע, אַרומגעקוקט זיך שטום איינס אויף דאָס אַנדערע, און אַ פּנים האָבען זיי געהאַט ווי זיי וואָלטען דאָ בעגאַנגען אַ גרויס פערברעכען. אויפ'ן האַרצען איז געווען קאַלעמוטנע, עפּיס האָט געדריקט און האָט גענאָגט. וואוהין האָט עס זיי גאָט פערוואָרפען אין דער דאָזיגער שרעקליכער נאַכט?...

— פע, אַ פּאַסקודנע פאָלק! האָט חיים־וואָלף דער „מענש" אויסגעשפּיעט און אָבגעטראָטען אָן אַ זייט.

און אַז דער טומעל איז געוואָרען גרויס, די קראַנקע האָבען געבונטעוועט אויף זייערע בעטלעך און געטריבען די געזונדע, די שוואַרצע יודינע האָט זיך צעשריען אויף איהר גראָב קול און האָט אויסגעגאָסען אַ קריגעל

מילך דעם יונגען מאַן מיט די בלויע ברילען אין פּנים אַריין, קליינע קינדער האָבען געקוקט דערשראָקען, געוויינט און געשלעפּט די מאַמעס ביי די פאַרטוכער, זיי זאָלען אַוועקגעהן פון דאַנען, און אין פּאַלאַטע איז געוואָרען ענג און שווער צו עטהעמען, — איז אַריינגעקומען דער הויכער סטרוזש אינ׳ם קורצען פּעלצעל און האָט מודיע געווען:

— אין שטאָדט ברענט!

איז געוואָרען דער טומעל נאָך גרעסער. די קראַנקע האָבען געקריצט מיט די ציינער און געשריען הויך:

— געהט אַרויס! געהט אַרויס! וואָס ווילען זיי די גזלנים — מע זאָל קומען און אונטערצינדען דעם הקדש? געהט אַרויס!...

עטליכע יונגע לייט האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אין די פינסטערע חדרים זעהן די שׂרפה, אומגעקערט זיך דערשראָקענע, בלייכע: יאָ, עס ברענט! אַ רויטער הימעל, פונקען פליהען אין דער לופטען, עפּיס פערשטיקטע געשרייען טראָגען זיך...

די דאָקטאָרין איז אַרויסגעלאָפען אין דעם טומעל ווי אַ משוגענע. נאָך איהר איז נאָכגעגאַנגען איהר זוהן, דאָס קליינע גימנאַזיסטעל, בלייך, מיט גרויסע דערשראָקענע שוואַרצע אויגען. ביי׳ם קינד אין מח האָט אַליץ געגעבערט איין געדאַנק: זאָל ווערען שטיל... זאָל ווערען שטיל...

דער קראַנקער באָרוויסער בחור, וואָס איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון אַ שווערען טיפוס, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער טהיר, צוגעלעגט אַנ׳אויער און איז אַזוי געבליבען שטעהן אויסגעצויגען, ווי אַ פערגליווערטער. מיט אַמאָל האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צום גאַנצען עולם מיט אַ בלייך פּנים, גלייך ווי ער וואָלט זיך בעשלאָסען אויסזאָגען דעם מורא׳דיגען סוד, וואָס ער האָט פון אַלעמען בעהאַלטען:

— „זיי" געהען שוין, דאַכט זיך...

— וואָס? וואָס? וואָס?

דאָס קליינע גימנאַזיסטעל איז געבליבען אין מיטען שטעהן, אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגען אויף דער טהיר. פּלוצים איז ער צוגעלאָפען צו די קראַנקע און האָט אָנגעהויבען טופּען מיט די פיסלעך, געוויינט און געריסען פון זיך די האָר:

— שטיל... שטיל... אַזוי ווי איהר וואָלט געשטאָרבען... אָט וועלען מיר זיך אַלע צעזעצען... שטיל וועלען מיר זיצען... זיך ניט ריהרען... מיר ווייסען גאָר נישט... מיר זיצען זיך גלאַט אַזוי, שטיל... וועלען זיי אַריינקומען... וועלען זיי דערזעהן: מענשען זיצען שטיל.... ריהרען זיך ניט... וואָס? וועלען זיי שלאָגען? פאַר וואָס וועלען זיי שלאָגען?...

זיי וועלען נייט שלאָגען... אַז מיר זיצען דאָך שטיל...

דאָס יונגע גימנאַזיסטעל האָט אויפגעהערט רייסען פון זיך די האָר און איז געשטאַנען פאַר'ן פערוואונדערטען שטילען עולם. עפּיס ווי אַ צויבער האָט זיך דורכגעטראָגען איבער'ן צימער און האָט אַלעמען דורכגענומען, סיי געזונדע סיי קראַנקע, און אַלע האָבען געוואַרט.

— אָדער מיר וועלען זיך גאָר לעגען שלאָפען... מיר שלאָפען אַלע... שטיל... מיר זענען געשטאָרבען... וועלען זיי אַרײַנקומען און זעהן... מיר זענען שטיל... מיר שלאָפען... אַלע שלאָפען... קיינער, קיינער וועט ניט אויפהויבען דעם קאָפּ...

אין פּאַלאַטע איז געוואָרען שטיל, שרעקליך שטיל, אַזוי אַז עס האָט זיך געהערט ווי הערצער קלאַפּען האַסטיג. און אַ צויבער האָט בענומען אַלעמען, פון קליין ביז גרויס — מע האָט פּאַוואָלי, קוים גערירט מיט די איברים, זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד, געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, געטוליעט די קלאַפּענדיגע הערצער צו דער קאַלטער פּאָדלאָגע. דאָס קליינע גימנאַזיסטעל האָט זיך געלעגט נעבען זײַן מאַמע, פערמאַכט די גרויסע שוואַרצע אויגען און געציטערט אין אירע זודיגע הענד...

און אַז עס האָט זיך די טהיר אויפגעעפענט — איז אַרײַנגעקומען דער פעלדשער מיט זײַן הויזגעזינד: אַ ווײַב, צוויי יונגלעך מיט אַ צוויי יאָהריג קינד. אַ שוידער איז זיי דורכגעגאַנגען איבער דאָס לײַב, דערזעהענדיג די טוידט-שטילע עדה יודען אויסגעלעגט אויף דער ערד; קיינער האָט ניט געעפענט אַנ'אויג, ניט גערירט מיט קיין אבר, ניט אויפגעהויבען דעם קאָפּ... נאָר פערשטאַנען האָבען די ניי-אַרײַנגעקומענע, אַז מע בעדאַרף שווײַגען.

דאָס צוויי-יאָהריגע קינד האָט געקוקט מיט זײַנע קינדערשע רוהיגע אויגען בײַ דער מאַמע אויף די הענד און האָט אויך געשוויגען: אין די פּאָר שעה, וואָס מע האָט איהם אין קעלער דאָס מויל פערשטאָפּט, האָט ער זיך אויסגעלערנט....

און שטיל איז מען געלעגען, און אַז מע האָט די אויגען שטײַף צוגעמאַכט, האָט מען געזעהען: אַ רויטען הימעל, גרויסע פונקען פליהען אין דער לופטען, ערגעץ ווײַט-ווײַט טראָגען זיך אַרום פערשטיקטע קולות און געשרייען, מענשען לויפען, מענשען יאָגען זיך....

אין מיטען נאַכט איז איינער אַנ'אַלטיטשקער, אַ טרוקענער, אַ דאַרינקער, אויף וועלכען מע האָט אין הקדש געזאָגט, אַז ער איז אַלט הונדערט יאָהר, שטיל אַראָבגעקראָכען פון בעטעל. אַ גאַנצע נאַכט, בשעת עס איז געווען דער טומעל, איז ער געלעגען רוהיג אויף זײַן בעטעל

מיטן קליין שיטער בערדעל אַרויף, און האָט געשוויגען, געווען פֿערנומען מיט זיינע אַלטע גוסס'ע מחשבות, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט פֿערשטאַנען. איצטער האָט ער שטיל, שטיל ווי אַ שאָטען, זיך געלאָזט צווישען די בעטלעך. אַלע האָבען געשלאָפֿען. דער יונגער מאַן איז געשלאָפֿען מיט די בלויע ברילען אַרויף, אָנגעשטעלט אויף צוקאָפּענס דאָס קאַראַקוליענע קאָלנירעל. ביי דעם קראַנקען מיידעל האָט זיך אַ פֿאַרב צעשפּילט אויף די אָבגעצעהרטע בעקלעך און דאָס קליינע פּנימ'על איז געווען פֿערביטערט. אין שלאָף האָט זי נאָך מעהר אויסגעזעהן ווי אַ קינד, וועלכעס מע האָט באַליידיגט. נאָר איינער איז ניט געשלאָפֿען: דאָס איז געווען דער קראַנקער באָרוויסער בחור. ער איז געשטאַנען ביי דער טהיר, צוגעלעגט אַנ'אויער, זיך איינגעהערט און געוואַרט....

דער קליינער מאָגערער אַלטיטשקער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף די שלאָפֿענדיגע, אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ צו דער סטעלי און אַרויסגעלאָזט אַ שווערען, טיפֿען זיפֿץ. און שטיל, ווי אַ שאָטען, איז ער צוריק אַרויפֿגעקראָכען אויף זיין בעטעל, געלעגען מיט אָפֿענע אויגען פֿערטראַכט.

די פּאַלאַטע האָט באַלויכטען אַ קליין לעמפּעל. גרויסע שוואַרצע שאָטענס זענען פֿערגליווערט געוואָרען אויף די ווענד.

אין דער פֿריה, בשעת אַ דונקעלער שיין פֿון פֿריה־מאָרגען האָט אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ לאָדען, איז דער אַלטיטשקער אויסגעגאַנגען.

VI.

וִדּוּי.



וידוי.

איינמאל אין א שענעם פריהלינגס־טאג איז קלארא סעמיאנאוונא אריינגעקומען מבקר חולה זיין שאפיראן — א שווינדזיכטיגער יונגערמאן, וועלכער האט זיינע לעצטע געצעהלטע טעג פערבראכט ביי זיין אלטע מאמע אין שטוב. אויך איצט, ווי יעדעס מאל, ביים אריינגעהן אין את דער שטוב, איז דאס מיידעל צוגעקומען צום בעט אויף די שפיץ־פינגער, וייך און פארזיכטיג, חאטש דער קראנקער איז געלעגען וואכענדיג און געקוקט פאר זיך מיט א פאר גרויסע מידע אויגען. אין צימער האט געשמעקט מיט א מאדנעם ריח, א ווארימען, א פערלעגענעם, א ריח, וואס לאזט זיך שטענדיג פיהלען אין א שטוב, וואו א חולה ליגט אב א לאנגע צייט אהן האפנונג. נאר איצט, אז דאס מיידעל איז אריינגעקומען פון דרויסען א פרישעם, א יונגעם, און האט אראבגענומען פון זיך איהר מאנטעל מיט'ן היטעלע — האט אויך אין דעם צימער א שלאג געטהאן דער פרישער און געזונדער אטהעם פון פריהלינג. און ערשט איצט איז פערשטענדליך געווארען דא, אין דער איינזאמער שטוב פונ'ם קראנקען, פאר וואס איז דער טאג אזוי שען און אזוי שטיל, פאר וואס גיסט עס די זון אהן אויפהער איהר צארטען שיין דורך די פענסטער.

נאכדעם ווי קלארא סעמיאנאוונא האט זיך געגריסט מיט דעם חולה און נאכדעם ווי זי האט געזעהן דעם קרענקליכען פרען אויף זיינע ביינערדיגע אפגעצעהרטע באקען, דעם מידען צעבראכענעם שטומען גלאנץ אין זיינע אויגען, האט זי זיך אהעקגעזעצט אויף א שטוהל נאהענט צום

בעט, און האָט געשוויגען. דאָס איז געווען אַ שווער, דריקענד שווייגען, און געפיהלט האָט זיך, אַז אויך שאַפּירא, אויך דאָס יונגע מיידעל, אויך די מאַמע — אַ קליינע אַלטע אויסגעטריקענטע יודינע אין אַ דיקען וואַטאָווען קאַפּטאַן, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל און אַליין גע־טאַפּט מיט די פינגער אַ גרויסען קנאָפּ ביי זיך אויף דער ברוסט — אַלע טראַכטען איצט פון דעם אונפערמיידליכען טוידט, וואָס לויערט אַרויס פון הינטער דעם קראַנקען'ס קאָפּ, פון הינטער זיינע לאַנגע ווילד־צעוואַקסענע האָר.

די מאַמע האָט אָפּגעזיפצט און איז שטיל, ווי אַ שאָטען, אַרויס־געגאַנגען פון צימער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך ווידער בעוויזען ביי'ם טיש מיט אַ טעלער רויטע עפּעל און מיט אַ בעהאַרצט שמייכעלע אויפ'ן אַלטען טרויעריגען פנים.

— זיי וועלען אפשר מאַכען ברכה?

שאַפּירא האָט זיך איבערגעקוקט מיט דעם מיידעל. ער האָט אָפּגע־שמייכעלט שוואַך מיט יענעם צעקרימט גלייכגילטיג שמייכעל, וואָס בע־וויזט זיך אויף פערטריקענדע שטאַרבענדע ליפּען.

— מאַמע! לאָז זי שוין היינטיגס מאָל עסען אָהן אַ ברכה...

די מאַמע איז רויט געוואָרען, פערשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געטאַפּט אַ ווײַלע דעם גרויסען קנאָפּ ביי זיך אויף דער ברוסט און האָט אונבעמערקט זיך אַרויסגעמאַכט פון צימער. דענסטמאָל האָט דער חולה זיך אויפגעהויבען עטוואָס פונ'ם געלעגער, אַ קוק געגעבען קלאַראַ'ן אין פנים אַריין און אַ זאָג געטהאָן:

— אַ מאָדנע פאָלק די אַלטע מאַמעס! מיט די גוטסקייט, מיט די געטרייהייט, מיט די אַלטע ברכות...

דערנאָך, אַז ער האָט זיך ווידער געלעגט און צוגעהערט זיך ווי שטיל עס איז אין שטוב, האָט ער ניט אַראָפּגענומען די אויגען פון דעם מיידעל'ס שען צאַרט געזיכט, וואָס שמייכעלט איצט אַקעגען איהם שטום, מיט אַ מין טרויער און ווייכקייט, מיט אַ מין ריהרענד וואַרים בעדויערען פון אַ יונגער איבערגעגעבענער שוועסטער. זיין האַרץ איז איהם פול געוואָרען מיט יענעם זעלטענעם גוטען געפיהל, וואָס פלעגט אין איהם אויפוואַכען שטענדיג, בשעת דאָס מיידעל איז געזעסען נעבען זיין בעט.

— ס'אַ שענער טאָג היינט איז! — האָט זיך קלאַראַ שטיל אָנגערופען.

זי איז צוגעגאַנגען צו'ם פענסטער, צענויפגעלעגט די הענד אויף דער ברוסט און פון דאָרטען געקוקט אויפ'ן קראַנקען. שאַפּירא האָט זיך אויך אויפגעהויבען, פערריסען דעם קאָפּ צום פענסטער און דערזעהן דעם שענעם

העלען פריהלינגס־טאָג, דעם ברייטען שטראַהלענדיגען הימעל, דעם קלאָץ פונ'ם ברונען, וואָס וויעגט זיך אום הין און הער אין דער קלאָרער לופט, די טרוקענע זאַמדיגע ערד, די נאַקעטע בוימער, ווי זיי בעוועגען זיך ערגעץ אין דער ווייטען פּאַוואָלי, ווי אין אַ חלום. אַ זיסער וועהטאָג האָט איהם גענומען נאָגען אין האַרצען, עפּעס אַזעלכעס, ווי אַ שטיל טרויעריג געבעט, האָט ביי איהם פערחאַפּט דעם אָטהעם. איהם האָט איצט נישט באַנג געטהאָן, וואָס ער, אַ קליינינקער, אַ פערצעהרטער, געהט אוים אין יונגען פריהלינג, אין זונענשיין און פרישע ווינטעלעך, וואָס קלאַפּען זיך אָן די פענסטער. נאָר באַנג האָט איהם געטהאָן, וואָס אָט געהט אונטער זיין לעצטער טאָג און ער וועט פערגעסען זאָגען דעם מיידעל עפּיס אַ גוט, אַ וואַרים וואָרט, אַ זעלכעס, אין וואָס ער וועט אַריינלעגען זיין נשמה, זיין פערלאָרען לעבען, די טיעפע הייליגע טרויער, וואָס האָט שוין מעהר קיין טרייסט און האָט קיין האָפנונג נים.

— קלאַראַ סעמיאָנאָוונאַ...

דאָס מיידעל האָט צו איהם אַ ציטער געטהאָן. אפשר דערפאַר, ווייל איהר נאָמען האָט מאָדנע אויסגעקלונגען אין דעם שטילען צימער, און אפשר — ווייל מאָדנע האָט אויסגעזעהן איצט אויף זיין געלעגער דער חולה אַליין, מיט די אויסגעשטרעקטע דינע מאָגערע הענדלעך, מיט דעם אויס־געזויגט געל פּנים'על, וועלכעס קוקט אַרויס פון די ווילד־צעוואַקסענע האָר, מיט דעם מידען צעבּרעקעלטען גלאַנץ אין די אויגען, וואָס דערמאָנט אָן דעם גלאַנץ פון צעשטויסען גלאָז אונטער אַ זונענשטראַהל...

— אפשר איז אייך שווער צו זיצען?

דעם קראַנקענס קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם קישען. ער האָט געקוקט אויף קלאַראַ'ן מיט'ן שטילען גלאַנץ אין די אויגען, געקוקט און געזעהן ווי זי איז גוט און פּאָרזיכטיג, ווי זי וויל איהם אַנגענעהם מאַכען, אָפּגעבען איהם איהר גאַנצע צערטליכקייט און רחמנות. אַ לאָק שוואַרצע האָר איז געפאַלען אויף איהר אויפגערעגט פּנים און אינגאַנצען האָט זי אויס־געזעהען אין דער מינוט פונקט ווי זי פיהלט איהר גרויסע שולד אַקעגען דעם קראַנקען, דערפאַר וואָס זי איז אַזוי יונג און פריש און רייצענד. דענסטמאָל האָט שאַפּיראָ געוואָלט אויסשטרעקען זיינע הענד צו איהר און אויסרופען שטילערהייד: „ווי שען און מילד דו ביסט, שוועסטער!”...— נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז קראַנק, אַז זיינע הענד זענען דין, מאָגער, האָריג... און ער האָט שטיל גענומען ריידען:

— איך האָב אייך געוואָלט זאָגען, קלאַראַ סעמיאָנאָוונאַ... איך האָב אַ קוק געטהאָן איצט אין פענסטער. דער הימעל איז אַזוי לויטער, די לופט

אין דרויסען— אזוי פריש און צארט. איך זעה פון וויטען, ווי עס בליהען שוין אויף די בוימער... דאס איז אלץ ביטאג. אבער ביינאכט, ווען איהר וואלט וויסען... בשעת מיין מאמע לעשט אויס דאס ליכט... די שטיקענדע פינסטערניש, די מורא'דיגע שטילקייט... קיינער נישטא... איינער אליין מיט מיין קרענק, מיט אפענע אויגען... א מידער, איין איינזאמער אין היטץ און אין שוויים... אך!

ער האט וועהמוטהיג א מאך געטהאן מיט דער האנד אין לופטען. דאס רעדען האט איהם מיד געמאכט, ער האט געפיהלט, אז אלץ וואס ער האט איצט געזאגט, איז איבעריג און אלט. נישט דאס וויל ער אויסדערצעהלען פאר דער יונגער פרוי. דאס ווארט, וואס ער וויל זאגען איצט, אין זיינע לעצטע דונקעלע טעג, בעדארף אבוואשען דאס הארץ, ריין מאכען עס, און קלאר, און ווייך, ווי אין זיינע פריהצייטיגע ווייטע לויטערע קינדער=יאהרען...

— אך, קלארא סעמיאנאוונא... איצט טראכט איך: ווי וואונדערליך דאס לעבען איז! אט האב איך אבגעלעבט, אבגעארבייט, אבגעהיצט זיך... און איצט, אז איך ליעג אמאל אויפ'ן בעט מיט פערמאכטע אויגען, קלינגט מיין לעבען אפ אין מיינע געדאנקען ווי איין אלט נאריש לידעל, מיט וועל=כעם מע שלעפערט איין א קאפריזנע קינד: „ערגיץ אויף איין אינזעל, ערגיץ אויף א ברעג ים, האט געלעבט א מאל א פישער"... איך טראכט איצט וועגען מיין לעבען גאנצע טעג און נעכט, און איך זעה ארויס, קלארא סעמיאנאוונא... א מאל ווילט זיך מיר אויסשרייען: ס'א ליגען! ס'איז פאלש! וואו איז איצט מיין לעבען? וואו איז מיין ארבייט, מיינע שטרעבען— זיי זאלען מיר איצט ליעב זיין, זיי זאלען אנפילען מיין הארץ מיט וועה און בעדויערען, וואס איך געה אויף אייביג אוועק פון זיי?... נישטא. אלץ האט זיך אויסגעוועבט ביי דעם גוסס'ען מענשען...

דאס מיידעל האט צוגערוקט איהר שטוהל נעהענטער צום בעט און האט זיך אפגערופען:

— איך פערשטעה איך. איהר רעדט פון אונזערע אידעאלען... אבער עס איז דאך אונמעגליך, אז א מענש, בשעת ער איז קראנק, זאל האבען אין זינען...

— ניין, נישט דאס! נישט דאס!— האט שאפירא געזאגט שטיל, פערדריסליך, און האט א מאך געטהאן מיט דער האנד. קלארא האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט און געוואַרט. אין א ווייל ארום האט שאפירא ווייטער גערעדט:

— איך וויים נישט, פאר וואס עפים האט זיך מיר היינט פערגלוסט איך

דערצעהלען פון מיין לעבען?... איך האָב געזעהן ווי איהר זענט געשטאַנען ביים פענסטער אַקעגען דער זון און איך האָב אַ טראַכט געטהאָן: אָט וועל איך שטאַרבען, און נאָך מיר וועט פערבלייבען דער פריהלינג, דאָס יונגע גראָז, וואָס הויבט ערשט אָן צו שפּראָצען און צו גרינען. איהר זענט עס דער סימן... און מיר האָט זיך פּלוצים פערגלוסט, אַז איהר זאָלט וויסען פון מיין לעבען מעהר וויפיעל איהר ווייסט, איהר זאָלט וויסען דעם אמת... ווער ווייסט, אפשר שפּעטער, העט־ווייט אין אייער לעבען, וועט אַ מאָל אויפוואַכען צווישען אייערע זכרונות אויך אַ געדעכעניש וועגען מיר. איך האָב אַ מאַמע, איז זי אַלט און פערצאָרנט און וועט נישט לאַנג בלייבען נאָך מיר. איהר אָבער זענט נאָך יונג און געפּעסטעט ווי אַ קינד... דאָס לעבען איז ביי אייך — אידעאַלען. אַ מאָל האָט דאָס זעלבע וואָרט אויך געבליצט פאַר מיר און געבלענדט מיינע אויגען, איך זאָל ניט זעהן, אַז איך בין געבוירען אַ שוואַכער מענש, אַ מענש... איך געדענק, אַ מאָל בין איך געווען אַ יונגעל... אַך, וואָס פאַר אַ היציגע נאַרישע צייט ס'איז דענסטמאָל ביי מיר געווען! אָנגעהויבען האָט זי זיך דערמיט, וואָס צו אונז אין שטעדטעל האָט מען פערשיקט פון דער גובערניע איינס אַ מיידעל. דאָס מיידעל איז געווען פון יענע יודישע מיידלעך, וואָס פלעגען דענסטמאָל זיך בעווייזען אין די יודישע שטעדטלעך, ווי די ערשטע זומער־פויגלען, אָנטראָגען מיט זיך דעם צויבער פון אַ פרישען נייעם לעבען... איצט, האַכט זיך, קוממט זי שוין אָפּ דאָס איהריגע אין סיביר... שען איז געווען דאָס מיידעל, יונג, שלאַנק און קרעפטיג, און אַ פאַר אויגען האָט זי געהאַט — פעך־שוואַרצע, פייער־שיסענדע. מיין האַרץ פלעגט אין מיר אָבשטאַרבען, בשעת זי איז פאַרבייגע־גאַנגען אונזער פענסטער. דאָס האָט זי מיך דערנאָך אַריינגעפיהרט אין דער אַרבייט. צום אָנהויב האָט זי נור איין אויג אויף מיר געוואָרפען: אַ קליינ־שטעדטעלדיג בלייך יונגעל, לייענט ביכלעך און ווייסט נאָך גאָר נישט... אויף מיר אָבער האָט איהר אויפמערקזאַמקייט אַנדערש געווירקט. אין האַרצען האָט ביי מיר אויפגעבליהט אַ ניי געפיהל, איך בין אומגעגאַנגען אין אַ נעבעל און געוועבט חלומות, פון וועלכע איך האָב פריהער ניט גע־וואוסט. דאָס איז געווען ביי מיר אַ מורא'דיגער סוד... איך געדענק קלאָר דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן זי אין דער נאָהענט. זי איז דענסטמאָל אַריינגעקומען צו אונז אין שטוב וועגען עפּעס אַ נדבה פאַר אַ ביבליאָטהעק און האָט מיך געטראָפען זיצען איבער אַ בוך. דאָס פנים האָט זיך מיר מאָדנע אָנגעצונדען, נאָר די אויגען האָב איך טיעף איינגעגראָבען אין בוך, נישט אַ מאָך געטהאָן אפילו מיט אַ ברעם. איך בין כלומרשט געווען שטאַרק פערטיעפט אין אַ הויכען ענין. איך

האָב אפילו אַרויסגערופען אויף מיין פנים אַ מין קאַלטע העזה, ווי איינער זאָגט: „ווייס איך דאָרטען, געקומען עפּיס אַ מיידעל און שטערט צו לעזען״... פון דענסטמאָל אָן האָב איך אָנגעהויבען שלעפען אהיים מוראדיגע דיקע אונבעקאַנטע ביכער, דאַכט זיך, נישט גרינגער ווי קאַנט. שטונדען־לאַנג פלעג איך אָפּזיצען איבער איין אָפען בוך, שטעהן אויף איין שורה, וואַרטען מיט אַ מיעד פערחלש׳ט האַרץ, בעטען גאָט עס זאָל ווידער געשעהן אַ נס און דאָס מיידעל זאָל זיך אַ צווייטעס מאָל בעווייזען ביי אונז אין שטוב וועגען אַ נדבה פאַר אַ ביבליאָטהעק. וויפיעל מאָל פלעג איך מיך אויפכאַפען ביינאַכט אויף מיין געלעגער און אַרויסקוקען אין פענסטער ביים שיין פון דער לבנה. איך האָב געוואַרט מיט אַ קלאַפענדיג האַרץ, אַז אָט־אָט וועלען זיך אויפ׳ן טראָטואַר לאָזען הערען איהרע גיכע דרייסטע טריט און איהר גרוי קלייד וועט אַ שווינדעל טהון פאַר מיינע אויגען. איך האָב געוואוסט, אַז זי געהט אַ מאָל שפּעט ביינאַכט פון דער אַרבייט... דאָס גאַנצע שטעדטעל פלעגט שוין שלאָפען, נאָר איך איינער אַליין האָב אַריינגעקוקט אין די בלייכע שטומע נעכט, געשלעפּט די קאָלדרע אויף די אָנגעשטרענגטע מידע אַקסלען און שטיל געציטערט. איינמאָל, אין אַזאַ מינוט, האָט זי זיך פּלוצים בעוויזען ביי מיין פענסטער אין דער בעגלייטונג פון אַ יונגענמאַן אין אַ פייערדיג־רויט העמדעל. זי איז געגאַנגען גיך און עפּיס שאַרף גערעדט. איך האָב געזעהן אין דער ווייטען ווי זי האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צום יונגענמאַן און האָט זיך הילכיג צעלאַכט. דאָס דאָזיגע געלעכטער איהרס האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געקלונגען אין דער בלייכער דורכזיכטיגער לופט פון דער לבנה־נאַכט. אַז עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, האָב איך איינגענורעט מיין פנים אין דאָס אָפּגעקיהלטע קישען, איך האָב עס געביסען, איך האָב געוויינט וועהמוטיג, ווי אַ פערפאַלענער.

שאַפּיראָ איז אויף אַ ווײַלע אנשוויגען געוואָרען און שטום געקוקט מיט זיין צעבראָכענעם גלאַנץ אין די אויגען אויף קלאַראַ סעמיאָנאָווניאַ. ער האָט געפּרובט אַ שמייכעל טהון אויף זיינע קינדערשע נאַרישקייט, נאָר דאָס שמייכעל האָט מאָדנע געציטערט אויף די אויפגערעגטע פערטריקענטע ליפּען.

— נאָהענט בעקענט האָב איך זיך מיט איהר אין אָנהויב פריהלינג, און יענע וועלט, וואוהין מע האָט מיך אַריינגעבראַכט, איז נאָך געווען פרעמד פאַר מיר און ניי און צוציהענד. איך בין געווען שכור ווי פון יונגען, נאָך שוימיגען וויין. נאָך איצט, אַז איך זעה אַ לבנה־נאַכט אין אָנהויב פריהלינג, אין דער שטילקייט, אויף דער פערפרוירענער גאַס, קלאַפּען ערגעץ רעדער

פון אײן אײנציגען וואָגען, יונגע לײט מיט פרישע פנימער לויפען אין דער נאַכט אַרײן, רײדען עפּעס היציג און מאַכען מיט די הענד— דערמאָן איך מיך אָן אונזערע נעכט, אָן סטודענטישע היטלען, רויטע העמדער, פּיסאַרעוו'ס ביכער מיט זײער שטײפקײט און דײטליכקײט, מיט זײער דרײסט... בײ אונז איז דענסטמאָל נאָך אַלץ געווען יונג און פריש: „באַזאַראָוו"... דאָס ווילען... די מאַכט פונ'ם ווילען... פרײ געלעבט זאָל ווערען... שאַנדע די שוואַכע און הינטערשטעליגע... די וועלט — איז אַ פאַבריק, דער עיקר לעבען — איז אַרבײט, אַרבײט, אַרבײט... פאָראויס פאַר דעם אַלעם איז געגאַנגען אַ שײנע בעגײסטערטע וועגווײזערין, הויך געהאַלטען דעם קאָפּ, אַ בליהענדע, אַ רײצענדע, ווי אין אַ מזרח-לעגענדע, מיט די געדיכטע שוואַרצע האָר, מיט דעם פעך-שוואַרצען ברען אין די אויגען, מיט דעם בויגזאַמען קעהר אין דער שלאַנקער פיגור. און איך— איך בין אַ פערפאַלענער, איך געה אוים נאָך איהר, איך אַטהעם אין איהרע טריט, איך האָב מיך אָפּגעזעגענט מיט דער גאַנצער וועלט צוליעב איהר. איך שלאָף נישט קײן נעכט. מײן מטושטש'ער בליק בלאָנדזשעט בײנאַכט אין בלײכען אויסגעשטערנטען הימעל— בײטאָג, אויף דער ערד, האָב איך קײן האָפנונג ניט... איך בין מתפלל פאַר גאָט, אין וועלכען איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט צו גלויבען. איך האָב אָבער קײן מוטה נישט ענטדעקען איהר אפילו דאָס מינדעסטע, וואָס עס טהוט זיך אָפּ אין מײן האַרצען. סטײטש, ווי אַזוי? איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך זעלבסט. איך האָב זיך געשעמט, וואָס אין דער צײט, בשעת די גאַנצע וועלט דאַרף אַרײנטרעטען אין אַ נײע שאַפונג, איבער-געבען זיך צום שטורעם, לאָזען זיך געהן אויף קידוש-השם — האָב איך מיך פערשפּאַרט מיט מײן בשר ודם, מיט מײנע אײגענע קלײנע ערדישע פער-לאַנגען און חלומות... ווי איז דאָס מעגליך אַזוינס? עס האָט זיך געמאַכט וויפיעל מאָל, וואָס איך בין געוואָרען בײ זיך אין די אויגען קלײן און אומווירדיג און האָב בעשלאָסען, אַז זי טאָר פון דעם סוד קײנמאָל ניט וויסען. און אַזוי האָט זיך עס טאַקי אויסגעלאָזט: אין אַ יאָהר אַרום איז זי פער-שוואונדען געוואָרען פון מיר אויף אײביג, נישט האָבענדיג דעם קלענסטען פערדאַכט אויף מיר. אַ קײלעכיג יאָהר האָב איך געביסען מײן קישען פאַר וועהטאָג, אַ קײלעכיג יאָהר האָב איך געאַרבײט מיט איהר פאַר דער וועלט, בשעת די גאַנצע וועלט איז מיר אָהן איהר נישט ניחא געווען. איך האָב נאָך דענסטמאָל געהאַט אַ יונג געזונד האַרץ, וועלכעס האָט געשריען, און איך האָב עס טוידט געמאַכט...

שאַפּיראָ האָט פּלוצים גענומען רײדען שאַרף און ערביטערט, פונקט ווי ערשט אין דער מינוט האָט ער דערפיהלט אינגאַנצען די טיעפקײט פון

דער עולה, וואס מע האט איהם אפגעטהאן אין זיין לעבען. געדאכט האט זיך, אז אין אלע יענע פינסטערע און שטומע נעכט, וואס ער איז אויסגעלעגען איינער אליין, איין אויסגעפייניגטער פון זיין קרענק, און געשוויגען און געזעהן אקעגען זיך די אויגען פונ'ם טוידט — האט ער עס אויסגעוועבט אט דעם שווערען און ביטערען געדאנק און אנגעזויפט איהם מיט זיין גיפט און זיין בלוט.

— און וואס איז געווארען פון מיין לעבען דערנאך, אז איך האב פערלאזען אויף יאהרען־לאנג מיין שטיל רוהיג שטעדטעל און עס האבען זיך אנגעהויבען ביי מיר טעג, פערהילטע אין רויך? עס טרעפען ביי מיר איצט מינוטען... גאט מיינער! גאט מיינער! וואס האט צוגעגעבען מיין הארצען אט די גאנצע היטץ־קעפעריי, אט די אלע צאפלענישען, אט דאס אומוואנדערען פון איין וועג צום צווייטען, אט דער גאנצער הו־הא פון מיין לעבען צווישען מיינע חברים? וואס האט דאס געגעבען מיין הארצען? מיר האבען געקעהרט וועלטען... איהר ווייסט נאך נישט, ווי עס לעבט אונזער חברה אין דער גרויסער וועלט. קנאקענדיגע ווערטער, היציגע ויכוחים, ברענענדיגע מחות אין רויך, אין קאלטען נעבעל... אנגערויכערטע צימערען, צעקאשמעטע בחורים, פערעלטערטע יודישע מיידלעך, מיט פנימער ניט־צופריעדענע, ניט אויסגעשלאפענע, וועלכע זוכען אין הערבסט־צייט זייער יונגען פערלארען־געגאנגענעם פריהלינג... און אלע ריידען, יעדע צונג שלייפט זיך, חזר'ט איין דאס לאנג־בעוואוסטע, דאס לאנג־דערעסענע, די נשמה גאהרט נאך א נייעם ברייטען וועג, וואו דאס מידע אויג זאל קאנען אברוהען, און ווערט איהם קיינמאל נישט געפינען. ריידען רעדט מען אלץ וועגען לעבען... וואס זשע איז אזוינס דאס לעבען? איך האב צו אלעמען גערעדט „דו", איך האב געשלאפען מיט זיי אין איין בעט, מיר האבען געשניטען ביים עסען פון איין ברויט, און צווישען אלע מיינע פריינד האב איך נישט געפונען איינעם, וואס זאל וועלען מיט מיר אפגעהן אין א ווינקעל, איך זאל איהם אויסדערצעהלען די ספקות פון מיין הארצען, איך זאל צו איהם ריידען מיט איין אנדער שפראך, מיט אנדערע ווערטער, וועלכע מיר האבען ביז אהער נאך נישט איינגע'חזר'ט. איך דערמאן מיך: איינמאל האב איך בעקומען א בריעף פון דער היים, אז מיין פאטער איז געשטארבען. מיין פאטער איז געווען א שטילער יוד, מיט ווייכע, גוטע פערטראכטע אויגען. ביז די לעצטע טעג פלעגט ער מיר אלץ שרייבען אין זיינע לשון־קודשע בריעף: „בני היקר שאהבה נפשי". איך האב דערצעהלט וועגען זיין טוידט פאר מיינע חברים. איינינע האבען מיך אויסגעהערט קאלטבלוטיג. און איינינע האבען אפילו ניט געהערט און וויטער

געערעדט דאָס זעלבע, וואָס נעכטען און איערנעכטען. עס האָט זיך אָנגעצונדען אין מיר אַ פייערדיגע בעליידיגונג, איך האָב גענומען ריידען צו זיי ערביטערט, זענען זיי צעגאַנגען פון מיין צימער און געלאָזט מיך אַליין. ביינאַכט, בשעת איך בין געלעגען אויפ׳ן בעט צוזאַמען מיט מיינעם אַ חבר, האָב איך אַוועקגעדרעהט פון איהם דאָס פנים און גענומען וויינען הויך אויפ׳ן קול. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט מיין מאַמע, אַ וויסטע, איין עלענדע, ווי זי שטעהט איצט אין מיטען נאַכט איבער׳ן בעטעל פון איהרע קליינע שלאָפענדיגע יתומים׳לעך. און דאָ, פערוואָגעלט פון דער היים, שטעה איך, איהר עלטער קינד, אַ דערוואַקסענער בחור, אין מיטען אַ חברה פון אַנדערע דערוואַקסענע בחורים און טענה מיט אַ פערטריקענטען, הייזעריגען האַלז, אַז דאָס לעבען איז נישט גוט, דאָס לעבען בעדאַרף אַנדערש ווערען, די מענשהייט ליידט... מיין חבר האָט זיך אַליץ געדרעהט אויפ׳ן בעט, געבורטשעט, און מיט אַ מאָל איז ער אַראָפּגעשפרונגען אַ צעטרייצטער אויף דער ערד, אויסגעזידעלט זיך און גענומען רויכערען פאַפּיראָסען אין דער פינסטער... איך בין אַנשוויגען געוואָרען. עפּעס אַ מאָדנער עלענד איז מיך פלוצים בעפאַלען און אויפ׳ן האַרצען איז מיר אַזוי קאַלט געוואָרען!

קלאַראַ סעמיאָנאָוונאַ איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל איין אויפגערעגטע און איז שטיל איבערגעגאַנגען צום פענסטער. די זון האָט שוין געהאַלטען ביי אונטערגעהן, די לופט האָט זיך פערדונקעלט. אַקעגען די פענסטער, אויף דער וואַנד, האָבען זיך אויסגעלייגט די ערשט-אָנגעקומענע שאָטענס. אויסגעקומען איז איצט דאָס לעבען אַזוי וואונדערליך, אַזוי אומגעלומפערט, אַזוי פערפלאָנטערט. די פראַגען זענען אַ סך, און דער ענטפער איז ווייט, און איבער דעם אַלעם הענגט אַ גרויסע בייזע איראָניע... דער קראַנקער האָט שווער געחאַפּט דעם אָטהעם און האָט אויפגעהויבען די הענד אין דער הויך; עס האָט זיך געדאַכט, ווי ער וואָלט איצט, אין די פאַרנאַכטיגע שאָטענס, שטום געקלאָגט און געבעטען אויף זיינע טעג, וואָס זענען געגאַנגען פערלאָרען אָהן ליעבע, אָהן בעדויערען, אָהן שוינונג. איצט האָט ער שוין גערעדט שטיל, גלייכגילטיג און מיעד.

— איהר ווייסט ניט, קלאַראַ סעמיאָנאָוונאַ, די געדאַנקען פון אַ מענשען, וואָס שטאַרבט אַוועק און דאָס לעבען שטעהט הינטער איהם וויסט און טרוקען. וויסט און טרוקען... וואָס זאָל איך בעדויערען, אָן וואָס זאָל איך מיך דערמאָנען אין מיינע לעצטע טעג, אַז עס זאָל אין מיר אַ ציטער טהון די נשמה? גאָר נישט... אַ נאַריש ליעדעל... הערט, איינמאָל אַ זומער-פאַר-נאַכט — איך בין שוין דעמסטמאָל אַרומגעגאַנגען אַ קראַנקער

מיט מיין שטעקעל אין די שטילע גאסען פון שטעדטעל — בין איך אריינגעגאנגען אין א שוהל. מיך האט צוגעצויגען דער גרויסער עולם יודען, וואס האט זיך געקליבען אהין אין א מיטוואכדיגען טאג. דארט האט געזאגט א מגיד, איינער א בלייכער בלינדער יונגערמאן, א בערי־המטהיט. ער האט געפייערט פון דער בימה, וואס די תורה געהט אונטער, די שוהלען ווערען פערחרוב'ט, עס קלינגט שוין מעהר נישט גאט'ס קול פון די אפענע בית־המדרש פענסטער אין דער גאס אריין. יענקעלע, דאס קאפריזנע ציטעריגע קינד גאט'ס, ווערד פערטריבען פון ביידע טישען... טרויעריג, בעהארצט האט געקלונגען דער סקארבאווער ניגון פון דעם בלייכען בלינדען יונגעמאן איבער דער שטילער בעצויבערטער עדה בערדיגע יודען מיט די אויסגעצויגענע פערוואונדערטע פנימער. איך בין געשטאנען נעבען איינעם אין אלטיטשקען, א קליין אויסגעטריקענט שניי־ווייס יודעלע, וואס האט די גאנצע צייט געהאלטען אויסגעשטעקט זיין שפיציג בערדעלע אין דער וועלט אריין און מאדנע קינדיש געפינטעלט אין לופטען מיט זיינע רויטליכע אויסגעלאשענע אויגען. און מיט אמאל האב איך בעמערקט, ווי אט דער אלטיטשקער האט אונטערגעשפארט אויפ'ן שטענדער דעם קאפ מיט ביידע הענד און פון זיינע ביידע אויגען האבען גענומען קאפען טרערען, א טרער נאך א טרער... איך האב מיך דענסטמאל שטארק פערוואונדערט און שטארק פערטראכט: וואו האט זיך גענומען ביים שניי־ווייס יודעלע די טרערען? ער געהט דאך אוועק אהיים זיך לעגען אויפ'ן בעט און שטארבען — וואס זשע וויינט ער אויף דער תורה, וואס בלייבט איבער פאר די לעבעדיגע?...

— אבער דאס איז דאך פאנאטיזמוס!...— האט דאס מיידעל ניט ווילענדיג זיך אפגערופען, אינגאנצען א פערוואונדערטע, א צעמישטע...

שאפירא האט נישט געענטפערט. ער איז געלעגען שטום, אונבעוועגט. קלארא האט אויף א ווייליע צוגעמאכט די אויגען. זי האט געוואלט ברענגען אין ארדנונג איהרע אויפגערעגטע געדאנקען. אז זי האט צוריק געעפענט די אויגען, איז שוין פינסטער געווארען ארום און ארום, גלייך ווי נאר וואס איז עפיס אויסגעלאשען געווארען אין דער לופט. ביים בעט פונ'ם קראנקען איז געשטאנען זיין מאמע.

— מאטעלע, אפשר אנצינדען פייער? דיר שאדט דאך אין דער פינסטער...

— מאמע, היינט ווערסט דו זיצען נעבען מיר ביז וואנען איך וועל איינשלאפען... ביז וואנען איך וועל איינשלאפען...

— איך וועל זיצען, איך וועל זיצען, מיין זוהן...

שפּעטער, אַז קלאַראַ סעמיאָנאָוונאַ איז אַוועקגעגאַנגען, איז די אַלטע נאָך אַלץ געשטאַנען ביי איהר זוהנ'ס בעט אַ שטילע, אַ פערטרויערטע, און אַלץ געטאַפּט דעם גרויסען קנאָפּ ביי זיך אויף דער ברוסט.

— דו האָסט ניט בעדאַרפט אַזוי פיעל רעדען, מיין זוהן...

דער קראַנקער האָט געקוקט צעטראָגען אויף דער לאָמפּ. ער האָט מאָדנע קרום אַ שמייכעל געטהאָן.

— האַ, נישט בעדאַרפט רעדען? טאַקי אַזוי, טאַקי אַזוי... אַיין אלט ליעדעל... ערגיץ אויף אַיין אינזעל, ערגיץ אויף אַ ברעג־ים, האָט געלעבט אַ מאָל אַ פישער...

ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַוועקגעזעצט, אַ ווײַלע אָנגעקוקט די דער־שראָקענע מאַמע מיט שטאַרע קאַלטע אויגען. דערנאָך האָט ער זיך אומגע־קעהרט מיט'ן פּנים צום קישען, געחאַפּט זיך מיט די קליינע דינע הענטלעך אָן דעם ווענטעל פון בעט און גענומען כליפּען מיט די שפּיציגע אַקסלען דאָס לעצטע גוסס'ע כליפּען.

———

VII.

דֶער בְּריעף.



דער בריעף.

צוויי וואָכען נאָכאַנאַנד, נאָכדעם ווי ירוחם דעם שוסטער'ס מיידעל האָט אָפּגעחאַפּט דאָס נישט־כשרע קינד, איז ירוחם אַליין אומגעגאַנגען ביי זיך אין שטוב ווי אַ געריהרטער. ער האָט פערשפּאַרט טהיר און פענס־טער, נישט אָנגענומען קיין אַרבייט, נישט צוגעריהרט זיך צו קיין עסען, קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך און אַלץ שטום אומגעשפּרייזט הין און צוריק איבער דער שטוב. דאָס אַלקירעל וואו די קינפּעטאָרין איז געלעגען מיט'ן קינד, האָט ער פערהאַקט, פערשטעלט עס מיט פּעסלעך און מיט קאַס־טענס, אַזוי אַז נור איינע, די אַלטע זיינע, האָט זיך געקליגט און געפונען איין עצה ווי צו צוקומען צו דער טאָכטער.

ביינאַכט, אין דער שטיל, בעת פון אַלקירעל האָט זיך געלאָזט הערען דעם קינד'ס געשרייען, איז ירוחם געזעסען אויף זיין געלעגער מיט אַיין אויסגעקרימט פּנים, געקריצט מיט די ציינער, געמאַכט אין דער פינסטער מיט די קולאַקעס און געריסען פון זיך די האָר. פאַר די צוויי וואָכען האָט ער בעקומען אַ מאָדנע ווילד אויסזעהן. דאָס געזיכט איז איהם גע־וואָרען געל און אָנגעשוואָלען, דער באָרד ווילד־צעשויבערט, די אויגען פערלאָפענע, רויטע, אונרוהיגע.

ענדליך, איינמאָל פאַרנאַכט־צייט, איז ירוחם אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, דערגאַנגען ביז דעם ווינקעל־הויז פון זיין געסעל, צוגעשפּאַרט זיך צו אַ סלופּ און אַרויסגעקוקט אין דער ברייטער רוישענדער גאַס אַריין. עס זענען פערביי געגאַנגען פערשידענע מענשען, אַרבייטער און עלעגאַנט־געקליי־

דעטע, פּרויען און מיידלעך אין ווײַסע זומערדיגע קאָפּטעלעך. פערד און וועגען זענען פאַרבײַגעפלויגען מיט אַ רויש איבער די שטיינער פון ברוק. ירוחמען האָט געשווינדעלט אין קאָפּ, און ווען ער זאָל ניט שטעהן צוגעשפּאַרט צום סלופּ, וואָלט ער געווים געפאַלען אויפ'ן אָרט. עס האָבען זיך אויך געוויזען יונגלעך. יעדען איינעם פון די יונגלעך האָט ירוחם אַרײַנגעקוקט שאַרף אין פּנים אַרײַן, דורכגעדרונגען איהם מיט זײַנע רויטע פיעבערישע אויגען. עס איז געווען אַ דונקעלע קיהלע זומער־פּאַרנאַכט. די יונגלעך, מיט פרישע מונטערע פּנימער, האָבען זיך געטראָגען איבער די טראָטואַרען אַלץ ווײַטער, אַלץ ערגיץ אַהין, וואו דאָס רוישען פון גאַס שווינדעלט און ווימעלט און מישט זיך אוים אין איין מענגע פון שוואַרצע קעפּ. קיינער האָט ניט בעמערקט דעם אַלטען איינגעבויגענעם יודען, וואָס האָט זיך שטום געטוליעט צום סלופּ און אויף עפּים געלויערט.

נאָר אָט האָט זיך פון ערגיץ בעוויזען אַ יונגעל מיט אַ ביכעל אונטער דער האַנד. דאָס יונגעל איז געווען אַיין ערך פון אַ יאָהר צוועלף און איז געגאַנגען פּאַמעליך און פערטראַכט איבער דעם טראָטואַר. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פון ירוחמען און פערקוקט זיך אויף צוויי הויכע אָפיצירען, וואָס זענען איבערגעגאַנגען די גאַס. ירוחם איז אָפּגעגאַנגען פון סלופּ, אַ טראָט געטהאָן צום יונגעל און אַ רוף געטהאָן איהם פון הינטען:

— הער, דו, יונגעל...

דאָס יונגעל האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו ירוחם'ען און אָנגעקוקט איהם פרעגענדיג. ירוחם האָט זיך אָנגערופען שטיל:

— איך וויל בײַ דיר עפּים פרעגען. זאָלסט מיר נור זאָגען דעם אמת... דו וואָהנסט ווײַט פון דאַנען?

דאָס יונגעל האָט מיט איין מאָל נישט געענטפערט. ער האָט זיך עפּים דערשראָקען און פערוואונדערט אָנגעקוקט דעם דאָזיגען מאָדנעם יודען מיט די רויטע פיעבערישע אונרוהיגע אויגען.

— זאָג, דו וואָהנסט ניט אין דער גאַס?

— אויף וואָס דאַרפסט איהר דאָס וויסען? איך... איך געה אַהיים. איך וואָהן אויף דער טראָקער גאַס.

— אויף דער טראָקער גאַס? הער זיך אַיין... קום אַ ווײַלע מיט מיר!

ירוחם האָט אָנגענומען דאָס יונגעל בײַם אַקסעל און איהם אַרײַנגעפיהרט אין דאָס שמאָלע געסעל אַרײַן. דאָס פערוואונדערטע יונגעל איז איהם נאָכגעגאַנגען ניט־ווילענדיג, ערשטוינט. ירוחם האָט זיך אָבגעשטעלט און איהם געפרעגט מיט אַ פערשטיקט הייזעריג קול:

— הער זיך איין... דו קאָנסט שרייבען יודיש?

— אויף וואָס דאַרפסט איהר עס וויסען? — האָט דאָס יונגעל זיך אַליץ געוואונדערט. — איך... איך קאָן. אודאי קאָן איך!

— הער זיך איין... דו וועסט בײַ מיר פערדינען צעהן קאָפּיקעס. אויב דו ווילסט, וועל איך דיר שוין געבען צעהן קאָפּיקעס. איך וויל דו זאָלסט מיר אָנשרייבען אַ בריעף, אַזאַ מין סאָרט בריעף... אַז קיינער זאָל ניט וויסען... דו פערשטעהסט? דו זאָלסט קיינעם ניט דערצעהלען, אַז דו האָסט מיר געשריעבען אַ בריעף, אַזאַ מין סאָרט בריעף...

— וואָס פאַר אַ בריעף זאָל איך אייך שרייבען? — האָט דאָס יונגעל פּעראינטערעסירט געפרעגט.

— אַ בריעף... איך וועל דיר שוין זאָגען וואָס צו שרייבען. קום מיט מיר. נאַ דיר צעהן קאָפּיקעס.

ער האָט מיט ציטעריגע פינגער אַרײַנגעדרוקט דעם יונגעל אין האַנד אַ זודיגע זילבערנע מטבע און האָט איהם גענומען פיהרען איבער דעם שמאָלען געסעל. ער האָט איהם אַרײַנגעפיהרט ערגיץ אין איין אַלטען דונקעלען גליטשיגען הויף, וואו עס האָט געשמעקט מיט פערד-שטאַלען. אין אַ ווינקעל פונ'ם הויף, הינטער די שטאַלען, האָט ירוחם געעפענט אַ שווערע אָנגעבויגענע טהיר און זיך אָנגערופען צו איהם שטיל:

— געה אַרײַן!

דאָס יונגעל איז אַרײַנגעגאַנגען און געבליבען שטעהן אין מיטען אַ ניעדריג צימער מיט הוילע, שוואַרצע, ניט-געטינקעוועטע ווענד. עס איז שוין געוואָרען נאַכט. דאָס יונגעל האָט געטאַפּט בײַ זיך אין דער קליינער זשילעט-קעשענע די וואַרימע זילבערנע מטבע, אומגעקוקט זיך אין דעם פרעמדען פינסטערען צימער און זיך געשראָקען. איבערהויפּט האָט איהם בעאונרוהיגט דאָס, וואָס ירוחם האָט אַ היבשע ווײַלע זיך געפּאָרעט מיט דעם פאַררוקער פון דער טהיר. ער האָט שוין חרטה געקראָגען אויף דער גאַנצער מעשה. נאָר באַלד האָט ירוחם אַ ריב געטהאָן אַ שוועבעלע און מיט אַ ציטעריגער האַנד געמומען צינדען אַ קליין לעמפּעל. דאָ האָט דאָס יונגעל דערזעהן, אַז אויסער זיי געפינט זיך אין צימער נאָך אַ לעבעדיגער נפש. דאָס איז געווען אַ יודינע, איין אַלטע, אָפּגעריסענע יודינע, וועלכע האָט זיך פּלוצים אויפגעהאָפּט פון דעם איינציגען בעט, וואָס איז געשטאַנען אין צימער, אויפגעזעצט זיך און געמומען פּינטלען מיט די אויגען אויף די אַרײַנגעקומענע. אַ ווײַלע האָט די יודינע ווילד אָנגעקוקט דאָס פרעמדע יונגעל, דערנאָך האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ טיעפען זיפץ און אַ וואָרף געטהאָן זיך מיט'ן קאָפּ ווידער צום קישען.

— אָט איז פּאַפּיער און טינט! — האָט זיך ירוחם שטיל אָנגערופען צום יונגעל. די טינט און פעדער האָט ער אויפגעזוכט ערגעץ אויף זיין שוסטער־טישעל, צווישען די פערשידענע געצייג, וואָס זענען דאָרט געלעגען אָנגעוואָרפען, און דאָס פּאַפּיער האָט ער פאָרזיכטיג אַרויסבעקומען פון זיין בוזעם־קעשענע — איין אויפגעלעגט בויגעלע פּאַפּיער מיט אַ שמאָל קאָנווערטעל. ער האָט עס אַוועקגעלעגט אויפ'ן צווייטען לאַנגען טיש און אויסגעגלעט עס מיט'ן נאָגעל פונ'ם גראָבען פינגער.

— נו, קום זעץ זיך אַוועק.

דאָס יונגעל האָט זיך אַוועקגעזעצט, גענומען די פען אין האַנד און אָנגעשטעלט די אויגען אויף ירוחמען.

ירוחם איז געשטאַנען איהם אַקעגען אַ פערטראַכטער, אין אַ שטומער פּאָזע. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענד אָן טיש און דורכגעדרונגען דאָס יונגעל מיט זיינע פיעבערישע אויגען. ביים יונגעל האָט שטאַרק אָנגעהויבען קלאַפּען דאָס האַרץ. ירוחם האָט אויף אַ ווײַלע שטייף צוגעמאַכט די אויגען. דערנאָך, אַז ער האָט זיי געעפענט, האָט ער ווידער שטום און שאַרף אַריינגעקוקט דעם יונגעל אין פנים אַריין.

— וואָס זאָל איך שרייבען? — האָט דאָס יונגעל אונגעדולדיג געפרעגט.

ירוחם האָט אָפּגעשוויגען. ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ הויב געגעבען פון טיש, צוגעגאַנגען האַסטיג צום בעט און האָט גענומען שלעפּען די שלאָפעדיגע אַלטע פאַר'ן אַקסעל. דאָס יונגעל האָט דייטליך געהערט, ווי ער האָט אַרויסגעצישעט פון די ציינער:

— הער, דו... דו זאָלסט ליגען, דו זאָלסט שטומען, דו זאָלסט מיר אַ פּיפּס ניט טהון!...

צום טיש האָט ער זיך אומגעקעהרט מיט איין אָנגעצונדענעם פנים. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַקעגען דעם יונגעל און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דער רעכטער האַנד. אַ ווײַלע איז אין שטוב געווען מאָדנע שטיל, אַזוי שטיל, אַז מע האָט דייטליך געהערט ווי אין העלזעל פון לאָמפּ האָט געזשיפּעט און געפלאַטערט עפּיס אַ געפאַנגען פליעגעלע. דער מאָדנער אַלטער יוד האָט ווייטער שטום און שאַרף בעטראַכט דאָס יונגעל. ביים יונגעל האָבען גענומען ציטערן די ברעמען. איהם איז געוואָרען ענג און ניט־גוט אויפ'ן האַרצען ביז צום חלשען. ער האָט נערוועז געטאַפּט די זילבערנע מטבע אין זיין קלײנער זשילעט־קעשענע און האָט שוין איצט געטראַכט וועגען זיין מאַמע און וועגען דער היים, וואו עס איז ליכטיג און פריי און לייכט צו אָפּציהען דעם אָטהעם. ווען גאָט טהוט איצט אַ נס און זיין מאַמע וואָלט אָנקומען און בעפרייען איהם פון דעם דאָזיגען געפענגעניש מיט די הוילע שוואַרצע ווענד!...

— ווען וועלען מיר שוין שרייבען? — האָט זיך דאָס יונגעל געבעטען בײַ'ם אַלטען יודען.

ירוחם האָט שטיל געענטפערט:

— גוט, הער זיך איין... די מעשה דערפון איז אַזוי. איך דאַרף שרייבען אַ בריעף... צו אַ טאָכטער וויל איך שרייבען, צו מיינע אַ טאָכטער אין אַמעריקע. אָבער קיינער טאָר דאָס ניט וויסען. דו זאָלסט קיינעם ניט דערצעהלען, אַז דו האָסט מיר געשריבען אַ בריעף, אַזאַ בריעף... דיין מאַמען אויך ניט... למען השם... דו וועסט מיר צאַפּען מיין בלוט... איך בין איין אַלטער מאַן, איין אָרימער... זאָלסט קיינעם ניט בעווייזען די צעהן קאָפּיקעס! זאָלסט זאָגען — דו האָסט געפונען. געגאַנגען אין גאַס און גע-פונען... פערשטעהסט? אַניט, וועסט דו מיר צאַפּען מיין בלוט... ביי מיר האָט געטראָפען איין אומגליק אין שטוב... מיר איז זעהר שלעכט, וויל איך אָנשרייבען אַ בריעף מיין טאָכטער, קיין אַמעריקע. אַליין שרייבען קאָן איך ניט. אַז דו וועסט קיינעם ניט דערצעהלען, וועל איך דיר געבען נאָך צעהן קאָפּיקעס. איבערמאָרגען וועסט דו קומען... גיב מיר אַ האַנד...

— איך וועל ניט דערצעהלען... כלעבען! — האָט דאָס יונגעל אָפּ-געשוואָרען, דערביי מאָדנע נייגעריג אָנגעקוקט ירוחמען.

ירוחם האָט זיך אויפגעהויבען פון בײַנקעל, איבערגעבויגט זיך איבער'ן טיש נעהענטער צום יונגעל און אָנגעהויבען דיקטירען שטיל, בסוד, מיט אַ הייזעריג פערשטיקט קול.

— שרייב. פיעל פריד און גליק צו מיין האָכגעשעצטע און פיעל געטריינע טאָכטער הרבנית הצנועה מרת חאַסיע לעב וואָהל. ווי אויך לבעלה הרבני מהורר זאב וואָלף לעב וואָהל. ווי אויך צו מיינע געטריינע אייניקלעך לעבט אַלע וואָהל.

ערשטענס קום איך אייך צו מעלדען פון מיין געזונדהייט, אַז מיר אַלע פינדען זיך ברוך השם אין בעסטען שטאַנד געזונדהייט. גיב גאָט אויף וויטער ניט ערגער און דאָס זעלבע פון דיר צו הערען, אמן!

און צווייטענס, מיין האָכגעשעצטע און פיעל געטריינע טאָכטער, וואָס זאָל איך דיר שרייבען? קיין נייעס איז ניטאָ. צי זאָל איך אייך אויסשרייבען צו וואָסער מדרגה איך בין געקומען איצט, אויף דער עלטער? ווער זאָל זיך עס ריכטען אויף אַזאַ מין אומגליק, אויף אַזאַ חרפה?... מיר איז איצט געקומען ניט אַנדערש אַז נעמען און בעגראָבען זיך לעבעדיגערהייד, אָדער אַוועקפאָהרען ערגעץ וויט פון דער היים, אומגעהן מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער. אין דער היים קאָן איך ניט בלייבען... האָכגעשעצטע און פיעל געטריינע טאָכטער! אויף מיר איז איצט געקומען אַ גרויסע צרה, אויף מיין

קאָפּ איז אויסגעגאָסען געוואָרען די תוכחה, אַ דונער פון גאָט האָט מיך דערשלאָגען. מיט וואָס האָב איך עס אַזוי פערזינדיגט פאַר דעם רבונו של עולם? מײַן גאַנץ לעבען האָב איך אָפּגעהאָרעוועט, מײַן שטיקעל ברויט האָב איך פערדינט מיט שוויים. איך האָב געמיינט, אַז מײַנע קינדער וועלען זײַן ערליך ווי אַלע לײַטישע קינדער. ערשט איצט האָט מיך געטראָפען איין אומגליק, אַ גרויס אומגליק... זי, די הולטײַקע, די חצופה, האָט גענומען... זי האָט מיט אַ מאָל... זי האָט... זי האָט מיר אָנגעטראָגען אין שטוב איין אומגליק... מיט איהר האָט געטראָפען איין אומגליק, אַ גרויס אומגליק... אַזאַ מין סאָרט אומגליק... אַ מאָדנע אומגליק...

דאָס יונגעל האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון'ם פאַפּיער און ערשטוינט אָנגעקוקט ירוחמען.

— זאָל איך טאַקי אַזוי שרײַבען?

— ניין, וואַרט אַ ווײַלע! איין ווײַלע...

און ירוחם האָט שטעהענדיג איבער'ן טיש ווידער צוגעמאַכט שטײַף די אויגען און צוגעדריקט די האַנד צום שטערן. אויפ'ן פּנים האָט זיך בײַ איהם אָנגעקליבען אַ סך טיפע יסורים'דיגע קנייטשען. שפּעטער אַ ביסעל האָט ער געעפענט די אויגען און בעטריבט אָנגעקוקט דאָס יונגעל. ער האָט זיך צוגערוקט צו איהם נעהענטער, מיט אַ זײַט, אַ שאָקעל געטהאָן דעם קאָפּ און האָט אַרויסגערעדט מאָדנע שטיל, דורך דער נאָז:

— דו פערשטעהסט? דאָס האָט זי אויסגעבראָכען אַ פוס...

— ווער? — האָט דאָס יונגעל געפרעגט מאָדנע פערוואונדערט.

— טאַקי זי, דאָס מיידעל מײַנע... אויסגעבראָכען אַ פוס. געטראָפען איין אומגליק...

— אויסגעבראָכען אַ פוס? — האָט דאָס יונגעל איבערגעפרעגט פערדעכטיג. — זאָל איך שרײַבען, אַז זי האָט אויסגעבראָכען אַ פוס?

— חלילה! זאָלסט ניט שרײַבען! דו ביזט אַ נאַר! דאָס זאָג איך עס דיר, נאָר דיר זאָג איך עס... דו שרײַב אַנדערש. אָט וועל איך דיר זאָגען.

ער האָט זיך ווידער אָנגעשפּאַרט אָן טיש און גענומען דיקטירען ווײַטער:

— האָכגעשעצטע און פיעל געטרײַע טאָכטער! מײַן איינציגע ישועה קאָן איצט קומען נור פון דיר. העלף מיר אויס, ראַטעווע מיך פון אַ שאַנדע אויף דער עלטער. האָב רחמנות אויף דײַן אַלטען פאָטער, ער זאָל ניט אַרײַנפאַלען אין לײַטישע ציינגער... טהו עס ניט צוליעב דער הולטײַקע, נאָר צוליעב מיר. אַ ניט, וועל איך זיך אַ מעשה אָנטהון. איך וועל ניט איבער-

לעבען אַזעלכע בזיונות, אַזאַ קלאָג, אַזאַ געוואַלדיגע מעשה... דערוויַיל ווייסט נאָך קיינער ניט דערפון. איך לאָז קיינעם אין שטוב ניט אַריַין. איך זיץ פערשפּאַרט און גערע אויס פון טאָג צו טאָג. אָבער ביַינאַכט... ביַי־נאַכט קאָן מען זיך חלילה דערוויסען... וואָרום אַז דאָס... אַז איהרס... אַז דאָס... דער חצופה׳ס... ביַינאַכט מאַכט מען קולות... מע שריַיט. אַלע הערען... איך מיין, דאָס... נו, רבונו של עולם... דאָס אומגליק. איהר אומגליק... אַזאַ מין סאָרט אומגליק...

פּלוצים איז ירוחם אויפגעשפּרונגען פון טיש אַ פערציטערטער. הינ־טער זיי, אויף יענער זיַיט פון די אָנגעשטעלטע פעסלעך און קאַסטענס, פונ׳ם אַלקירעל, האָט זיך מיט אַ מאָל געלאָזט הערען אַ מאָדנער פּיסק, ווי פון אַ ניַי־געבוירען קינד. ירוחם האָט תיכף אַוועקגעוואָרפען דאָס דיק־טירען, אין העכסטער אויפרעגונג צוגעלאָפען צום אַלקירעל און גענומען קלאַפּען מיט די קולאַקעס אין טהיר אַריַין.

— הער דו, ליַידאַצקע! איך וועל דיך ממיתען אויפ׳ן אָרט... פער־שטאָפּ איהם... פערשטיק איהם... זאָל קיין קולות ניט זיַין... זאָל זיַין שטיל! איך וועל דיך ממיתען אויפ׳ן אָרט...

די אַלטע, וואָס איז די גאַנצע ציַיט שטיל און אומבעוועגט געלעגען אויפ׳ן בעט, האָט זיך אָנגעהויבען ריהרען. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון קישען און געבעטען מיט אַ וויינענדיג קול:

— ירוחם, זעה, דו זאָלסט זי ניט שלאָגען...

אויף יענער זיַיט טהיר פונ׳ם אַלקירעל האָט זיך עפּיס אויפגעהאַפּט און אַ שפּרונג געטהאָן מיט די פיס אויף דער ערד. דאָס פּיסקען האָט באַלד אויפגעהערט. עס האָט זיך געלאָזט הערען אַ יונג שטיל דערשראָקען קול, אַ שעפּטשען: „שששאַ... שששאַ... שששאַ...."

— „דאָס איז זיַין מיידעל מיט אַ קינד"...— האָט דאָס יונגעל באַלד אַ טראַכט געטהאָן, און האַלטענדיג די פען אין האַנד האָט ער נייגיעריג, כמעט מיט שרעק, געקוקט אויף די אָנגעשטעלטע פעסלעך נעבען דעם אַלקירעל.

— וואָס קוקסט דו אַהין?— איז ירוחם אָנגעגאַנגען אויפ׳ן יונגעל מיט אַ טענה, איין אָנגעצונדענער.

— גאָר נישט...

— אַז גאָר נישט, בעדאַרף מען ניט קוקען! זי האָט אויסגעבראָכען אַ פוס, טהוט איהר וועה, קוויטשעט זי... קוק ניט אַהין! ס׳איז ניט דיַין עסק צו קוקען אַהין. איך האָב דיר געגעבען צעהן קאָפּיקעס, טאָ זיץ און שריַיב!

— אַז איהר זאָגט מיר ניט, וואָס צו שרייבען!...— האָט דאָס איבער־געשראָקענע יונגעל גענומען פערענטפערען זיך.

ירוחם האָט געשפּרייזט איבער דער שטוב הין און הער אַ געבראָ־כענער, געריבען זיך דעם שטערן, געקראַצט די האָר פון קאָפּ. דערנאָך איז ער דערגאַנגען ביז דעם אויווען, געשטעלט זיך מיט'ן פּנים צום שוואַר־צען אויוועלאָך און שטיל, פאַר זיך, געטענה'ט: „גוואַלד, וואָס האָסט דו צו מיר?“ ענדליך איז ער צוגעגאַנגען צום טיש און אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

— שרייב, אַז זי האָט אויסגעבראָכען אַ פוס! שרייב דעם אמת...

דאָס יונגעל איז רויט געוואָרען, מאָדנע צעמישט אַ קוק געגעבען אויף ירוחם'ען און גענומען שרייבען, וואָס ער האָט איהם דיקטירט:

— האָכגעשעצטע און פיעל געטרייע טאָכטער! דאָס אומגליק, וואָס האָט געטראָפען מיטביילקען, איז אַזוי: זי האָט זיך אויסגעבראָכען אַ פוס... ביים ברונען... אַז זי וואָלט געוועזען אין דער היים, וואָלט איך זי אפשר געקאָנט פערהיטען פון דעם אומגליק... נאָר ביי פרעמדע לייטען, צווי־שען היינטיגע הולטייסקע מיידלעך, ווער זאָל גלויבען, אַז זי וועט אויך ווערען אַזאַ הולטייקע ווי זיי? דאַכט זיך, געוועזען אַזאַ שטילינקע... איצט איז איין אומגליק, איין אייביגע חרפּה אויף מיין עלטער. אויסגעבראָכען אַ פוס... די בזיונות וועל איך מיטנעמען אין קבר. זי זאָגט, אַז דאָס איז פון לייבעלע זרח דעם שמיעד'ס... איצט איז ער אַנטלאָפען קיין אַמעריקע, דער ליידאַק... איך וואָלט איהם געחאַפּט, וואָלט איך איהם געממיתט אויפ'ן אָרט! אַזאַ יונגאַטש! אומגליקליך געמאַכט... זי זאָגט, ער האָט איהר צוגעזאָגט... ער האָט איהר געשוואָרען... נאָר ס'איז באַשערט איין אומגליק... דו פערשטעהסט דאָך, מיין טייערע טאָכטער, וואָס איך שרייב דיר? העלף מיר אויס אין אַ נויט. טהו עס צוליעב מיר. וואָס זאָל איך איצט מיט איהר טהון, מיט דער חצופה? וואוהין זאָל איך זיך אַהינטהון מיט איהר? און וואָס זאָל איך טהון מיט איהר... ס'איז דאָך פאַרדאַן ביי איהר... מיט דעם... מיט'ן אומגליק?... נעם זי צו זיך אין אַמעריקע. זי זאָגט, זי וועט דאָרטען אַרבייטען. אין אַמעריקע וועט קיינער ניט וויסען דערפון... זי זאָגט, אין אַמעריקע פאָהרען אַ סך אַזעלכע, וואָס זיי האָט געטראָפען איין אומגליק, אַזאַ מין סאָרט אומגליק... וואָס האָבען אויסגעבראָכען אַ פוס...

ירוחם האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ מאַכטלאָזער אויפ'ן ביינקעל און איז אַנשוויגען געוואָרען, געקוקט דערביי אין פערלעגענהייט דעם יונגעל אין פּנים אַריין. ער האָט געפיהלט, אַז איצט האָט ער גאָר אינגאַנצען פערפלאָנטערט דעם ענין.

דאָס יונגעל האָט איהם ווײַטער גענומען בעטען:

— לאָמיר שוין שרײַבען, לאָמיר שוין ענדיגען! איך דאַרף געהן אַהיים.

— וואַרט אַ ווײַלע, נאָך אַ ווײַלע... — האָט ירוחם שוואַך געענטפערט.

ער איז אױפגעשטאַנען פונ׳ם בײנקעל און איז איבערגעגאַנגען צו זײַן שוסטער-טישעל און האָט זיך דאָרטען אַוועקגעזעצט אין דער פינסטער. ער האָט בעהאַלטען דעם קאָפּ אין די הענד און איז אַזוי אָבגעזעסען אָהן בעוועגונג אַ היבשע צײַט. אין שטוב האָט זיך ווידער אַ מאָל געלאָזט הערען נור דאָס פלאַטערען פון אַ געפאַנגען פליגעלע ערגיץ אין לאָמפּ.

דאָס יונגעל האָט איצט שוין אינגאַנצען פערגעסען אָן דער זילבערנער מטבע, וואָס ליגט בײַ איהם אין דער זשילעט-קעשענע, און האָט נור געטראַכט, אַז דאָס האָט איהם גאָט געשטראָפט פאַר עפּיס און איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון דעם מאָדנעם יודען. ער האָט זיך דער-מאָנט מיט בענקעניש אָן דער היים. עס איז איהם אױסגעקומען, אַז ער איז שוין לאַנג-לאַנג אַוועק פון דאָרטען. איצט עסט מען אין דער היים וועטשערע, מע קלינגט מיט לעפעל און מיט גאָפּעל, די מאַמע וואונדערט זיך, וואָס ער איז אַזוי שפּעט נאָך ניטאָ... בײַם יונגעל האָבען זיך געשטעלט טרערען אין די אױגען.

— הערט, לאָמיר שוין שרײַבען...

דער אַלטער יוד האָט זיך ניט אָבגערופען און איז געבליבען זיצען אומבעוועגט אויף זײַן אָרט אין דער פינסטער. דאָס יונגעל האָט אַוועק-געלייגט די פען און פערצווײפעלט אומגעקוקט זיך אין אַלע זײַטען. מיט אַמאָל האָט ער זיך ענטשלאָסען, אױפגעשטאַנען פון טיש און צוגעגאַנגען צו ירוחמען.

— הערט, איהר ווייסט גאָר וואָס? איך וועל אָנשרײַבען אַייער טאָכ-טער דעם גאַנצען אמת. איך ווייס דאָך... איך וועל קיינעם ניט דערצעהלען...

ירוחם האָט אין איין אױגענבליק זיך אױפגעהאַפּט, אַוועקגעשטעלט זיך אַקעגען איהם און אָנגעקוקט איהם מיט ווילדע אױגען.

— וואָס ווייסט דו?!

— גאָר נישט... איך ווייס... איך וועל קיינעם ניט דערצעהלען...

— וואָס ווייסט דו, האַ?!

— איך ווייס, אַז זי האָט געהאַט...

— וואָס האָט זי געהאַט?!

— איך ווייס ניט... גאָרנישט...

ירוחם האָט אָנגעהאַפּט דאָס יונגעל פאַר די אַקסלען, גענומען טרייסלען

איהם און געשריען אויסער זיך:

— שיינגעץ! יונגאַטש! וואָס האָסט דו צו מיר?...

— אוי, לאָזט מיך! — האָט זיך געבעטען דאָס אויף־טוידט־דערשראָ־קענע יונגעל. — איך וועל... דערצעהלען מיין מאַמען!

ירוחם האָט צעפיהרט די הענד און אָראָפּגעלאָזט דעם יונגעל אַ פּאָר הילכיגע פּעטש.

— נאַ דיר דערצעהלען דער מאַמען!

אַ ווײַלע איז דאָס יונגעל געשטאַנען אַ בעטויבטער, געקוקט אויף ירוחמען מיט ווילד־פערלאָפענע אויגען און האָט נישט געקאָנט אויס־רעדען אַ וואָרט. זיין אונטערשטע ליפּ האָט מאָדנע געציטערט. ערשט נאָכדעם, אַז ער איז צוגעגאַנגען אַ נידערשלאָגענער צו דער טהיר און האָט מיט ציטעריגע פינגער אָפּגערוקט דעם פעררוקער, האָט ער קוים אַרויסגעשטאַמעלט מיט אַ פערשטיקטען האַלז פון טרערען:

— וואַרט, וואַרט... אַ קריינק... איך וועל דערצעהלען מיין מאַמען... אודאי האָט זי געהאַט... אַדאי'...

ירוחם האָט אַ האַפּ געטהאָן פון טישעל אַ האַמער.

— הער דו! איך פּלעט דיר דעם מח...

נאָר דאָס יונגעל איז שוין געווען אין דרויסען. ירוחם איז געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב אַ צעמישטער. מיט אַ מאָל איז ער צוגעגאַנגען צום אַלקירעל און האַסטיג גענומען אָפּשלעפען די פעסלעך מיט די קאַס־טענס פון דער טהיר.

— וואָס ווילסט דו טהון? — האָט זיך דערשראָקען די אַלטע און זיך אויפגעכאַפּט פון בעט.

ירוחם האָט אויפגעריסען די טהיר און איז אַריין אין אַלקירעל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַרויסגעפיהרט פון דאָרטען זיין טאָכטער, אַ פערשלאָפענע, אַ טוידט־דערשראָקענע, מיט צעוואָרפענע האָר. ער האָט איהר געשטופּט אין די הענד דאָס קישעלע מיט'ן נייגעבוירען קינד און געשריען אויף אַ הייזעריג ווילד קול:

— אַרויס, חצופה! אַרויס, הולטייקע! אַרויס פון מיין שטוב!...

נאָך דער טאָכטער איז אַרויסגעלאָפען אין דרויסען אַ דערשראָקענע אויך די אַלטע. ירוחם איז געבליבען איינער אַליין אין שטוב, ביי דער טהיר. ער האָט שטאַרק צוגעהאַלטען דעם פעררוקער און האָט אינגאַנצען געציטערט מיט די הענד און פיס.

VIII.

אִין דֶער פְרֶעמְדֶע.



אין דער פרעמד.

I.

זאלבעדריט זענען מיר מגולגל געווארען ווייט פון דער היים, ערגיץ אין א שטאדט אין טיעף-רוסלאנד. דאס איז געוועזען איינע פון יענע ווייטע, פערווארפענע טיעף-רוסישע שטעדט, וואו זעלטען-זעלטען טרעט דארטען א יודענס פוס. די עטליכע צעהנדליג יודען, וואס געפינען זיך דארט, זענען צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאנצער שטאדט. א טהייל פון זיי זענען געוועזענע ניקאלאיעווער סאלדאטען, הויכע געגאלטע זקנים מיט געדיכטע וואנסעס, מיט א פינסטערען קוק, מיט א געזונדען שארפען רי"ש אין דער אויסשפראכע; א טהייל פון זיי — רייכע סוחרים ערשטער גילדע, גראב-בייכיגע, מיט גרויסע, פעטע, איינפלוספולע נעז. עס האבען זיך געפונען אין שטאדט אויך א פאר דיפלאמירטע יודען מיט משונה פער-דרעהטע נעמען, עטליכע בעלי־מלאכות פון דער ליטא, וואס האבען שוין לאנג פערגעסען די היים, איין-און-איינציגער כלי־קודש, א שמש, וואס צו דער זעלבער צייט איז ער אויך א קצב, און א דיין, און א שוחט, און א מוכר ספרים, און האלט די מקוה און האנדעלט צו מיט כשר'ע מאקאראנעס. מיט די דאזיגע אלע יודען האבען מיר כמעט קיינמאל זיך נישט געטראפען; בעגעגענען פלעגען מיר זיי אפטמאל, פאהרענדיג אין טראם. אז זיי זענען יודען האבען מיר דערקענט אן דעם, וואס שטענדיג ווענען זיי צעטראגען, האבען קיינמאל קיין צייט ניט, רק זיי איילען זיך

ערגיץ. שטענדיג טאפען זיי זיך ביי די בוזעם-קעשענעס, שלעפען פון דארטען גראבע אנגעפאקטע פארטפעלען, שטעהען זיי ביים סאמע אריינגאנג פון וואגאן, ריידען איינער מיט'ן אנדערען הויך אויפ'ן קול, אזוי הויך און אזוי טומעלדיג, אז א זייטיגער מענש פערשעמט זיך און ווערד רויט ביז איבער די אויהרען.

אלע זאלבעדריט זענען מיר געוועזען פון איין שטאדט, און געטראפען האבען מיר זיך דא, אין דער פרעמד, צופעליג, איין חבר אונזערער איז געוועזען א בעל-מלאכה, א געזונדער, א הויכער, א ברייטביינינגער יונג, א שטילער, א שעמעודיגער, מיט א ווייך גוטהערציג שמייכעלע, וואס האט זיך תמיד געשפיגעלט אין זיין אפענעם מויל, אויף די ווייסע קרעפטיגע ציינער. אין א ליידיגע צייט פלעגט ער אריינקומען מיך צו בעזוכען, און איז אפגעזעסען ביי מיין טיש שטונדען-לאנג, געזעסען און ערנסט געשוויגען, צוגעקוקט זיך מיט דרך-ארץ צו מיין ארבייט. איך האב שוין געהאט גוט אויסגעשטודירט זיין אריינקומען צו מיר: איך פלעג דערקענען זיין קלונג אין טהיר — א שטילער, א פארזיכטיגער קלונג פון איין איבערגעגעבענעם ריעז, וואס תמיד שרעקט ער זיך פאר זיין אייגענעם כח, וואס קיינמאל געטרויט ער נישט זיינע אייגענע ריעזיגע פינגער, טאמער חלילה וועלען זיי אנמאכען פלוצים איין איבערקעהרעניש... דער דאזיגער חבר מיינער פלעגט נישט קומען צו מיר מיט ליידיגע קעשענעס. ביי א געלעגענהייט, אז איך פלעג מיך אפפארטיגען מיט מיין ארבייט, פלעגט ער מיך אפרופען אן א זייט מיט א וואונק פון א פינגער און נעמען שלעפען פון אונטער די פאלעס שטיקער געפעהרליכע טריפה סחורה: ארבייטער-פראקלאמאציעס, טריף-פסול'ען, קליינע געהיימע בראשורען, וואס ווערען געדרוקט גאט ווייסט וואו, אויף א מין וויכען דינעם פאפיראס פאפיער. אנגעטרויט מיר אזעלכע וויכטיגע דאקומענטען, פלעגט דער בחור אפטרעטען אביסעל אהינטער, שטעהן אקעגען און ווארטען, און קוקען מיר גלייך אין די אויגען מיט איין אפענעם מויל, פון וועלכען עס האבען גוטמוטהיג ארויסגעשמייכעלט זיינע געדיכטע קרעפטיגע ווייסע ציינער. און אז איך פלעג ענדיגען לייענען די אנגעטרויטע געפעהרליכע סודות, פלעגט ער שוין מעהר נישט קאנען איינהאלטען אין זיך זיין צופריעדענהייט און פלעגט אויסשיסען פון די ציינער מיט דער גרעסטער ענטציקונג: „פטשע — הע!..." דאס האט אזוי גוט געמיינט, ווי איינער רעדט: „הא, וואס זאגט איהר אויף אונזערע ברידער? אז זיי ארבייטען אפ א שטיקעל ארבייט!..."

מיט דער צייט האב איך ליעב געקראגען דעם דאזיגען בחור. איך האב איהם ליעב געקראגען דערפאר, וואס ער איז שטענדיג געוועזען איינפאך,

גוטמוטהיג און קרעפטיג, איך האָב ליעב געהאַט בשעת ער האָט וואַרים געדריקט מיין האַנד אין זיין אויסגעהאָרעוועטער ברייטביינגער געזונדער האַנד, איך האָב געפיהלט דענסטמאָל די גאַנצע טריישאַפט און הערצליכקייט, וואָס עס פערמאָגט אַזאַ גוטער, איבערגעגעבענער, נאַאיווער ריעז. אָפטמאָל, אין אַ שמועס, פלעגען מיר זיך ביידע פאַרזיצען ביז פאַרנאַכט-צייט. און אַז די זון פלעגט אָנהויבען אונטערגעהן און איהרע לעצטע רויטע שטראַהלען פלעגען זיך אויסלעגען אויף דער סטעלי און אויף די וועגד פון מיין צימער, האָט אונז ביידען אָנגעהאַפט איינע און די זעלבע בענקעניש, איינע און די זעלבע איינזאַמקייט. מיר האָבען דערצעהלט פון דער ווייט-פערגאַנגענער קינדהייט, מיר האָבען זיך דערמאָנט אָן דער וויטער, פערגעסענער היים: שטילע, פערוואָרפענע געסלעך אין די זומערדיגע פאַרנאַכטען, ניעדריגע, אייגעדריקערטע הייזלעך מיט אָפענע פענסטערלעך קוקען אַרויס צו דער ערד, אַמעקען פון בהמות, וואָס קומען אָן פונ׳ם פעלד, באָרוויסע קינדערלעך, יודישע קינדערלעך, מיט די העמדלעך וואָס שטעקען אַרויס פון די שפענצערלעך, זיילען שטויב און רויטע זונענשטראַהלען, שטילער, פרומער, דערשלאָגענער ליטווישער דלות.... מיין בחור פלעגט זיצען אַ פערטראַכטער, ברייט אויפעפענען דאָס מויל פאַר ענטציקונג. עס האָבען געטראָפען מינוטען, וואָס ער איז אויפגעשטאַנען און זיך שטיל געשטעלט ביי׳ם פענסטער אַ גערירהרטער. זיין הויכע ריעזיגע פיגור פלעגט דענסטמאָל ווערען ווי אַייגעדריקערט און קלענער, פונקט ווי איהם וואָלט ווערען מאָדנע וואונדערליך, וואָס נאָך יענער גוטער קינדהייט איז ער מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען אַזוי אומגעלומפערט, אַזוי געזונד און ברייט און הויך, ביז צו דער סטעלי...

דער דריטער בן-עיר אונזערער האָט געהייסען ציבולין. איך האָב איהם נאָך געקענט פון דער היים מיט אַ סך יאָהרען צוריק. דענסטמאָל איז ער אַראָפגעפאָהרען צו אונז ערגיץ פון אַ גרויסער שטאָדט מיט אַ דיפלאָם אויף פראָוויזאָר. מיר זענען דענסטמאָל געוועזען יונגלעך, מיר האָבען נאָך גע־חלומ׳ט וועגען ווילנא, און וועגען פאַלען אַ קרבן פאַר דער השכלה, און וועגען אָנטהון אַ היטעל מיט אַ גלאַנציגען ברילעק, און דער דאָזיגער דיפלאָם האָט געמאַכט אויף אונז אַ געוואַלדיגען רושם. און ניט אַזוי דער דיפלאָם, ווי דאָס הויטע ברייטע העמדעל, וואָס ציבולין האָט געטראָגען, אומגעשפאַציערט אין דעם פראַנק און פריי איבער דער שטאָדט. און ניט אַזוי דאָס רויטע העמדעל, ווי די בעקאַנטשאַפט, וואָס ער האָט געפיהרט מיט דעם גלח׳ס האָרבאַטען שייגעץ, אויף וועמען די גאַנצע שטאָדט האָט עפיס געמורמעלט און געטייטעלט מיט די פינגער... אַז מיר יונגע לייט

פלעגען שפּאַצירען אויסער דער שטאָדט, איז ציבולין בּיי אונז שטענדיג געוועזען דער הויפּט־רעדנער. ער איז געגאַנגען אין מיטען, און מיר, שוואַכע, שעמענדיגע בּעל הבּתי׳שע קינדער, אַרום איהם, פּלאָנטערען זיך בּיי איהם פאַר די פיס, קוקען אויף איהם ווי די אָרימע שעפּעלעך מיט רחמנות־פּנים׳לעך, מיט דרך־ארץ. מיר זענען נאָך דענסטמאָל געוועזען פאַר׳ן פאָלק שטאָהל און אייזען, טיעף אין קינדערשען האַרצען האָבּען מיר נאָך געצערטעלט הייליגע געפיהלען, בּעהאַלטענע טייערע האָפנונגען. נאָר אָט דער ציבולין איז געוועזען אַ האַרטער מענש, איין אַכזר: אַלץ האָט ער אויסגעשפּאָט, אַלץ געבּראָכען און געטראָטען מיט די פיס, געשאָסען מיט פיילען און געלאַכט איבּער אונז הויך און הילכיג.

דערנאָך איז בּיי אונז אָנגעשטאַנען אַ היציגע צייט. בּעל־הבּתי׳שע מיידלעך פלעגען שבּת אָפּטרעטען אונז זייערע געפּוצטע זויבּערע צימערלעך, די טאַטעס מיט די מאַמעס אַליין האָבּען געטראָגען פאַר דעם יונגען דור שטוהלען פון די זאַלען. די מיידלעך, יודישע טעכטער מיט שוואַרצע אויגען, מיט שוואַרצע שטייף־פערקעמטע האָר, פלעגען זיך אויסזעצען אַרום טיש, אָנשפּאַרען די פרישע אונשולדיגע בּעקלעך אויף די הענד, און אַזוי זענען זיי גרייט געוועזען צו אויסהערען אַלץ, וואָס מאַנסבּילען זאָגען, צו פאָלגען, צו אויסאַקערען און געפינען דעם אמת׳ן וועג אין לעבּען. די פּנים׳ער זייערע זענען אָנגעשטעלט ערנסט, שוין צופיעל ערנסט, די אויגען זייערע קוקען געהאָרכזאַם, שוין צופיעל געהאָרכזאַם. אַ קוק געבּען אויף די מיידלעך, האָט מען זיי געקאָנט פערגלייכען צו זייערע אַלטע פרומע מאַמעס, בּשעת אין שוהל זאָגט אַ מגיד און גיסט פעך און שוועבעל אויף דער גאַנצער וועלט. די ווייבּער קוקען דענסטמאָל אַראָפּ פון אויבּען, פון דער ווייבּערשער שוהל, פינטלען מיט די פרומע אומעטיגע אויגען, שאָקלען פאַמעליך מיט די קעפּ און זענען מסכים: „גערעכט, גערעכט, גערעכט“... אויך דאָ איז ציבולין געוועזען דער גאַנצער מאַכער: אַ קליינוואוקסיגער, אַ ריהרעווּדיגער, אַ פלינקער, מיט אַ פּאָר בּרענענדיגע שוואַרצע אויגען, מיט אַ געדיכט־בּעוואָכסענעם, געקרויזטען קאָפּ, איז ער געוועזען בּיי אונז אַ מאַגנעטישער מיטעלפּונקט, געווירקט אויף אונז אַלעמען, געהאַט איבּער אונז די אויבּער־שטע ממשלה. ער האָט אונז דענסטמאָל געפיהרט „צו׳ם פאָלק“, צו׳ם רוססישען פאָלק...

איצט, אַז איך האָבּ איהם בּעגעגענט דאָ אין דער פרעמד, איז געוועזען צו בּעמערקען, אַז ער האָט זיך אַ סך פערענדערט. ער האָט דאָ געאַרבּייט בּיי דער „זעמסטוואָ“ אין אַפּטייק און האָט זיך אומגעפיהרט מיט אַ חבורה רוסישע אַרבּייטער און סטודענטען. נאָר עס איז געוועזען צו דערקענען אָן

איהם, אַז אַמאָליגע היטץ האָט ער שוין פערלאָרען, אַז ער שטופט איצט אַלאַנגווײַליג לעבען, ווי אײנער, וואָס איז פערבונדען מיט אַ שווערער אונאַנגענעהמער פליכט, וועלכע ער מוז אויספילען, אָבער וועלכע וועט איהם סוף=כל=סוף דערעסען.

איך ווײס ניט, ווער פון אונז איז געווען שולדיג אין דעם, נאָר דאָ אין דער פרעמד זענען מיר נאָך מעהר דערווײַטערט געוואָרען אײנער פון דעם אַנדערען. איך בין געווען יונג און ווײכהערציג, ער האָט שוין געהאַט קנײטשען אויפ'ן שטערן און איז פערבליבען דערזעלבער אכזר ווי פריהער. מיר האָבען זיך געהאַלטען אײנער מיט'ן צווײטען קאַלט און העפליך, יעדער האָט געבלאָזען פון זיך, אײַנגעהאַלטען זיך. עס האָט אונז גע־פעהלט די אינערליכע פרײַנדשאַפט. פיעל פרײַער האָבען מיר זיך געפיהלט, בשעת סע איז אונז אויסגעקומען טרעפען זיך צוזאַמען מיט אונזער דריטען חבר, מיט דעם בעל־מלאכה. יענער גוטער פראָסטער בחור פלעגט זיצען מיט אונז און זיך צוהערען מיט אײן אָפּענעם מויל און קלײַבען נחת פון אונז בײדען — און דאָס האָט אונז אַלעמען מקרב געווען אײנעם צו'ם צווײטען, מיר האָבען פרעהליך געשמועסט און פרעהליך געלאַכט, אײן גײַסט האָט אונז אַלעמען פעראײניגט.

אײנמאָל איז אַוועקגעגאַנגען דער ווינטער און עס איז אָנגעקומען אַ יונגער, פרישער פריהלינג. עס זענען געשטאַנען ליכטיגע שטילע טעג, עס האָט געשמעקט מיט יונגען גראָז, אַ גלעטענדיג פריהלינגס=ווינדעל האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט דורך דעם אָפענעם פענסטער, עפּיס אַ פּיאַנאָ האָט ערגיץ אויפגעוואַכט נאָכ'ן ווינטער און געלאָזט ווײכע, טרויעריגע טענער אין דער גאַס אַרײַן. אײן טאָג איז אַרײַנגעקומען צו מיר דער בחור דער בעל־מלאכה און געבראַכט אונטער די פאָלעס פרישע רויטע בראָשורען. איך האָב געפרעגט וועגען ציבולינ'ען. דער בחור האָט מיך אָפּגערופען מיט אַ וואונק פון אַ פינגער אָן דער זײַט און אײַנגערוימט מיר אַ סוד, אַז ציבולין איז איצט שטאַרק פערנומען. ער איז דאָ געוואָרען דער גאַנצער אָנפיהרער בײַ דער חברה אַרבײטער. אַרבײטען אַרבײט ער איצט צוזאַמען מיט זעהר אַ וויכטיג מײדעל, וועלכעס איז אַראָפּגעפאָהרען אַהער ערגיץ פון ווײַט, אָנגעבראַכט מיט זיך גאַנצע פעק מיט גוטע בשורות און האָפנונגען אויף אַ נאָהענטע צײַט. געענדיגט האָט דער בחור זײַן סוד מיט אַ גליקליך גוטמוטהיג שמײכעלע, ווי זײַן שטײגער איז: „פּטשע — העַ!...״

שפּעטער, אַז דער בחור איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען, איז געוואָרען נאַכט, אַ קיהלע, אַ פינסטערע פריהלינג=נאַכט. אַקעגען, בײַ'ם שכן אין שטוב, האָט ווידער געשפּיעלט די פּיאַנאָ. נאָר די פענסטער זענען שוין

דאָרטען געווען צוגעמאַכט. די ווייכע טרויעריגע טענער האָבען זיך געגאָסען ערגיץ הויט, ווייט, אין איין אומבעקאַנט פרעמד לעבען.

איך בין אַרויסגעגאַנגען, געוואַנדעלט איבער דער שטאָדט און בין פערגאַנגען אין דעם הויף, וואו ציבולין האָט געוואָהנט. איך האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ צו דער שטוב — אומעטום איז געווען פינסטער און שטיל, נאָר פון איין פענסטער, פון ציבולינ'ס פענסטער, האָט דורך אַ ווייסען פאָרהאַנג זיך געזייעט אין הויף אַריין אַ העלער בלויער שיין. אויפ'ן ווייסען פאָרהאַנג האָבען זיך יעדע מינוט בעוועגט גרויסע אומגעלומפערטע שאָטענס, הענד האָבען זיך געהויבען מאָדנע געשווינד, געטייטעלט עפּיס מיט מוראדיגע גרויסע פינגער, פונקט ווי זיי וואָלטען עמיצען געסטראַשעט... דאָס האָט מען געאַרבייט די נאַכטיגע אַרבייט. איך האָב מיך באַלד אומגעקעהרט צו זיך אַהיים.

אין אַפּאָר טעג אַרום, שפּאַצירענדיג אין פּאַרק, האָב איך מיך אָנגעטראָפען מיט אַ קאָמפּאַניע רוסישע יונגע לייט און מיידלעך. ציבולין איז געגאַנגען אין מיטען. מיר האָבען זיך אַלע געלאָזט געהן שפּאַצירען אויסער דער שטאָדט. דאָס איז געווען אַ לעבעדיגע, אַ פרעהליכע קאָמפּאַניע פון יונגע הייטץ־קעפּ, מע האָט הילכיג גערעדט און הילכיג געלאַכט. און אַז איך האָב געכאַפּט אַ קוק פון דער זייט אויף מיין חבר ציבולין — האָב איך אין איהם תיכף דערקענט יענעם ריהרעוודיג, פלינק שוואַרץ בחורעל, מיט די ברענענדיגע אויגען, מיט דעם שוואַרצען געקרויזטען קאָפּ, וואָס האָט געהאַט ביי אונז אין דער היים די אויבער־ממשלה אויף בעל־הבתישע קינדער. דאָ איז ער אויך געווען צווישען חברה דער מאַגנעטישער מיטעל־פונקט. ער האָט דערצעהלט, געוויצעלט זיך, געשאַרפט די צונג, די אויגען האָבען ביי איהם געפייערט — און די מיידלעך האָבען פון איהם אָנגעקוואָלען, אויף יעדעס וואָרט זיינס געענטפערט מיט אַ הילכיג פרעהליך געלעכטער. איבערהויפט האָט זיך מיט איהם פערנומען איין מיידעל, וועלכעס מע האָט גערופען „גינאַ“, אַ בליהענדעס, הויך און ברייט געוואַכסען, מיט אונטערגעהאַקטע האָר, וואָס האָבען זיך ביי איהר הפקר'יש געטרייסעלט אויף די אַקסלען. עס איז קענטליך געווען, אַז ציבולין מיט דעם מיידעל זענען בעאַיינפלוסט איינס פונ'ם אַנדערען. נאָך יעדען געלונגען ווערטעל, וואָס ציבולין פלעגט אָפּזאָגען, האָט דאָס מיידעל אויסגעדרעהט צו איהם דעם קאָפּ, אַ בליטץ געטהאָן איהם אין פנים אַריין מיט איהרע פרעהליכע גרויע אויגען, אַזוי אַז דער אָרימער צעהיצטער יודישער בחור איז נעבאַך רויט געוואָרען פאַר פערגעניגען.

מיר האָבען געשפּאַצירט אויסער דער שטאָדט. אַרום אונז האָבען זיך

אויסגעשפּרייט ברייטע פייכטע, נאָך פערוועלקטע פעלדער, ווייט־ווייט, ערגיץ אין עק פונ׳ם האָריזאָנט, אין א בלויליכען דורכזיכטיגען נעבעל, האָבען געדונקעלט די וועלדער. די ערד אונטער אונזערע פיס איז נאָך געווען ווייך פון דעם נישט־לאנג צעשמאָלצענעם שניי, די יונגע צאַרטע זון האָט געגלעט אונז דאָס פנים. אונז אַלעמען האָט אָנגעכאַפּט די פרישקייט פון פריהלינג. מיר זענען געוואָרען שטאַרק פרעהליך, מיר זענען געוואָרען ווי שכור פון אַלעס, וואָס מיר זעהען פאַר די אויגען. מיר האָבען גערעדט הויך, טומעלדיג, און אַלע מיט אַמאָל. מעהר און היציגער פון אַלעמען האָט גערעדט ציבולין. איין מאָמענט, אין רעכטען מיטען בעגייסטערונג, בין איך פּלוצים אַנשוויגען געוואָרען און אַ קוק געגעבען אויף מיין חבר, ווי ער היצט זיך און מאַכט לעבעדיג מיט די הענד. אין דעם מאָמענט האָט ער מיר זיך אויסגעוויזען ווי אַ וואויל־געלערנטער יודישער בחור אין בית־המדרש, בשעת ער פאַקט אַ שווערע סוגיא אין דער גמרא און שפּיעגעלט זיך מיט איהר אַקעגען זיינע שוואַכע אונטערטעניגע חברים... פון דער מינוט אָן בין איך געגאַנגען שטיל צווישען דער טומעלדיגער חברה. מיך האָט דורכגענומען מיט אַמאָל אַ גרויס וואונדער. מאָדנע וואונדערליך איז מיר דענסטמאָל געוואָרען אַלץ וואָס אַרום מיר: די פרעמדע לעבעדיגע, פרעהליכע חברה, דאָס יונגע לעבען זייערס, וואָס שלאָגט מיט קראַפט, די גרויסע ווייטע וועלדער אין דעם דאָזיגען פרעמדען לאַנד און — די ישיבה־בחור׳שע שוואַרצע גרייזלעך, וואָס ביי מיין חבר ציבולין...

עס איז אָנגעשטאַנען דער זומער מיט זיינע היצען. די הייסע חדשים איז מיר אויסגעקומען צו פערברענגען ערגיץ אויסער דער שטאָדט, אין שאָטען פון אַ קליין קאַרשען־גערטעל, ווייט פון מיינע צוויי חברים. קומען צו מיר פלעגט נאָר איינער פון זיי — דער בעל־מלאכה. ער פלעגט ביי מיר זיצען אין ביידעל אין אַ זומערדיגען ברענענדיגען זונטאָג אַ יום־טוב׳דיגער, אַ רויטער, אַ פערסאָפּעטער, ווישען זיך דעם פערשוויצטען שטערן מיט אַ קאָליערטע פאַטשיילקע, קוקען מיט פערלאָפענע אויגען אין מיין זייט, ווי איך לייען זיינע רויטע בראָשורלעך און אַרויסוואַרטען מיט איין אָפּען מויל און מיט שמייכעלדיגע ווייסע קרעפטיגע ציינער, אַז אָט־אָט קומט דער נצחון. פּטשע־הע!... פון דעם צווייטען בן־עיר אונזערען, פון ציבולינ׳ען, פלעגט ער מיר ברענגען גוטע בשורות. אָהאָ! ציבולין איז ווייט פערגאַנגען. די אַרבייט ברענט אונטער די הענד. דאָס מיידעל מיט די אונטערגעהאַקטע האָר, וואָס מע רופט זי „נינאַ״, וואָהנט מיט איהם איצט אונטער איין דאַך. עס איז גאָר אַ סברא, אַז ווינטער וועלען זיך אָט די ביידע אַוועקלאָזען אַלס פאַרפאָלק, אין די ווייטע מדינות, וואו מע דאַרף זיי זעהר נויטיג

האָבען. פון דעסטוועגען, אַהײם, אין דער ליטאָ, לױנט זיך װעגען דעם ניט צו שרײַבען. אַ רחמנות אױף די אַלטע. אַלטע לײַט, קלײנשטעדטעלדיגע, פון דעם אַלטען רעזשים... פּטשע־הע!

מעגליך, אַז מיך האָט פּעראינטערעסירט ציבולינ׳ס נײַע לאַגע, און מעגליך, אַז די לאַנגע זומערדיגע פאַרנאַכטען אונטער דעם שאָטען פון די קאַרשענבױמער און דער רױטער אָפּגלאַנץ פון זונאונטערגאַנג אױף דאָס פײַכטע גראָז און אױף קרומע אַלטע פאַרקאַנעס אַקעגען — האָבען בײַ מיר אַרױסגערופען אַ זכר ערגיץ פון דער װײַטער קינדהײַט אין דער װײַטער הײם. איך האָב עטליכע מאָל זיך געלאָזט אין שטאָדט אַרײַן צו מײַנע בני־עיר. בײַ ציבולינ׳ען פלעג איך שטענדיג טרעפען אין יענע אָבענדען אַ יונגע אַלעבעדיגע קאָמפּאַניע. דאָס זענען אַלץ געװען הױכע ברײטבײניגע פערװאָקסענע יונגען, מיט ברײטע פּנימ׳ער, מיט דרײסטע קאַרע אױגען, מיט פרײַע בעװעגונגען און מיט אַ פרײַען ברײטען שפּאַן. אױפ׳ן טיש בײַ אָפענע פענסטער, האָט שטענדיג געזאָדען דער סאַמאָװאַר. מע האָט זיך געװאַלגערט אַלע אינאײנעם אױף אַ גרױסען װײכען דיװאַן, מע האָט געטרונקען טײ, מע האָט געזונגען, מע האָט געזונד און הילכיג געלאַכט. אונטער׳ן טיש פלעגט תמיד זיך פּלאָנטערען אַ שװאַרץ מאָגער הינטעל, אַ שטילס, אַ פערטראַכטס, װאָס פלעגט אַרײַנרוקען די מאָרדע יעדען אײנעם צװישען די קניע, מעשה־חבר, און שמעקען און שנאָרכען און אַרױסנודען די נשמה. דאָס דאָזיגע הינטעל האָט מען גערופען מיט אַ מאָדנעם נאָמען: „טעאָרעטיק".

איצט האָב איך געהאַט די מעגליכקײַט בעסער זיך צוקוקען צו׳ם מײדעל מיט די אונטערגעהאַקטע האָר, װעלכעס האָט דאָ געשפּילט די ראָלע פון אַ בעל־הבית׳טע. קײן סך לערנען איהר פּנים האָט מען ניש בעדאַרפט. אַ געזונדע הױכע פרױ, אַ פּשוט׳ע שענהײַט, אַ דאָרפישע. בשעת מע רעדט צו איהר, מאַכט זי צו אײן אױג און הערט און בעקומט אַײן אונגעטרױליך חיטרע פּנים, און אַז זי פערטראַכט זיך, לײגט זי צענױף בײדע הענד הױך איבער דער ברוסט און זשמורקעט די אױגען צו׳ם געדאַנק, װאָס גיט זיך איהר אײן זעהר שװער. דאָס איז געװען אײנע פון יענע דאָרפישע נאַטורען, װאָס װי באַלד זײ האָבען זיך שױן מיט גרױס מיה אַרױסגעשלאָגען אױפ׳ן אמת, װעט מען זײ שױן פון איהם ניט ריהרען אױף אַ האָר. איך װײס ניט, אױב זי איז געװען צופרידען מיט אונזערע בעזוכען. עפּענענדיג אונז די טהיר, פלעגט זי קאַלטבלוטיג אַ זאָג טהון: „אַה!" — און געבען אונז די לינקע האַנד.

ציבולין אַלײן איז עפּיס װי אַנדערש געװאָרען צװישען אָט דער חברה.

ער איז געזעסען צווישען זיי אויפ'ן ווייכען דיוואַן, אין טומעל און געלעכטער, ווי אַ געפאַנגענער. דאָס מיידעל האָט איהם שוין מעהר ניט געבליצט מיט די אויגען אין פּנים אַריין. עפּיס איצט, מעהר ווי אַלע מאָל, איז געוועזען דייטליך צו בעמערקען, אַז זי איז געוואַקסען הויך און ברייט און קרעפטיג, און ער איז אַ קליינער, אַ שוואַכער, אַ געקרייזעלטער יודישער יונגערמאַנטשיק. דערצו נאָך האָט ער געקראָגען אַ מאָדנע טבע: פינטלען מיט די שוואַרצע אויגען און געשווינד צופּען די וואָנסעס מיט צוויי פינגער. זיין כעס פלעגט ער שטענדיג אויסלאָזען מיט די שטיוועל אונטער'ן טיש צו'ם שוואַרצען מאָגערען „טעאָרעטיק". וואָס האָט ער געהאַט נעבאַך צו אַזאַ שטילע און פערטראַכטע נשמה, ווי „טעאָרעטיק"? דאָס מיידעל מיט די אונטערגעהאַקטע האָר פלעגט קוועטשען מיט די פּלייצעס און אונטערשמייכלען גראָבליך.

וואָס איז דאָס געוואָרען מיט ציבולינ'ען? ער האָט אויפגעהערט צו רעדען און צו דרשה'נען. דאָס געשפּרעך אויפ'ן ווייכען דיוואַן האָט זיך שטענדיג געפיהרט פרעהליך און טומעלדיג. דאָס רוב האָט חברה זיך דערמאָנט אָן די קינדער־יאָהרען און אָן דעם נאַאיוועז דאָרף — און עס האָט זיך אָפּגעגעבען אַ ווייטער אונבעקאַנטער ריח פון פרישער פייכטער ערד, פון גרינע סאָסנאָווע וועלדער, פון ליכטיגע פרעסטיגע נעכט ערגיץ אויף אַ בערגעל ביי אַ קלויסטער, פון צעהיצטע צעיאָגטע פערד אויף אַ ווייטען ברייטען שליאַך, פון שווערע פעט־אָנגעשמירטע פויערשע שטיוועל... מיר זאַלבעדריט, יודישע קינדער, אָפּגעפרעמדטע פון דער ערד, אָפּגעריסענע נאַקיטע נעזונד'ניקעס, ווילדע, פערוואָגעלטע נשמות, מיט ווילדע געדאַנקען, מיט אַ רויך אין קאָפּ, פלעגען אין אַזאַ צייט אַנשטומט ווערען, ווי דאָס לשון וואָלט אונז אָפּגענומען. אונזער חבר דער בעל־מלאכה פלעגט זיצען אָן דער זייט פערקלערט מיט איין אויסגעצויגען פערוואונדערט פּנים, דאָס מויל אָפען, די ווייסע קרעפטיגע ציינער אויסגעשטעלט, נאָר דאָס שמייכעל פון זיי איז פערשוואונדען. איין ציבולין נאָר האָט לאַנג נישט געקאָנט איינזיצען. אין איהם פלעגט זיך אָנצינדען דער היציגער „עלוי" מיט'ן לעבעדיגען געקרייזעלטען קאָפּ. ער פלעגט האַסטיג אומשפּרייזען איבער'ן צימער, אָפּשטעלען זיך אַקעגען חברה און פון העלער הויט אָנהויבען ברייען אַ מעשה, אַ היימישע מעשה, אַ פּעפּערדיגע, אַ מעשה, וואָס האָט איינמאָל געטראָפען מיט „צוויי זשידקעס"... דאָס וואָרט „זשידקעס" פלעגט זיך ביי איהם אַראָפּגליטשען פון דער צונג גלאַט און פריי, אפשר נאָך גלאַטער און פרייער, ווי עס איז מעגליך. מיינען האָט מען בעדאַרפט, אַז דער מענש רעדט עס מיט אַ גרינג האַרץ. אין דעם האָט אפשר געשטעקט דער גאַנצער פּעפּער — דער פּעפּער איז אָבער געגאַנגען פערלאָרען. חברה פלעגען זיך איבערקוקען, ווי געשטערטע סאַמע אין מיטען,

און אָפּענטפּערען אויף דער פרעמדער מעשה מיט אַ שוואַכען געלעכטער. ציבולין אַליין פלעגט נאָכדעם שמייכלען מיט אַ צעטראָגען רחמנות־שמייכעלע, טרוקען אָפּהוסטען, אַוועקגעהן צום אָפענעם פענסטער און אַרויסקוקען אין גאַס אַריין. דאָס מיידעל פלעגט איהם דעמאָלסטמאָל נאָכקוקען מיט איין צוגעמאַכט אויג. איין אָבענד, נאָך אַזאַ מעשה, האָט דער שטילער פערטראַכטער „טעאָרעטיק" פּלוצים יאָמערליך פערקווייטשעט אין אַ פינסטערען ווינקעל. איך בין צוגעגאַנגען צו ציבולינ׳ען און געוואָלט מיט איהם פערפירען אַ געשפּרעך. ציבולין האָט שטום געצופּט מיט צווי פינגער די שפּיצען פון זיינע וואָנסעס. מיט אַמאָל האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו מיר, מאָדנע אַ קרים געטהאָן מיט די ליפּען און אַ וואונק געטהאָן מיט׳ן קאָפּ אַהינטער:

— פאַניע.....

איינמאָל, אַ זונטאָג, איז צו מיר געקומען אונזער חבר דער בעל־מלאכה אַ צעטראָגענער. ער האָט געבראַכט אַ טרויעריגע בשורה: ציבולין האָט בעקומען אַ בריעף פון דער היים, אַז זיין מוטער איז געשטאָרבען. איצט ליגט ער קראַנק צו בעט. ער האָט מיר דערצעהלט נאָך וואונדערליכע זאַכען: „נינאַ" פאָהרט אַוועק אַהין, וואו מע בעדאַרף, איינע אַליין, אָהן ציבולינ׳ען. פאַר וואָס — פערשטעהט ער ניט... ווידער האָט מיר דער בחור דערצעהלט, אַז בשעת ציבולין האָט בעקומען פון דער היים דעם בריעף, האָט ער איהם געשיקט רופען צו זיך. „נינאַ" האָט דעמאָלסטמאָל גענומען רעדען וועגען דעם, אַז אונזערע מענשען קאָנען זיך בעגעהן אָהן מאַמעס, אַז אָט האָט זי מיט איהר טאַטע און מאַמע זיך אָפּגעזעגענט אויף שטענדיג. און ציבולין האָט געקלאַפּט מיט׳ן קולאַק אין טיש, אַז איהם איז קיין זאַך נישט טהייער, אַז ביי איהם איז געשטאָרבען אַ מאַמע, אַ ליבליכע מאַמע, און אַז זיין מאַמע איז ניט פון וויאַטקע... פטשע־הע!

מיר זענען ביידע אַוועקגעגאַנגען צום חולה. די טהיר האָט אונז געעפענט יענעם מיידעל מיט די אונטערגעהאַקטע האָר. דערזעהן אונז, האָט זי קאַלט אַ זאָג געטהאָן: „אַה!" — געגעבען אונז די לינקע האַנד און תיכף ערגיץ נעלם געוואָרען אין די צימערען.

מיר זענען אַריין צום חולה. ער איז געלעגען אויפ׳ן בעט צוין אָפּגעצעהרטער, אַ בלאַסער, אַ שוויינעדיגער, און געקוקט אין דער לופטען מיט גרויסע מידע אויגען. דערזעהן אונז, איז ער אַביסעל ווי צעמישט געוואָרען, אַרויסגענומען פון אונטער דעם בעט־טוך אַ בלאַסע מאָגערע האַנד, און בשעת מעשה האָט זיך איהם דאָס פנים מאָדנע אויסגעקרימט מיט אַ רחמנות־שמייכעלע. ער האָט געפּרובט זאָגען ווערטלעך, נאָר עס האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען. ער איז געווען עפּיס צעטראָגען און האָט

אַלע ווײַלע אומרוהיג געקוקט אויף דער טהיר. איך האָב אויך געקוקט אויף דער טהיר.

— האַ, אפשר איז אַ פּלאַן נעמען דאָס ביסעל וועש און אַריבערפּעקלען זיך אַהין, וואו אַלעמען איז גוט?... — האָט זיך דער חולה געווערטעלט, דערבײַ אוננאַטירליך געשמייכעלט.

עס האָט זיך געעפענט די טהיר און אין צימער איז אַרײַנגעקומען נינאַ, אָנגעטהאָן אין אַ היטעלע מיט אַ שירם אין האַנד. מיר זענען אַנשוויגען געוואָרען, סע איז אונז אַלעמען געוואָרען אונבעקוועם, ציבולין האָט זיך נערוועז אַ דרעה געטהאָן אויפ'ן בעט, אויסגעשטרעקט זײַן בלייכע האַנד און גענומען פיהרען מיט'ן פינגער איבער דער וואַנד, געמאַכט דערבײַ אַ קאַלט, גלײַכגילטיג פּנים. און פּלוצים האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צו אונז, צו מיר און צום בחור, און פון דער העלער הויט אָנגעהויבען ריידען יודיש, אויסגעזוכט עפּיס פּסוקים פון תנ"ך, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. נינאַ האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם פערוואונדערט און איז צוגעגאַנגען צום טיש, געשטאַנען אַ ווײַלע, געשפּיעלט זיך מיט די פלעשלעך רפואות, עפּיס גראָבליך געשמייכעלט פאַר זיך. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אָנגערופען צו אונז:

— מײַנע הערדען יודען, איך שטער אייך... — און איז תיכף אַרויס פון צימער. פון קאָרידאָר האָט זיך געהערט, ווי מע האָט געעפענט די טהיר, מענשען האָבען זיך עפּיס געשושקעט, דערנאָך — אַ האַרט, קאַלט געלעכטער פון דעם מיידעל, אַ קלאַפּ מיט דער טהיר. ציבולין האָט זיך איינגעהערט און שטום אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, פערריסען דעם קאָפּ צו דער סטעלי און איז געבליבען ליגען אונבעוועגט, געקוקט מיט מיעדע שטאַרע אויגען אין דער לופטען. אַ פּאָר מינוטען איז אין צימער געווען שטיל. ציבולין האָט זיך מיט אַ מאָל אַ הויב געטהאָן פון בעט און ערביטערט אַ שפּײַ געטהאָן:

— טפו, אַ פּאַסקודנע לעבען!...

אַז ער איז געזונד געוואָרען, האָט ער אָנגעהויבען אָפט אַרײַנקומען צו מיר. ער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען און פערלאָרען זײַן גאַנצע ריהרעוודיגקייט. איצט האָט ער ווידער געשטופּט אַ לאַנגווייליג לעבען, נאָר איהם האָט שוין געפעהלט די געדולד דערצו. ער פלעגט אַרײַנקומען צו מיר אַ מיעדער, אַ בלייכער, אַיין אָפּגעשוואַכטער, און באַלד בײַם אַרײַנקומען פלעגט ער זיך אַ וואָרף געבען אויף דער סאָפע, אין הוט, מיט'ן שטעקען אין האַנד. און אַזוי פלעגט ער אָפּליגען אַ צײַט, קוקען אין דער לופטען, געהאַט דערבײַ אַ געפּײַניגט, פערביטערט, אויסגעקרימט פּנים, ווי איינער וואָס האָט

נאָר וואָס אַיינגענומען ריצין־אייל. אָפּטמאָל, ליגענדיג אַזוי, פלעגט ער פלוצים זיך אַ קעהר טהון צו מיר און אָנזאָגען אַ בשורה:

— געכטען האָב איך זיך אָפּגעוואַלגערט אַ גאַנצע נאַכט אין שיינק...

נו־נו, האָבען מיר עס, ניט צו פערזינדיגען, אַביסעל שכורים אין אונזער היילינגען רוסלאַנד!

II.

עס איז געווען אַ וואָלקענדיגער הערבסט־טאָג. עס האָט געשפּריצט אַ דין רעגענדעל, געזיפּט זיך איבער די שויבען. עס האָט געבלאָזען אַ קאַלטער ווינד און געטרייסעלט די בוימער בײַ׳ם פענסטער. געלע, פער־וועלקטע בלעטער, פערוואָגעלטע, געיאָגטע, האָבען זיך געדרעהט איבער די שטיינער פון ברוק. איך בין געזעסען בײַ׳ם פענסטער און שטום געקוקט אין דער ליידיגער גאַס אַרײַן. עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טהיר און צו מיר זענען אַרײַנגעקומען מײַנע ביידע שטאָדטלײַט, ביידע אָנגעטהאָן אין וואַרימע בגדים, ביידע מיט שטעקענס. אין צימער האָט תיכף אַ שלאָג געגעבען דער פרישער נאָר־וואָס געבוירענער ריח פון ווינטער און פון רעגען.

— מיר האָבען הײַנט יום־כפור אויף דער וועלט, און אָט דער חברה־מאַן זיצט זיך בײַ׳ם פענסטער. זאָל דאָס איהם גאָר אַהרען, וואָס טאַטע־מאַמע רײַסען הימלען אין דער הייס.

אַזוי האָט אָפּגעזאָגט ציבולין און שווער אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער סאָפע איין אָנגעפּעלצטער אין מאַנטעל, מיט׳ן שטעקען אין האַנד. דער צווייטער דער בעל־מלאכה, האָט געשמייכעלט מיט אַ פריש, גוטמוטהיג פנים. ציבולין האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דער סאָפע און גענומען ריידען שוואַך און הייזעריג:

— מיר זענען געווען דאָ אין בית־המדרש, געוואָלט אויסקלאָגען אַביסעל דאָס האַרץ פאַר׳ן בייזען גאָט... נו־נו, אַ בית־המדרש! אַז מע געהט אַהין אַרײַן, דערפילט מען באַלד, אַז מע איז בײַ פּאָניען אין אַ קאַנצעלאַריע. דו ווייסט דאָך אַ קאַנצעליאַריע — וואו עס זיצען שרײַבערלעך אויף לעדערנע קישעלעך און קאַלופּען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקײַט די לאַנגע, שמוציגע נעגעל?... אָט אַזאַ בית־המדרש איז דאָ. אָרים און וואָכעדיג! עס שטעהען יודען מיט ציידענע שאַלעכלעך אויף די העלזער, די פּנים׳ער גע־

גאָלטע, פּעטע, קעלבערנע, די וואָנסעס לאַנגע, האַרטע, האָטש נעם און זעג זיי מיט אַ זעג! ביי וועמען האָבען זיי עס געירשענט אָט די וואָנסעס, וואָלט איך וועלען וויסען! און אָט אַזוי שטעהט זיך יעדער יוד אין אַ באַזונדערען ווינקעל, פּאַרעט זיך פויל, פּאַוואָליע, אין דעם קליינעם מחזור'על און זוכט דאָרט אַ נעכטיגען טאָג... און דאָרטען, ביי'ם עמוד, אויף דעם סאַמע נאָהענטען אָרט צו גאָט, האָט מען אַוועקגעשטעלט עפּיס איין אָרימען יודען, ער זאָל זיין אַ מליץ יושר פאַר זיי. מע האָט אַראָפּגעבראַכט איין אָרימען, אַ קראַנקען יודען פון דער ליטאַ, נעבאַך אַ מלמד, אַ טוידטער מענש, אַ שווייגער, מע האָט איהם געהאַפּט און צוגעשטופּט צום עמוד. און ער פּאָלגט זיי, צעלאָזט די דאַרע הענד, קוואָקעט מיט די לעצטע כחות, קוואָקעט ווי אַ הוהן פאַר דער גסיסה... דער שמש, מיט אַ פּנים פון אַ קצב, איז אַראָפּ אונז אַקעגען פון דער בימה און מיט אַ וואונק פון אַ פּאָליציי־מאַן בעוויזען אונז, וואו מיר קאָנען זיצען. אַי, האָט זיך מיר געוואָלט אַריינפּאָהרען איהם אין זיין קצב'יש פּנים!

— וואָס ווילסט דו? וואָס ביזט דו אַזוי גזלן? — האָב איך מיך געוואונדערט.

— וואָס וויל איך? טפו, אין אַלדי שוואַרצע יאָהר! זעהר אַ מיאוס לעבען... איך ווייס וואָס איך וויל? עס איז פּאַסקודנע! עס ווילט זיך מיר איצט זיין אַ קליין יונגעלע אין דער היים, שטעהן אין בית־מדרש בעהאַלטען אונטער דעם טאַטענס טלית, אונטער דעם טאַטענס וואַרימען באָרד, אין דער פינסטער. ביי אונז אין בית־מדרש שטעהען אַלע צוגעיפּגעפּרעסט, איינער נעבען דעם אַנדערען, סע איז אונז אַלעמען היים, סע איז אונז אַלעמען גוט. איך שטעה אַ פּערוואונדערטער אין דער פינסטער, אין דער וואַרים, און פּלוצים גיט מיר אַ בריה אין האַנד אַריין מיין טאַטענס אַ שטילע, זודיגע טרער...

איך האָב געקוקט אויף ציבולינ'ען ערשטוינט. ער האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער סאָפע, געלייגט זיך אויף אַ זייט, איינגעצויגען דעם קאָפּ טיעף אין קאָלנער פונ'ם מאַנטעל און שטום געקוקט אויף דער פּאָדלאָגע. אונזער חבר דער בעל־מלאכה האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל, אויסגעגלאָצט די אויגען אין דער לופטען, געעפּענט דאָס מויל און דאָס פריהערדיגע שמייכעל איז ביי איהם פערגליווערט געוואָרען אויף די ליפּען.

— איהר הערט, קינדער, וואָס איך וועל אייך זאָגען? וואָס וועלען מיר אויסזיצען דאָ, אין דער פרעמד? וועמען האָבען מיר דאָ? וואָס וועט זיין דער תכלית פון אונזער לעבען? אונזערע היילינגע אַרבייטער וועלען דאָ, כלעבען, קאָנען בעשטעהן זייער שטעדטעל אויך אָהן אונז, משטיינס

געזאגט, יודישע אינטעליגענטען... לאמיר זיך בעסער אויפהויבען און מאכען א ויברח צוריק אהיים, אין דער ליטא, צו אייגענע ברידער... התונה האבען דארטען... עהמא, ווי איך בין א יוד!

ציבולין האט זיך אויפגעחאפט האסטיג פון סאפע און גענומען שפרייזען איבער'ן צימער אויפגערעגט, פערביטערט מיט ארונטערגעלאזטע אויגען צו דער ערד.

— ווי? ווי אזוי קומען מיר אהער? וואס טהוען מיר דא?... — האט ער ווייטער געשטענה'ט. — מיט א פאר טעג צוריק בין איך געפאהרען אין טראם. מיט מיר זענען געפאהרען נאך צוויי יודען, איינער א דאקטאר און דער צווייטער א יוריסט. זיי האבען צווישען זיך געשמועסט. האט זיך אוועקגעזעצט אקעגען זיי נאך איינער, א רוסישער, א איין עכט־רוסישער, א גאנץ אנשטענדיג מענשעל, מיט דינע בלאסע ליפען, מיט א פאר דינע דורכזיכטיגע בלאנדע וואנסעס. דער רוסישער האט, דאכט זיך, אפילו גאר ניט געקוקט אין דעם ווינקעל פון די יודען און, דאכט זיך, אפילו גאר נישט געהערט, וואס זיי ריידען. נאר גענוג איז געווען א קוק צו געבען אויף זיינע דינע שטייף־צענויפגעלייגטע ליפען און חאפען א קוק אויף דעם יודען דעם דאקטאר, אויף די געדיכטע וואנסעס זיינע, אן וועלכע מען קאן דערגעהן, וואס פאר א מאכלים מע דערלאנגט ביי איהם צו'ם טיש, און אויף זיין אויסגעבויגענע פליישיגע נאז וואס פייפט און סאפעט אין דער רוסישער שפראך: פכא — גכעם.... קול־טו־כא... וואס האט גע־קאנט טראכטען אט דער דאזיגער רוס מיט די דינע ליפען? — אז די יודען זענען א פאלק א מנוול, וואס אלעס צעקרימען זיי, אלעס פערדארבען זיי. איך פרעג אייך, וואס האט געטראכט דער דאזיגער רוס, זעהענדיג ווי זיין שפראך, די שפראך פון דער ברייטער וואלגא, איז אריינגעפאלען אין אונזערע א יודישע נאז?... וואס דארפט איהר א סך, אט שטעהט פאר אייך א לעבעדיג טרויעריג סימבאל. איך בין חיים קוואסניק'ס א זוהן, מיין נאמען איז ציבולין, א גאנץ פיינער יודישער נאמען, נעם איך און פערבינד מיך מיט א וויאטקער שיקסע, א טאכטער פון א קאצאפישען קרעטשמער. טפו... איהר הערט, קינדער? וואס טהוט מען? ס'איז פאסקודנע! סיידען נעמען און ווערען צו אלע צרות איין אנטיסעמיט!...

מיר האבען גערעדט ביז שפעט. עס איז אונז היים געווארען אין צימער, וועלכעס איז איצט פול געווען מיט אבענד־שאטענס. אין א ווינקעל, ארום דער סטעלי, האט געציטערט א רויטער פלעק — דאס אפשלאגען פון די בלוט־רויטע פארנאכטיגע הערבסט־וואלקענס. מיר זענען ארויסגעגאנגען אין דרויסען. דער ווינד מיט'ן רעגען האבען אויפגעהערט, נאר דאס לייב

האָט געשוידערט אין דער פײַכטער פוילער לופט. עס איז שוין געווען הערבסט. דאָרט ערגיץ, אין דער ווײַטער היים, שטעהען איצט יודען בײַ דער נעילה, עס ציטערט בײַ זיי יעדער אבר, גאָט איז איצט מורא׳דיג, גאָט איז פאַרכטיג, מע איילט זיך ראַטעווען, די טויערען פון הימעל שליסען זיך באַלד צו...

מיר זענען געשטאַנען אַלע זאַלבעדריט אין מיטען גאַס און שטום צוגעקוקט די ליידיגע פײַכטע טראָטואַרען, די בוימער ווי זיי רירען זיך ניט, די אַראָבגעפאַלענע פערוועלקטע בלעטער, די פערשטויסענע, פערוואָגעלטע הערבסט־יתומים. אין האַרצען האָט עפּיס געדריקט גאָט ווייס וואָס פאַר אַ מאָדנע שטילע טרויער. פרעמד! פרעמד! אָט שטעהען מיר דאָ אין דער פרעמדער גאַס זאַלבעדריט, דרײַ יודישע בחורים, אָנגעפאָהרען ערגיץ פון דער ליטאָ, אָפּגעריסען פון לעבען, איינזאַמע. ווער קאָן וויסען אונזער טרויער?

ציבולין האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו אונז:

— ניין, איך געה נישט מיט אייך! איך ווייס ניט, וואָס זאָל איך טהון? עס געהען לאַנגע ווינטערדיגע נעכט... וואָס זאָל איך טהון? איהר הערט, מיר איז אַזוי מיאוס געוואָרען דאָס לעבען דאָ, דער בראָנפען; די גוי׳שע שיקסעס מיט זייערע פלאַטשיגע מחות, מיט זייערע פלאַקסענע האָר!

אַז איך בין געבליעבען מיט מײַן חבר דעם בעל־מלאכה און אומגעגאַנגען איבער די שטילע גאַסען פון שטאָדט, האָט מיר דער דערצעהלט, אַז ער ווייסט ניט, וואָס איז דאָס געשעהן אַזוינס מיט ציבולינ׳ען די לעצטע צײַט. גאַנצע נעכט זיצט ער אין אַפּטייק און שפּיעלט אין קאָרטען מיט זײַנע געהילפען. ער פיהרט זיך איצט אויף משונה מאָדנע, ער איז געוואָרען זעהר נערוועז. איינמאָל אויף אַ פערזאַמלונג, אויף זעהר אַ וויכטיגער פערזאַמלונג, האָט מען בעטראַכט זעהר אַ וויכטיגע פראַגע. איז אויפגעשטאַנען ציבולין און האָט גענומען זידלען איינעם זעהר אַ וויכטיגען אַרבייטער. ס׳איז אַרויסגעקומען אַ מורא׳דיגער סקאַנדאַל. איינער אַ סטודענט האָט דענסטמאָל הויך פאַר אַלעמען געזאָגט, אַז ציבולין וועט נאָך מיט דער צײַט ווערען אין בערדיטשעוו אַ „וואָכערניק" בײַ זײַנע יודען...

דער עהרליכער גוטער בחור איז געווען שטאַרק געערגערט דערפון. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַקעגען מיר, צעלאָזט די הענד, געקוקט פערוואונדערט מיט זײַנע נאַאיווע קינדערשע אויגען, ווי איינער זאָגט: „ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט עפּיס העלפען דערצו"...

אַז סע איז גוט פינסטער געוואָרען, זענען מיר פערגאַנגען צו ציבולינ׳ען אויף דער וואָהנונג. די טהיר האָט אונז געעפענט דעם בעל־הבית׳ס זוהן,

א סטודענט. נאך שטעהענדיג אין קארידאר, האב איך מיך פערוואונדערט: פון ציבולינס צימער האט זיך געלאזט הערען א וויינענדיג קול, איין אלט־בעקאנטער געזאנג פון ימים־נוראים'דיגע תפילות.

דער סטודענט, וואס איז אונז ארויס אקעגען מיט א ליכט אין האנד, האט געלאכט:

— זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס איז דאס היינט געווארען מיט אלעקסיי יעפימאוויטשען? א זינדיגע נשמה! א גאנצען אבענד נאר ער טהוט תפלה! וואס פאר א יום־טוב איז ביי אייך היינט — אט דער, וואס מע שלאגט דעם פערסישען שאך, — חא—הא—הא?...

מיר זענען צוגעגאנגען צו ציבולינס צימער. דארט איז געווען פינסטער. ציבולין האט ערגעץ אינוועניג געציקעלט זיך אויפ'ן האלז, פערגאנגען זיך, געמאכט חזנישע אנשטעלען, מיט א געבעט, מיט הארץ. צייטענווייז איז ביי איהם דאס קול געווען פערשטיקט.

אוי־אוי־אוי... אלהי אבר—הם.
אוי.... ותגער בש—טן...
לבל... יש—טי—נ—ני...

איך האב אנגעקלאפט אין טהיר און אריינגעגאנגען. נאך מיר זענען אריין דער בחור און דער סטודענט מיט'ן ליכט. ציבולין איז געלעגען אין דער פינסטער אויפ'ן בעט. ער האט אפנים נישט געהערט ווי מיר זענען אריינגעגאנגען אין צימער, ווארום ער האט א ציטער געטהאן, אויפגעהויבען פון קישען א צעשויבערטען קאפ און א ווילדע אנגעקוקט אונז ווילד און הערשראקען.

אז דער סטודענט איז צו איהם צוגעגאנגען מיט'ן ליכט, האב איך זיך גוט איינגעקוקט אין זיין פנים. ער האט געפינטעלט מיט די אויגען פאר דעם ליכט; אויף די ברעמען האבען ביי איהם נאך געפונקעלט טרערען.

IX.

דֶער גְרִינֶעְר

דער גריגער

(פון אמעריקאנער לעבען.)

איהר פרעגט, צי בין איך א „גרינער"? יא, ברוך-השם, א גרינער.
ערשט א פאר וואכען, אז איך בין אראב פון שיף — און בין שוין גרין
און געל געווארען אין אייער אמעריקע. נישטא נאך דערוויל וואס צו
טהון, געהט מען ארום אין „שטריט", אין גאס הייסט עס. וואס, איהר
ווילט א ביסעל שמועסען מיט מיר? אך, מהיכא-תיתי. זעהר אנגעלעגט!
אך—אך—אך! נא, נא, אמעריקע! א מאדנע שטאדט אט די אמעריקע,
א גוואלדאוונער כרך! הערט איהר, אז איך האב דאס ערשטע מאל א קוק
געגעבען אט אויף דער אמעריקע פון דער ווייטען, נאך פונ'ם שיף, איז
מיר איינגעפאלען דאס בלוט. איך האב געמיינט, חס ושלום, אז די שטאדט
ברענט. עפּיס א קלייניגקייט ביי אייך — אזא רויך?! א טומעל מיט א
רויך!... מעהר פאסט ניט פאר מיינע צרות, אז אראבפאהרען אהער פונקט
אין דער מינוט בשעת אמעריקע ברענט! איך בין, ברוך-השם, אזוי אנגע-
לערענט מיט די שרפות, אז נאר וואס עפּיס— דאכט זיך מיר, סע ברענט!
דאס קום איך דאך איצט צופאהרען פון ליכאגרודאק. טאקי אליין א ליכא-
גרודקער. איהר האט דאך מסתמא געהערט די מעשה פון ליכאגרודאק,
וואס איז היינטיגען זומער, נישט פאר קיין יודישע קהלה געדאכט, אוועק מיט'ן
פייער? געווארען א בארג אש פונ'ם שטעדטעל. יודען, פיינע בעלי-בתים,
לומדים, קרעמער, זענען ארום אין איינע העמדער און זיך געלאזט געהן
איבער דער וועלט, טאמער וועט גאט פארט רחמנות האבען. אונזער רב

זאָל געזונד זיין מיט, להבדיל, דעם אַפּטייקער האָבען וועגען דעם אַריינ=
געשריבען אין די בלעטער. מבינים האָבען דערפון געלעקט די פינגער. געו=
ווען אַ פערגעניגען צו לייענען. מיט די העכסטע משלים, מיט די טיעפסטע
פסוקים פון תנ״ך. אַלץ — אָנאַ איך בעט דיך, הה וועהגעשריגען!...
מילא, דאָס בין איך אייך מוחל. איך אַליין בנאַטור בין אַ שוואַכער
מענש, אַ ביישן. דאָס איז שוין ביי מיר אַ ירושה=זאַך — פאַרפאַלען!...
איך האָב ניט געקאָנט פועלען ביי זיך אויף דער עלטער אַראָבוואַרפען די
בושה פון פנים און האָבען צו טהון אין דער פרעמד מיט כתבים פון
רבנים, מיט געשיכטעס, מיט אינטערעסען. האָב איך גענומען דעם טלית
און תפילין און מיך געבראַכט צו שלעפען אַהער קיין אַמעריקע. איך
האַלט מיך דאָ אויף ביי מיינעם אַ שוואָגער, זאַוויל הייסט ער. ער שטעהט
טאַקי דאָ נישט ווייט מיט אַ טישעל, פערקויפט יאָדער מיט „סיעמעטשקעס״,
ווייס איך וואָס, קיי און שפיי!... פונדעסטוועגען, וואָלט איך אַ בעלן
געווען, איהר זאָלט איהם אָנקוקען שבת אין דעם קאַפּעליוש מיט׳ן גאָלדע=
נעם זייגער זיינעם! אַמעריקע!... ער זאָגט, זאַוויל הייסט עס, אַז ווען
גאָט וואָלט איהם געפאָלגט און וואָלט אַריבערגעפּעקעלט אַהער גאַנץ לי=
כאָגרודאָק, וואָלט ער, וואָס אַהרט אייך, קיין חרטה נישט געהאַט אויף
אַזאַ מין „ביזנעס״ (געשעפט)... ראשית חכמה, זאָגט ער, וואָלטען מיר
דאָ געמאַכט איין אייגענע „סאָסייטי״ (חברה) און וואָלטען אַלע געוואָרען
„מעמבערס״ (מיטגליעדער) און וואָלטען אויסגעבויט איין אייגענעם בית=
מדרש און וואָלטען איהם אַ נאָמען געגעבען „לכו נרננה אנשי ליכאָגרו=
דאָק״... צווייטענס, וואָלט גאַנץ ליכאָגרודאָק געוואָרען „אָפּערייטאָרס״ (שניי=
דער) און מע וואָלט געמאַכט, זאָגט ער, אַ גאַנץ פיינעם לעבען. און דרי=
טענס, ווען ליכאָגרודאָק, זאָגט ער, געפינט זיך דאָ ביי אונז אין אַמעריקע,
האַלט זי קיינמאָל צו קיין אומגליק נישט געקומען און הי, סענדער, (דאָס
זאָגט ער צו מיר) וואָלסט ניט בעדאַרפט דערנסטמאָל אָנקומען אויף דער
עלטער צו אַמעריקע... דאָ אין אַמעריקע האָבען מיר, זאָגט ער, פאַר פייער
קיין מורא ניט. דאָ הערט מען דאָס פייער, ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי.
אין דעם פּרט, זאָגט ער, אין איינלעשען אַ שרפה, איז אַמעריקע אַ מי=
ניסטער. זיי מעגען אַלע ביי אַמעריקע הייצען די הרובע, אפילו „אַנטווער=
פען״ אַליין... ער מעג זיך, זאָגט ער, בערידמען, נישקשה. ער האָט שוין
אויף זיין לעבען אָנגעזעהן „אַנטווערפען״ אויך, איינגעשטאַנען דאָרטען
שבת ביי אַ טייטש און געגעסען, זאָגט ער, ביי איהם אַזאַ מין טייטשישען
קוגעל, וואָס דעם טעם וועט ער געדענקען כל זמן ער וועט לעבען! נאָר
ווי קומט דאָס צו אַמעריקע! איינמאָל האָט מיט איהם אַליין, זאָגט ער,

פּאַסירט אַ געשיכטע דאָ אין אַמעריקע טאַקי. ער איז געווען געשטאַנען שמונה־עשרה, געדאַווענט מנחה. מיט אַ מאָל הערט ער אַ געשריי: „גוואַלד, ראַטע־וועט, עס ברענט!" דאָס האָט זיך געוועזן, זאָגט ער, אָנגעצונדען טאַקי דער צווייטער חדר פון איהם. מיינט איהר, ער האָט געהאַפּט באַלד אויסגעהן שמונה־עשרה? פּע, אַזאַ נאַרישקייט, זאָגט ער, וועט ער אין אַמעריקע ניט טהון. ער איז נישט קיין גאַסט דאָ... ער קען שוין אַמעריקע אויסגעבונדען און ווייסט, אַז מיט פייער מעג מען זיך אויף איהר, נישקשה, פערלאָזען. אַמעריקאַ וועט נאָר קומען מיט איהרע מאַשינעס און אַ בלאָז טהון — וועט שוין ווערען אויס פייער!...

אַ מאָדנער מענש אָט דער שוואָגער מיינער! אַזוי איז ער, דאַכט זיך, אַ גוטער, אַ מענש, מעג מען זאָגען, גאָר אָהן אַ גאַל, נאָר פּרובט איהם אַ זאָג טהון עפּיס אַ וואָרט אויף אַמעריקע, ווערד ער גלייך אָנגעצונדען ווי אַ שוועבעלע. „דו ביזט, זאָגט ער, אַ „גרינהאָרן" געווען און אַ „גרינ־האָרן" וועסט דו בלייבען!"... דיין אָרט, זאָגט ער, איז אין ליכאָגרודאָק. וואָס ווייסט מען, זאָגט ער, ביי אייך (ער רעדט פּונקט ווי יענער בן פון דער הגדה) אין ליכאָגרודאָק? מע ווייסט אַ פּנים דאָרטען פון „געז"[1])? פון „עלעקשען"[2])? פון „נעמען אַ שיין"[3])? פון געהן אין טעיטער"[4])? פון „נעמען אַ רייד אויף אַ ביי־סיקעל"[5])? „אַלבעטשע"[6]), זאָגט ער, אַז זיי ווייסען ניט! אַמעהר, זאָגט ער, וואָס דאַרף איך מיט דיר אַ סך טאָלקעווען — לאָמיך דיך פרעגען עפּיס גרינגערס! זאָג מיר, זאָגט ער, סענדער, ביי אייך אין ליכאָגרודאָק, אין דעם „פּאָניעטיזם", האָסט דו עפּיס אַ סך געגעסען „טאָמייטעס"[7])?...

— וואָס זשע, זאָג איך, זאָל איך טהון?

— דו, זאָגט ער, גרין זיך אַ פריהער אויס[8])!...

— ווי אַזוי, זאָג איך, גרינט מען זיך אויס?...

— ראשית חכמה, זאָגט ער, זעץ זיך אַנידער, נעם אַ „פּייפּער"[9]) אין

---

1) גאַז־בעלייכטונג.

2) וואַהלען.

3) אָפּפּוצען די שטיוועל.

4) טעאַטער.

5) פאָהרען אויף אַ רייטוועגעל.

6) „איי'ל בעט יו" — איך וועט מיך.

7) פּאָמידאָרען.

8) „אויסגרינען" — ווערען אויס „גרינער".

9) אַ בלאַט־צייטונג.

האנד און לייענען די „ראונטעטאושמעס"[10]) און דערנאך, זאגט ער, וועלען מיר זעהן...

איך פאלג איהם, נעם א בלאט און זעץ מיך אוועק לייענען. א וועלט, א ים צו לייענען! איך ווייס נישט, ווי אזוי קערעוועט מען זיך דא אוים צו איבערלייענען אלע טאג א גאנצען בלאט! ביי מיר וואלט איין בלאט גע־קלעקט פאר גאנצע צוויי וואכען. ער מוז טאקי זיין א גרויסער קאפ־מענש דער היגער שרייבער, וואס שרייבט דא אויף די בלעטער! אלץ ווייסטער און וועגען אלץ שרייבט ער, און אלץ מיט'ן ברען, מיט'ן פייער... וועגען ארעסער פאגראם, וועגען חלול־שבת, און וועגען עפיס איינע א חצופה א ווייבעל, וואס האט זיך גאר חלשות בעגאנגען מיט'ן מאן, און וועגען יקרות אויף אייער, און וועגען דעם, ווי מע קאן זיך אויסלערנען מאכען כל המיני שוהוואכסען און האבען דערפון פרנסה בשפע. זעהט איהר, דאס געפעלט מיר גראד, וואס מע קאן זיך אויסלערנען מאכען שוהוואכס און האבען דערפון פרנסה בשפע. איך ווייז עס מיין שוואגער זאוויל, מאכט ער צו מיר מיט א ברייטען שמייכעל: „וואס פאר א וואונדער? אמעריקע, ברודער, וועט דיר נאך ווייזען גרעסערע קונצען!"... נאר פון דעסטוועגען, זאגט ער, איז דאס נישט מעהר ווי א „בלאף"[11]). פרעג איך איהם: וואס איז די טייטש „בלאף"? זאגט ער, אז „בלאף" איז אויך איינע פון די זאכען, וואס אין ליכאגרודאק ווייסט מען לעתעתה דערפון ניט...

— דהיינו?

— דהיינו, זאגט ער, אז עס געהט ארום אין „שטריט" אזא גרינהארן ווי דו, אין א ליכאגרודקער „האלאדייקע", געפינען זיך אין אמעריקע בעלנים, וואס מע נעמט און מע בלאפט איהם אן!...

וואס איז ער אזא גזלן אויף מיין האלאדייקע — ווייס איך נישט. ראכט זיך, א גאנץ פיינע האלאדייקע! א נייע, איין אמתע, א קארטע־נע האלאדייקע! דאס האב איך זי טאקי לכתחילה גענייהט פאר אמעריקע. מע פאהרט דאך עפיס אין א לייטישע שטאדט, צווישען מענשען! נאר געה טענה מיט איהם, מיט מיין שוואגער זאוויל, אז יענער איז א פערברענ־טער פאר זיין אמעריקע! פרוב איהם זאגען עפיס א ווארט אויף אמעריקע, ווערד ער באלד אנגעצונדען ווי א שוועבעלע! מיט מיין האלאדייקע בין איך פוגע בכבוד זיין אמעריקע. ווארף שוין אמאל אראב, זאגט ער, דיין ליכא־גרודקער לאמטעדערידאם (דאס מיינט ער מיין חאלאדייקע), גיב זי אקארשט

---

10) „אדווערטייזמענטס" — אנאנסען.

11) א ליגען.

אַהער, וועל איך, זאָגט ער, „גֶעבּען אַ שאַו“[12] דער „מיסט—באַררעל“[13]... נאַ דיר, זאָגט ער, אָט דאָס „סוטעל“[14], כּמעט נאָך גאָר אַ נײַ סוטעל, טאַקי מײַנס אַ סוטעל, טהו עס אָן און זײַ אַ „דזשענטעלמען“ מיט לײַטען צו גלײַך!

— וואָס בּין איך, זאָג איך, אַ קאָמעדיאַנטשיק, וואָס איך וועל מיך לאָזען אָנטהון אָט אַזאַ הוכא וטלולא?...

ווערד דאָך מײַן שוואָגער זאַוויל מסתמא בּאַלד אַיין אָנגעצונדענער.

סטײַטש, איך זאָל אַזוינס גאָר זאָגען אויף אַמעריקע!...

— סענדער, זאָגט ער, לאָז זיך אויסגרינגען! לאָז זיך מאַכען פאַר אַ מענשען! אַ ניט, זאָגט ער, בּיזט דו אַ פערפאַלענער אין אַמעריקע. מיט אַמעריקע, בּרודער, שפּילט מען זיך ניט!...

מיינט איהר, ער האָט ניט אויסגעפיהרט? ער האָט אויסגעפיהרט! אָט ווי איהר קוקט מיך אָן, געה איך עס אַרום אין מײַן שוואָגערס אַלט פּענדזשאַקעל. מילא, וואָס קאָן מען העלפען? אַמעריקע!.. אויף מײַן וואָרט, ווי איהר זעהט מיך אַ יודען, ס'איז מיר בּיזי־בּזיונות אַרויסצוגעהן אין דעם אין גאַס אַרײַן. עס פּלאַמט מיר פּשוט דאָס פּנים. מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז אַלע קוקען אויף מיר... איהר וועט לאַכען צי ניין? עס קומט מיר אויס פּונקט, ווי איך וואָלט, איך בּעט אײַך איבּער אײַער כּבוד, אַרומגעגאַנגען אָהן תּחתּונים... דאָס איז שוין בּײַ מיר אַ ירושה־זאַך— פאַרפאַלען!

יאָ, יאָ, איהר זאָגט: אַמעריקע. דערווײַל געה איך אַרום אין די גאַסען, זוך עפּיס צו פערדינען, נאָר עס מאַכט זיך ניט. „דאָס געלד האָט מען שוין אויסגעחאַפּט פאַר דיר, נאָך איידער ליכאָגרודאָק האָט זיך מיישב געווען אָבּבּרענגען“. דאָס טענה'ט מיט מיר אַזוי מײַן שוואָגער זאַוויל און גיט מיר אַיין עצה, איך זאָל זיך נעמען דאָ צו שניידערײַ. בּײַ אײַך אין ליכאָגרודאָק, זאָגט ער, איז עס אַ חרפּה, און בּײַ אונז שטעהט דאָ, זאָגט ער, גאַניץ אַמעריקע אויף שניידערײַ... איהר מיינט, איך האָב אויף זיך נאָר איין שוואָגער זאַוויל? מײַן שוואָגער זאַוויל האָט דאָ בּײַ זיך דרײַ קינדער, צוויי מיידלעך מיט אַ בּחורעל, גיבּען זיי מיר אויך אָפּטמאָל אַיין עצה. מילא די מיידלעך, ווי די מיידלעך. אַ גאַנצען טאָג אַרבּייטען זיי אין „שאַפּ“, און אַז זיי קומען בּײַנאַכט פון דער אַרבּייט, לויפען זיי גלײַך אַוועק אויף די „איזבּיראַניעס“. אומעטום דאָס אייגענע. ווייס איך, ציניסטען,

12) געבען צו לייזען.

13) מיסט־קאַסטען.

14) פּידזשאַק.

צילישטען דאָרטען... מע מאַכט גליקליך אַ וועלט!... אָבער דאָס בחורעל זיינס— געוואָרען אַ תל פון איהם דאָ! אין דער היים, דאַכט זיך, געוועזען אַ שטיל בחורעל, געפאָלגט, געהאַט דרך־ארץ פאַר איין עלטערען, און דאָ איז דאָס געוואָרען איין אַרצי־מחוצף־פנים! ער פערקויפט ציבעלעס אין גאַס און פערדיענט די קאָפּיקע, איז ער ביי זיך אַ גאַנצער המן. היינט האָט ער דאָ געקראָגען זעהר אַ מאוסע געוואָהנשאַפט: טאָג ווי נאַכט פייפט ער! עפּיס גאָר מעשה שייגעץ! צי עס ווילט זיך איהם פייפען, צי עס ווילט זיך גאָר ניט— ער טהוט דאָס זייניגע: ער פייפט! דו רעדסט, דאַכט זיך, מיט איהם, ווי מיט אַ מענשען, ער קוקט כלומרשט אויף דיר און הערט זיך איין— מיט אַ מאָל, פון דער העלער הויט, לעגט ער אַריין פּאַוואָלי די הענד אין די קעשענים, ציהט זיך אויס ווי גרויס ער איז, לעגט צענויף אַ פּאָר גראָבע ליפּען און גיט דיר אַ פייף גלייך אין פּנים אַריין. איך ווער בעת מעשה איין אויפגעקאָכטער!

אַנומעלטען, פרייטאָג צו נאַכט איז דאָס געוועזען, האָט מיך מיין שוואָגער זאַוויל אַוועקגעפיהרט הערען אַ מגיד. קום, זאָגט ער, וועסט דו זעהן, וואָס אַמעריקע קאָן! דער מגיד איז געוועזען דוקא אַ גוטער מגיד, האָטש אפילו אַ ביסעל אַ היינטיגער, מיט רמב״ם, מיט דקדוק, מיט היסטאָריע דאָרטען... ער האָט איינגעטייטשט די פּרשה „לך־לך״, ווי גאָט זאָגט צו אַברהם אָבינו: „לך־לך״, געה־געה, אַברמעלע, פאָהר קיין אַמעריקע!.. ווידער האָט דער מגיד געגעבען צו פערשטעהן, אַז מיר יודען זענען ביי גאָט דאָס מוזיניקעל, דאָס קלענסטע און טהייערסטע פאָלק פון אַלע אומות העולם.

אַז מיר זענען געקומען אַהיים, האָבען מיר נאָך אַלץ געקלונגען אין די אויערען דעם מגיד׳ס ווערטער. איך האָב זיך געלעגט שלאָפען און פאַר מיינע אויגען איז מיר אַלץ געשטאַנען מיין מוזיניקעל. איך האָב געלאָזט אין דער היים אַ מוזיניקעל, בעדאַרף מען אויספאָהרען אַ וועלט אום נאָך אַזוינס צו געפינען. אַ הכם מחוכם! מיט שוואַרצע אויגעלעך, מיט שוואַרצע גרייזעלעך, היינט דער שטערן זיינער מיט די שלייפען — פּשוט, די שכינה רוהט אויף זיי! איך האָב מיך דערמאַנט אָן מיינער נעבאַך, ווי זי וואָהנט איצט ערגיץ אין אַ פרעמד קעמערעל (דאָס אייגענע שטיבעל האָט דאָך אָבגעברענט). זי מוז אַדאַי זיצען אַ גאַנצען טאָג ביי׳ם פענסטער און אויס־קוקען אויף מיינעם אַ בריעף... מיר האָט מאָדנע פערקלעמט ביים האַרצען.

מיט אַ מאָל קומט אָן זאַוויל׳ס בחורעל מיט אַ פריש־געגאָלטע מאָרדע, אַ יום־טוב׳דיגער, זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטוהל אַקעגען מיר, צעהוידעט זיך און נעמט, ווי דער שטייגער איז, פייפען. מיר איז געוואָרען ניט גוט ביז

צום חלש'ן. איך בעט זיך ביי איהם, ווי ביי אַ גזלן: „זעה, העה אויף צו פייפען! מיר איז עפּיס נישט גוט אויפ'ן הארצען". מאַכט ער צו מיר מיט אַ חוצפה אויף דעם אַמעריקאַנישען לשון:

— אַיי דאָנ'ט קער[15]! איך פערדיען געלד, פייף איך. אז איהר וועט פערדיענען געלד, וועט איהר אויך פייפען...

— נישט דערלעבען זאָלסט דו! — זאָג איך און רוף מיך אָן צו זאַוולען, וואָס שלאָפט אין אַ צווייטען חדר:

— זאַוויל, דו ביזט דאָך אַ טאַטע! זאָג איהם, איך בעט דיך, ער זאָל אויפהערען צו פייפען. מיר איז עפּיס היינט נישט גוט אויפ'ן הארצען, איך ווייס נישט פאַר וואָס...

זאַוויל איז דאָך אָבער אַ קאַלטער מלאך, ענטפערט ער מיר: „אויף דער רויף איז אַמעריקע אַ פריי לאַנד, מע זאָל פייפען"... אין אַמעריקע, זאָגט ער, איז שוין אַזוי איינגעפיהרט, אַז אַלע פייפען. מע מאַכט, זאָגט ער, אין אַמעריקע אַ לעבען און מע פייפט...

ביינאַכט, אין דער פינסטער, האָב איך נאָך אַלץ נישט געקאָנט איינשלאָפען. דאָס מוזיניקעל מיינס איז מיר אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגען. אַ באָרוויסער נעבאַך. געווען אַ פּאָר נייע שיכלעך, זענען זיי פערברענט געוואָרען צוזאַמען מיט דער גאַנצער בעל-הבתישקייט. דער קליינער האָט זיי דעמאָלט נעבאַך בעוויינט מיט ביטערע טרערען...

איך האָב זיך אויפגעהויבען פון געלעגער און אַ קוק געטהאָן אין פענסטער. פרעמדע, הויכע, פינסטערע מויערען. עלענד, עלענד בין איך. גאָט מיינער! וואוהין האָסט דו מיך פערוואָרפען אויף דער עלטער פון מיינע קינדער?...

איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז געוואָרען. איך האָב זיך פּלוצים צעוויינט שטאַרק אין קישען. מיין שוואָגער זאַוויל איז אַראָבגעשפרונגען ניט-טוידט, ניט-לעבעדיג פון זיין געלעגער.

— סענדער, האַ, וואָס איז דאָס? וואָס וויינסט דו? וואָס ביזט דו, אַ קינד, צי וואָס?...

— עט...— גיב איך אַ מאַך מיט דער האַנד און קאָן מעהר אַ וואָרט ניט אויסרעדען.

— ע, ברודער! — מאַכט צו מיר זאַוויל און צעוויינט זיך בעת-מעשה שיעור אַליין ניט. — נאַרישקייטען... אָט גאָרנישט... וואָס פאַר אַ וויינען? געקומען אין אַמעריקע גאָר וויינען! וואו, אין אַמעריקע?!...

[15] וואָס נעהט עס מיך אָן!

X.

אָהן לָשׁוֹן

אָהן לָשון

בענצי, אַ יונגער שניידער ערשט נאָך דער התונה, האָט אָבגעטראָגען „ארבייט" צו דער פאַמיליע מיכלין — אַ נייעם מונדיר מיט איין אַלטען איבערגעניצעוועטען מאַנטעל פאַר דעם עלטערען גימנאַזיסט. קיין סך פערדיענסטען איז ניט געשטאַנען אָן דעם — די „מאַדאַמיכע" האָט גע'שמ'ט אין שטאָדט פאַר אַ מורא'דיגע דינגערין, נאָר פונדעסטוועגען האָט בענצי געפראַוועט הכנות פאַר זיין אַוועקגעהן פון דער־היים: ער האָט זיך איינגעוואַשען, איינגעקעמט, אויסגעפוצט די שיך ביז אַ זיבעטען גלאַנץ און אויסגעמושטירט זיך אַזוי, ער זאָל אויסזעהן עפּיס לייטיש, ניט מעשה שניידער. זיין יונג ווייבעל האָט זיך אפילו איינגעשפּאַרט, ער זאָל אָנטהון אויך אַ שניפּסעל אויפ'ן קאָלנער; איהר איז אויסגעקומען האַמעטנע די שפּיציגע גלאַנציגע מעשענע שפּאָנגע, וואָס וועט געוויס שטעכען לייטען די אויגען. נאָר געה מאַך עפּיס — אַז זינט די „שבע ברכות" איז דאָס שניפּסעל, דאָס איינציגע ווייסע חופה־שניפּסעל, פערשוואונדען גלייך ווי אין וואַסער אַריין!

בענצי האָט געטרייסט זיין יונג ווייבעל:

— עט, קיין בייז נישט, אויב אָהן אַ שניפּסעל! מיינסט, אַז זי איז אַ „מאַדאַמיכע", איז שוין גלאַט ווער ווייסט וואָס? מע גערט דאָך עפּיס צו יודען, נישט צו קיין גזלנים...

ווי באַלד אָבער ער איז אַריינגעקומען אין קאָרידאָר פון דעם גרויסען רייכען הויז און דערזעהן דורך דער אָפענער טהיר די הויכע שענע מאַדאַם

אין דעם לאנגען געקוויטעלטען קאפאט, ווי זי איז געזעסען מיט די קינדער ארום טיש ביי א פינקעלדיגען קאכעדיגען סאמאוואר, — האט בענצי אנגעוואהרען דעם מוטה און איז ביי זיך שטארק אראבגעפאלען. קודם כל האט ער א קליין הוסטעל געטהאן, כדי צו אנזאגען די בשורה, אז א מענש געהט. דערנאך האט ער גענומען בעזארגען זיין שטעקעל אין א ווינקעל ביי דער טהיר. צו'ם אומגליק אבער, האט זיך דאס שטעקעל תיכף אויסגעגליטשט און געגעבען זעהר א מיאוס'ען הילכיגען פאל אויף דער פאדלאגע. שפעטער א ווייל איז שוין בענצי געשטאנען אין טהיר א רויטער ווי פייער, א צעטומעלטער, מיט א פאר צעטראגענע אומגליק־ליכע אויגען, און האט זיך אבגעבוקט עטליכע מאל:

— „איזדראווסטוואָ"…. (גוט מארגען!).

עפים איינער א ניט־גוטער האט איהם אויף דער הייסער מינוט א טארע געטהאן, ער זאל ריידען רוסיש! ער האט זיך תיכף א חאפ געטהאן, דערשראקען פאר זיך אליין און דאס הארץ האט איהם גענומען קלאפען ווי ביי א גזלן: וואס האט ער עס אבגעטהאן? ווי אזוי וועט ער קאנען אנ־האלטען דאס געשפרעך ווייטער? אויף רוסיש?!…

נאר פארפאלען. די הויכע שענע מאדאם האט צו איהם פאוואלי א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ, געזאגט אויך אויף רוסיש ער זאל זיך זעצען, געמאכט דערביי א קאלטע שטרענגע מינע אויפ'ן פנים און צענויפגע־שנירעוועט איהרע צוויי דינע ליפעלעך ווי די צוויי שנירעלעך.

בענצי איז שוין געשטאנען אינוועניג אין עס־צימער און שעמענדיג ארומגעקוקט זיך אין אלע זייטען. דערזעהן נעבען דעם הויכען גלעזערנעם שפיי־אלמער איין אלטען שטוהל מיט איין אויסגעפליקט ווענטעל, איז ביי איהם געבליבען דער הסכם אויסנוצען דעם דאזיגען שטוהל אויף אוועק־זעצען זיך. אבער דא האט ער זיך ארומגעזעהן, אז ער האט פאר גרויס אימפעט פערגעסען אויסטהון דאס היטעל ביי'ם אריינגעהן. איהם האט זיך אויסגעדאכט, אז דאס פרייליין מיט די געשוירענע האר, וואס האלט א האנד אויף איהר גלאז טהיי און לייענט בעת־מעשה א ביכעל, ווארפט אלע ווייל אויגען אויף זיין צוגעדעקטען קאפ און שמייכעלט אונטער שטילערהייד. בענצי האט גענומען זוכען עצות. פאוואלי, פאוואלי האט ער זיך געגנב'עט מיט דער האנד צו'ם קאפ, אבגעשטעלט זי ביי'ם אויער, געקוקט דערביי כלומר'שט תמ'עוואטע, ווי איינער וואס איז גאט די נשמה שולדיג און וויל נישט מעהר ווי זיך א קראץ טהון — און אין דעם אויגענבליק האט ער געשווינד א חאפ געטהאן פון קאפ דאס היטעל. דורכ־געמאכט אזא שטיקעל ארבייט, האט בענצי'ן א שוויים בעגאסען.

די מאַדאַם האָט אויסגעטרונקען איהר גלאָז טהיי און זיך אָבגערופען צו איהר יונגסטען גימנאַזיסטעל:

— גיה רוף אַהער אַריין גרישאַ'ן. זאָג איהם, מע האָט איהם געבראַכט דעם נייעם מונדיר. זאָל ער שוין קומען, וואָרום דער שניידער וואַרט.

— ני — טשי — וואָ (נישקשה)! — האָט בענצי חוואַטסקע זיך אָבגערופען אויף רוסיש און דערביי גוטהערציג און געטריי געשמייכעלט. נאָך דעם „ניטשיוואָ" איז איהם אַ סך גרינגער געוואָרען אויפ'ן האַרצען. איהם האָט אַ שיין געטהאָן אַ שטראַהל פון האָפנונג, אַז מע וועט דאָ קאָנען אויסקומען נישט ריידענדיג. מע בעדאַרף נישט מעהר ווי אַמאָל אַריינוואַרפען אַ וואָרט, איז מען שוין יוצא... ובפרט, אַז מען איז דאָך צווישען יודען, נישט צווישען גזלנים... אַדרבא, דוקא זעלטענע מענשען, אָט באַט איהם אָן די מאַדאַם אַליין, ער זאָל אויסטרינקען אַ גלאָז טהיי.

— טשאַיו? ספּאַסיבע! (טהיי? אַ דאַנק!) — האָט ער בעדאַנקט און אַ בוק געטהאָן זיך פון שטוהל צו דער מאַדאַם. — ני נאַדאָ (מע בעדאַרף נישט).

— פּאַרוואָס? — האָט די מאַדאַם זיך געוואונדערט.

— טאַק (אַזוי)...

און זיצענדיג אויפ'ן שטוהל, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען מיט אַ שעמענדיג צופריעדען שמייכעלע, ווי איינער זאָגט: „מעהר פעהלט מיר ניט צו די צרות — נאָך האָבען איין עסק מיט אַ גלאָז טהיי! וואָס אַרט מיך דען, אַז איך זיץ מיר דאָ רוהיג און קיינער טשעפּעט מיך נישט?"...

ענדליך איז אַריינגעקומען אין שטוב גרישאַ, אַ הויכער, אַ דיקער גימנאַזיסט, אין אַ רויט זומערדיג העמדעל, מיט אַ ציגאַרעל צווישען די ציינער און מיט אַ סלינקע פונים מויל. אַריינגעקומען, האָט ער זיך תיכף אַ לאָז געגעבען צו דער מוטער און עפּיס גענומען ריידען צו איהר אַזוי האַסטיג און אַזוי אייליג און מיט אַזאַ משונה מאָדנעם לשון, אַז בענצי'ן איז פון דעם אינוועניג אַזש קאַלט געוואָרען. דאָס האָט אויף איהם אָנגעוואָרפען אַזאַ מין פחד, אַז ער האָט זיך באַלד אַ שטעל געטהאָן פון אָרט און שטום זיך אויסגעגלייכט ווי אַ סאָלדאַט.

מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקייט האָט ער געהאָלפען גרישאַ'ן אָנטהון דעם מונדיר און פערשפּילען די פינקעלדיגע קנעפּלעך. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגען, אַ שלעפּ געטהאָן דעם מונדיר פון פאָרענט, אַ ציה געטהאָן איהם פון הינטען און שטיל געמורקעט אונטער דער נאָז: „פּרעלעסטי, יאַק יאַ יאַווריי!"... (אַ מחיה, ווי איך בין אַ יוד!).

גרישאַ, אָנגעטהאָן אין נײַעם מונדיר, איז צוגעגאַנגען צוזאַמען מיט'ן שנײַדער צום שפּיגעל. דענסטמאָל האָט זיך אויפגעהויבען אויך די מאַדאַם און איז צוגעגאַנגען צו זיי.

— זעהר גוט, מאַמע! — האָט זיך גרישאַ אָבגערופען, געקוקט דערבײַ אין שפּיגעל און אַ פּיהר געגעבען מיט דער האַנד איבער זיין ברייטער ברוסט.

— הע־הע.... — האָט בענצי אָנגעקוואָלען אַ צופריעדענער פון זיין אַרבייט, דערבײַ זיך צוגעקוקט געטרײַ צום אַרבעל פון מונדיר און מיט דער גרעסטער צערטליכקײַט אַראָבגענומען פון איהם אַ ווײַס פּעדימעל. מאַדאַם מיכלין האָט געדרעהט איהר זוהן אַהין און אַהער און האָט אויפמערקזאַם, מיט אַ שטרענגער מינע, בעטראַכט דעם נײַעם מלבוש. זי האָט עפּיס געזוכט.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ קנייטשען, האַ? — האָט זי מיט אַמאָל אויפגעהויבען איהר קאָפּ צום שנײַדער, אָנגעקוקט איהם שאַרף און געטײַטעלט מיט אַ פינגער בײַם זוהן אונטער דער פּאַכווע.

— ני — טשי — וואָ! — האָט בענצי געענטפערט גאַנץ תּקיף בײַ זיך און האָט אַ גלעט געטהאָן מיט דער האַנד דעם צעקנייטשטען אָרט אויפ'ן מונדיר. דאָס האָט אָבער ווייניג געהאָלפען.

— וואָס זאָגט ער מיר „ניטשעוואָ"! — האָט זיך די מאַדאַם צעבייזערט. — מע קאָן דאָך אַזאַ מלבוש ניט אָנטהון אויף געהן אין גימנאַזיע!

דער דיקער גימנאַזיסט האָט אויך אויסגעפונען, אַז עס דריקט איהם עפּיס אַרום דער פּאַכווע. בענצי האָט זיך איבערגעשראָקען און גענומען טאַפּען מיט ציטעריגע פינגער דעם בעשעדיגטען אָרט אויפ'ן מונדיר, דערבײַ געשטאַמעלט אַ צעמישטער: „פּאָפּראַווקע... טאַק טאָטשנאָ"... (אויסבעסערען... אמת...).

דענסטמאָל איז די מאַדאַם מיכלין אויף איין אמת אַרײַנגעקומען אין כּעס: ס'טײַטש, ווי נעמט מען עס אַזאַ בגד און מע קוילעט עס אַוועק מיט די הענד? ווי באַלד אַז מע קאָן נישט נייהען ווי עס געהער צו זיין, טאָ ווי נעמט מען עס אָן אַזעלכע איידעלע אַרבייט? נאָר געה טענה מיט אַ יודישען שנײַדער, אַז יענער ווייסט ניט, וואָס איז אַזעלכעס אַ מונדיר פאַר אַ גימנאַזיסט פון זעקסטער קלאַס גימנאַזיע!...

געריעדט האָט זי, פערשטעהט זיך, רוסיש. בענצי איז געשטאַנען פאַר איהר אַ בלייכער, אַ שטומער, אַ פערפאַלענער, און האָט נישט געהאַט קיין ווערטער צו ענטפערען איהר. ער האָט נאָר געטאַפּט מיט ציטעריגע פינגער בײַ דעם דיקען גימנאַזיסט אונטער דער פּאַכווע און האָט עפּיס

געשטאַמעלט מיט טרוקענע ליפּען. ער האָלט זיך ניט איינגעהאַלטען און האָלט געטומען ריידען אויף יודיש, נאָר ער האָט ניט געקאָנט בײַשטעהן קעגען דער מאַדאַם, וואָס האָט אַזוי מאָדנע פלינק געשאַרפט דאָס צינגעל און געשאָטען מיט רוסיש און זיך געוואָרפען און זיך געכעס'ט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זי האָט איבערגעקעהרט אַ גלאָז טהיי אויפ'ן טישטוך. איהר טאָכטער, דאָס פריילין מיט די געשוירענע האָר, האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען פון טיש, אַ חאַפּ געטהאָן דאָס בוך און איז אַרויסגעלאָפען ווי אַ פערסמ'טע פון צימער.

דער דיקער גימנאַזיסט האָט דערווייל זיך געדרעהט פאַר'ן שפּיעגעל אין דעם נייעם מלבוש, געטאַפּט אין די קעשענעס, אויסגעשטעלט אַ קײַלעכיגע ברוסט, פערוואָרפען דעם קאָפּ אַהינטער, בעטראַכט זיין טאַליע, דערבײַ געלאָזט די סלינקע פונ'ם מויל — משמעות, ער האָט פון דעם אַלעם שטאַרק הנאה געהאַט. עטליכע מאָל איז ער צוגעגאַנגען צו דער צעפּלאַמטער מאַמען און אויפגעוויזען איהר, אַז דער מונדיר איז דווקא ניט שלעכט, אַז אונטער דער פאַכווע דריקט איהם שוין מעהר נישט; פריהער האָט זיך איהם נאָר אויסגעדאַכט. אַי וואָס, די קנייטשען — מעג זי זיין זיכער, אַז מאָרגען וועט דער מונדיר סײַ־ווי צעקנייטשט ווערען!...

— וואָט, וואָט... ! — האָט זיך בענצי אָנגעחאַפּט אָן דעם, ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך.

מאַדאַם מיכלין איז נאָך מעהר אַריין אין כעס און האָט אַוועקגעשטויסען פון זיך איהר זוהן.

אַ פּנים, דיך אַהרט גאָרניט פאַר דיין טאַטענ'ס געלד? דו מיינסט אַלץ, אַז עס פאַלט פון הימעל. איך געה אויס פאַר האַרצוועטאָג, און ער, ווי אַ פינף־יעהריג קינד, שפּיעגעלט זיך מיט דער נייער שמאַטע, וואָס אָט דער יוד האָט איהם געבראַכט! עס איז דאָך אַיין אמת'ע שמאַטע! וואָס־זשע, אַ מונדיר איז עס אפשר, וואָס מע נייהט פאַר אַ גימנאַזיסט, דאַנקען גאָט, פון דער זעקסטער קלאַס גימנאַזיע?... אַיין אמת'ער זאַק!

— יעי באָהו! קאָב יאַ טאַק... (כ'לעבען, זאָל איך אַזוי...) — האָט זיך בענצי געבעטען רחמים און צעלאָזט די הענד פאַר פערצווייפלונג.

— „קאָב יאַ טאַק! קאָב יאַ טאַק!" — האָט איהם די מאַדאַם מורא־דיג גיפטיג נאָכגעקרימט. — ער האָט נאָך די העזה זיך פערענטפערען און קוקען אַ מענשען גלייך אין פּנים! אָבער וואָס איז פאַרהאַן צו ריידען מיט אַ יודישען שניידער! שטענדיג אַזוי: מע נעמט איידעלע מאַטעריע, מע מאַכט פון דעם אַ תל, און פרוב זיי זאָגען אַ קרום וואָרט — איז „קאָב יאַ טאַק"! זיי זענען די גערעכטע!

בענצי איז געשטאַנען ווי איין אָבגעשמיסענער, בלאַס ווי די וואַנד, אָהן לשון, און האָט אַליץ געטאַפּט מיט ציטעריגע פינגער זיין שפּיציגע גלאַנציגע מעשענע שפּאָנגע. אַ שווייס האָט איהם אַרויסגעשלאָגען אויפ'ן שטערן.

— יאַ... נו, יעי באָהו... — האָט ער אַליץ זיך געבעטען און שיער ניט צעוויינט זיך.

— אַך, לאָזט מיך שוין צו-רוה! — האָט די מאַדאַם זיך אָנגעבייזערט אויף איהם, אַ וואָרף געטהאָן זיך אויף דער ווייכער סאָפע, צענויפגעקליבען די פאַלדען פונ'ם ברייטען געקווייטעלטען קאַפּאָט אַרום זיך און אויפגע-שנירעוועט שטייף די דינע ליפּעלעך איהרע.

עס האָט זיך אויפגעעפענט די טהיר פון צווייטען צימער און עס איז אַריינגעקומען דער בעל-הבית אַליין, אַ נידעריגער דיקער יוד מיט אַ גלאַנציגען פּליך און מיט אַ זויער פערשלאָפען פנים. ער האָט זיך געווענדעט צו'ם ווייב אויף אַ הייזעריג קול אויף רוסיש:

— וואָלט מען עס לאָזען חאַפּען אַ דרימעל... וואָס איז דאָ פאַר אַ געשריי?

— אָט פרעג ביי דעם יודען! זעה נאַר, וואָס ער האָט געמאַכט פון גרישאַ'ס נייעם מונדיר!

דער בעל-הבית האָט אָנגעהמורעט די ברעמען און אַ וואָרף געטהאָן איין אויג אין בענצי'ס זייט. ער איז צוגעגאַנגען צו'ם זוהן און געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ חסרון איז דאָ?

— אַ פּאָר קנייטשען אונטער דער פּאַכווע.

דער פאָטער האָט אַ ווייַלע בעטראַכט דעם מונדיר און האָט זיך באַלד אָבגערופען צו בענצי'ן מיט אַ קרום פנים אויף יודיש:

— מע קאָן דאָך דאָס צו-רעכט מאַכען אין אַ פערטיל שעה!

— אַודאי קאָן מען דאָס צורעכט מאַכען! — איז בענצי אונטערגע-שפּרונגען איין אויפגעלעבטער, אַ דערפרעהטער, און געזאָגט אויף יודיש: — הערסט! אָט דאָס ט ע נ ה איך דאָך...

דער בעל-הבית האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד אין לופטען אַ ברוגז'ער, ווי איינער זאָגט: „נאַ דיר נייע עסקים!" — און איז תיכף אַרויסגעגאַנגען אין צווייטען צימער.

— וואָס קאָן מען צו-רעכט מאַכען? — האָט די מאַדאַם מיכלין געפרעגט שוין אויף יודיש, און אין איהר שטימע האָט זיך געהערט די הכנעה פון אַ בעזיעגטען העלד.

ביי בענצי'ן האָט דאָס פנים געשטראַהלט פאַר פרייד.

— וואָס הײַסט? סטײַטש, מאַדאַם, אָט דאָס טענה איך דאָך די גאַנצע צײַט... געווים קאָן מען צו־רעכט מאַכען! חע — הע! וואָס איז דאָ פאַרהאַן? זאָל די מאַדאַם אַלײַן זעהן — אַ גאָרנישט, אַ קנײַטשעלע. בעט בײַ מיר אַ געבאַקטע ציבעלע!... אויף דערויף איז דאָך בעשאַפען אַ שנײַדער! דאָס ערשטע מאָל אַפנים, אַז עס מאַכט זיך מיר אַזאַ קנײַטשעלע, וואָס? דאָס איז דאָך אַ צאַצקע, אַ וויסטאַווקע, ניט קײַן מונדיר! ווי איך בין אַ יוד — אַ וויסטאַווקע! זאָל מיר אַזוי גאָט העלפען מיט מײַן יונג ווײַבעל — איך האָב דאָ ניט לאַנג חתונה געהאַט, מאַדאַם... אלא וואָס דען, די בעלי־בתים האָבען אַזאַ טבע, וואָס זיי האָבען ליעב אַרויסציהען די נשמה בײַם שנײַדער... אָט אַנומעלטען...

— וואָסער אַנומעלטען? — האָט די מאַדאַם איהם איבערגעהאַקט מיט אַ כּרוגז. — איך בין דאָך ניט מחויב אַרויסוואַרפען מײַן געלד אין בלאָטע!

— הערסט, דעריבער שטעה איך דאָך די גאַנצע צײַט און טענה, אַז איך קאָן דעם מונדיר צו־רעכט מאַכען...

און בענצי, אַ גליקליכער, אַ שײַנענדיגער, האָט זיך צוגעחאַפּט מיט אַ ברען צו גרישאַ'ן אויסטהון איהם דעם מונדיר און איז געוואָרען שטאַרק בערײַדעוודיג. די נאַר־וואָס בעפרײַטע צונג האָט זיך אין איהם איצט צע־שאָקעלט און גענומען שיטען און רײַדען אויף וואָס די וועלט שטעהט.

XI.

שְׁמִין



שמיק.

גדליה דער דרדקי-מלמד איז אַ ניעדריגער אַלטער יוד, אַ געוועזענער מלמד, אַ געדיכט-בעוואַכסענער, מיט אַ פּאָר גראָבע פּעטע ליפּען און מיט אַ פּאָר קליינע שמאַלציגע פערגאָסענע אויגען. זינט דאָס ערשטע ווייב איז איהם אָבגעשטאָרבען און זינט דאָס צווייטע ווייב האָט איהם בעגנב'עט און אַנטלאָפען — לעבט ער פאַר זיך, ביחידות, אין זיין אייגען אַלט שטיבעל, און בעקומט יעדען חודש אַכט קאַרבען פון זיין זוהן, וואָס וואָהנט ערגיץ אין דער גובערניע. מלמדות האָט ער שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפען, ווייל איצט איז אָנגעשטאַנען אַ שלעכטע צייט, אַ צייט, וואָס איבער יודישע קינדער האָבען גענומען הערשעווען יענע, מיט די קאַפּעליושלעך, מיט די געשוירענע בערדלעך, מיט זייער דקדוק און מיט זייער שמיקדוק און מיט זייער טרפ'ען לשון-קודש.

— וואָס טויג מיר דאָס לשון-קודש דיינס? — אַזוי היצט זיך נעבאַך גדליה פאַר איין עולם יודען אין בית-מדרש נאָכ'ן דאַוונען, בשעת מע לעגט צענויף דעם טלית-און-תפילין. — דו נעם בעסער דעם שייגעץ און ציה איהם מיר אויס אויפ'ן ביינקעל און פערקאַטשע איהם דאָס העמדעל און האַק אין איהם אַריין וויפיעל עס וועט אַריינגעהן — וועט ער אַוועקגעהן פון דיר אַ גערַאטעוועטער... אַ יונגעל האָט די טבע, אַז ער מוז פערזוכען אַ רוט! וואָסזשע, מיט דעם לשון-קודש דיינעם וועסט דו איהם מאַכען פאַר איין עהרליכען יודען?

מיט דעם לשון-קודש מיינט גדליה אט די אלע היינטמאדישע ביכלעך מיט די רויטע טאוועלעך, וועלכע האבען אקארשט פערפלייצט דאס גאנצע שטעדטעל. וואס שטעהט אייגענטליך געשריבען אין די דאזיגע היינט-מאדישע ביכלעך — ווייסט גדליה נישט און וויל נישט וויסען. אז ער נעמט אפטמאל אין האנד אזא מין ביכעל און דערזעהט, אז עס איז אהן נקודות, לעגט ער עס תיכף צוריק אנידער און קלאגט זיך, אז עס שווינדעלט איהם אויף דער עלטער פאר די אויגען, ניט פאר אייך געדאכט... נאר מע קאן שוין דערגעהן אליין מיט'ן שכל, אז קיין „תורת לאקשען" וועט איהר דארטען געווים ניט געפינען!

דער עיקר פערדראס זיינער איז אבער ניט אזוי אויף די היינטמאדישע ביכלעך, ווי אויף עפים איין אנדער זאך: אויף די ריטער און אויף דאס שמייסען, וואס געהן איצט אוים און ווערען פערגעסען פון יודישע קינדער. שטעלט אייך פאר, אז ער דארף עס אליין צוזעהן מיט זיינע אייגענע אויגען, ווי יודישע קינדער, אט די דאזיגע יונגאטשעס, געהען זיך איצט אום פראנק און פריי אין די גאסען מיט עפים מינים קעסטעלעך אויף די אכסלען — און גאר נישט. נישטא קיין אויבערהאר אויף זיי! און שטעלט אייך פאר, אז שוין א יאהר פינף אז ער האט אין האנד ניט געהאלטען קיין רוט און זיינע אויגען האבען ניט אנגעקוקט א קינדערשען הינטער-חלק!

— איך זאג אייך, עס איז ניט אויסצוהאלטען פון זיי! עס איז עק וועלט: אז דאס ווערד ווילד, ווילד... — גיסט ער אוים דאס הארץ אין בית-מדרש, און בשעת מעשה יאגען זיך אום זיינע קליינע שמאלציגע אויגעלעך נאך די יונגע לעבעדיגע שטיפער, און עס צעברענט זיך אין זיי א מאדנע פייערעל, יענס פייערעל וואס מע בעמערקט א מאל ביי א צו-געשמיעדטען וואלף, בשעת מע בעווייזט איהם פון דערווייטען רויה פלייש.

אמאל, אין זיינע גליקליכע יאהרען, איז געווען איין אנדער וועלט מיט איין אנדער לעבען, אמאל האט גדליה מלמד גע'שם'ט פאר איינעם פון די בעסטע מלמדים, פאר א מוראדיגען „בעל-פועל", וואס אז ער נעמט אריין צו זיך אין די הענד א יונגעל, מאכט ער פון איהם א לייט. דער חדר איז ביי איהם שטענדיג געווען פול, ווי א פולער שטייג מיט עופות, עס האט דארטען שטענדיג געטומעלט און גע'רעש'ט, און אין דעם אויסגע-מישטען טומעל פלעגט זעהר אפט זיך אבטיילען און זיך לאזען הערען א קינדערש ביטער יעמערליך געשריי. דאס איז גדליה געזעסען ערגיץ אין א ווינקעל און געשמאק געארבייט איבער א נאקיט יונג פריש-צאפעלדיג לייב. דער קליינער ווארימער קרבן פלעגט זיך ווארפען ביי איהם צווישען די קניע, ציטערען פאר פערצווייפלונג, באברען זיך אין אהגמאכט. דאס

אָבער פלעגט גדליה׳ן נאָך זיסער מאַכען זיין היילינגע און נוצליכע אַרבייט און פלעגט איהם צוגעבען נאָך מעהר פייער און מעהר געשמאַק. אין אַזאַ הייסע מינוט האָבען איהם געציטערט הענד און פיס, די געדיכטע באָרד זיינע האָט זיך אַלץ געריסען אַראָב, צו דעם אויפגעדעקט לייב, די גלעזלעך פון זיינע ברילען פלעגען בעצויגען ווערען מיט אַ דין גרוי הייטעל... עפיס אַזוינס, וואָס מע מעג עס זיכער אָנרופען „אַרטיסטישער עקסטאַז״, פלעגט זיך בשעת מעשה אויסגיסען אויף זיין געדיכט־בעוואַכסען פנים און אויף זיינע גראָבע פעטע ליפען. די קניע האָבען שטייף איינגעדריקט דאָס אומגליקליכע צאַפּעלדיגע קערפּערעל, די אויפגערעגטע פינגער האָבען שטום און ליידענשאַפטליך געזוכט דאָס וואַרימע צאַרטע פורפורנע קינדערשע לייב.

איצט זענען אָבער אָנגעשטאַנען שלעכטע צייטען.

און איינמאָל זומער האָט גדליה בעקומען אַ בריעף פון זיין זוהן מאָטעל, וואו ער האָט איהם געבעטען אַראָבפאָהרען צו איהם אין דער גובערניע פערברענגען די זומערדיגע צייט. איצט איז ביי איהם גערוים און שטוב, ווייל דאָס ווייב איז אַוועקגעפאָהרען אין אויסלאַנד דאָקטאָרען זיך אין די בעדער. „אַגב— האָט איהם מאָטעל געשריבען — וועט מיין זוהנדעל האָבען די מעגליכקייט אָנקוקען זיין זיידען״.

מיט זיין זוהן מאָטעל האָט גדליה אַ סך חשבונות, און ניט איין מאָל האָט ער איהם הינטער די אויגען אָנגערופען „ליידאַק״. נאָר פון דעסטוועגען איז ער איצט געגאַנגען אין באָד, בענייט זיך דאָרטען מיט אַ ווייס געוואַשען העמד מיט אַ ברייטען יום־טובדיגען אָבגעלעגטען קאָלנער, אונטערגעשניטען די וואָנסעם צוליעב שענקייט וועגען ביז אין די וואָרצלען אַריין, אָנגעטהאָן די שבת׳דיגע קאָפּאָטע, אויפגעהאַנגען אַ שלעסעל אויף דער טהיר פונ׳ם שטיבעל און זיך געלאָזט געהן מיט׳ן פעקעל צו דער אייזענבאַהן.

ער איז אָנגעקומען צו דעם זוהן אין דער פריה. מאָטעל איז שוין געוועזען אַוועקגעגאַנגען אין געשעפט, גדליה׳ן האָט אויפגענומען אַ גויישע דיענסט מיט פערקאַטשעטע אַרבעל ביז די רויטע עלענבויגענס, וועלכע האָט איהם אַריינגעלאָזט אין גרויסע ליכטיגע צימערען און פערמאַכט הינטער איהם די טהיר. ביז וואַנען־וואָס האָט גדליה דערווייל גענומען אַרומקוקען זיך אויף דעם זוהנ׳ס בעל־הבתישקייט, געטאַפּט די סאַמעטע מעבעל, געחאַפּט אַ קוק אינווייניג אינ׳ם שפּיגל־אַלמער, געוואויגען אויף די הענד דעם זילבערנעם סאַמאָוואַר, געשאַצט עס על פּי מבינות, געמאַכט אַ חשבון אויף די פינגער — וויפיעל קאָן עס אַלץ אַרום און אַרום בעטרעפען, און נאָך דעם אַלעם איז ער געקומען צו דעם אַלטען געדאַנק, אַז מע

בעדאַרף זײַן אַ לײַדאַק, צו האָבען אַזאַ פערמעגענס און שיקען אַ טאַטען אַכט פערדריפּעטע שמאַרדאָוואַנצעס אַ חודש!— און באַלד נאָך דעם דאָזיגען געדאַנק איז ער געוואָרען ברוגז און קאַלט.

מאָטעל איז געקומען צולויפען אַ פערסאָפּעטער, אַ שײַנענדיגער, און געחאַפּט זיך קושען מיט'ן טאַטען, געזוכט בײַ איהם הוקא די גראָבע פעטע ליפען. גדליה האָט זיך אַרויסגעמאַכט פון זײַנע הענד אַ ניט־צופריעדענער און גענומען זיך קלאָגען, אַז ער איז אַלט און קראַנק און עלענד און פערוואָרפען, און אַ צוגאָב צו דעם האָט איהם נאָך גאָט געשטראָפט, וואָס ער האָט קײן קינדער ניט, אָבער גאָר ניט, לחלוטין ניט... דער זוהן איז געבליבען ווי מיט אונטערגעהאַקטע פליגלען. ער האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום דעם טאַטען אַ צעמישטער, אײַן אונטערטעניגער, עפּיס געשמײכעלט פערשעמט, עפּיס געקליבען זיך רעדען און אַלץ געטאַפּט זיך בײַ די קעשענעס, אומגעקוקט זיך אויף די ווענד, טאָמער וועט איהם גאָט צושיקען עפּיס אַזוינס, מיט וואָס מע זאָל קאָנען גליקליך מאַכען דעם אונצופריעדענעם טאַטען. ער איז אונטערגעשפּרונגען צו'ם שפּײַז־אַלמער, אַרויסגענומען פון דאָרטען אַ פלעשעל בראָנפען און אַ פרעג געטהאָן:

— מיר וועלען אפשר נעמען צו ביסלעך?— און געקוקט דערבײַ אויפ'ן טאַטען מיט אַ קוק פון אַ גוטהערציג געטרײַ לעמעלע.

— מילא...— האָט גדליה געענטפערט שוין אַביסעל ווײכער. פון דער דאָזיגער ווײכקײַט האָט דער זוהן מיט אַ מאָל בעקומען מוטה און אַ האַפּ געטהאָן זיך אין מיטען דערינען:

— אַי, טאַטע! דו האָסט דאָך נאָך גאָר ניט געזעהן מישאַ'ן.

— ווער איז זי אַזוינס די מישע?— האָט גדליה געפרעגט שוין גאָר אינגאַנצען ווײכהערציג, אויסגעשטרעקט דערבײַ די האַנד צום פלעשעל.

— וואָס הייסט, דו ווײסט ניט? מישאַ, מײַן זוהן... איך מײן, מאָשקע.

— אַזוי? נו—נו, מהיכא תיתי... איך האָב געמײנט, דאָס איז אַזאַ נקבה מישע!

מאָטעל שמײכעלט אַ גליקליכער און פליהט אויפ'ן באַלקאָן און שרײַט:

— מישאַ! מישענקאַ! גיכער, גיכער, דער זײדע איז געקומען!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אין טהיר בעוויזען אַ יונגעלע פון אַ יאָהר פינף מיט נאַקיטע קניע, מיט צעפלאַמטע בעקלעך, מיט אַ פּאָר גרויסע ליכטיגע בלויע אויגען; אָנגעטהאָן איז עס געווען אינגאַנצען אין ווײַס. דער זײדע האָט בײַ זײַן אַרײַנגעהן געהאַלטען בײַ'ם צווײטען קעלישעק. ער האָט אַ פרעג געטהאָן אַ ביסעל הײזעריג:

— אָט דאָס איז דער מישע דײַנער? אַ רעכטער יונגאַטש... קום נאָר אַקאָרשט אַהער, דו! שרעק זיך נישט. איך בין ניט קיין חיה...

דאָס יונגעלע האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע ליכטיגע אויגען און בעקוקט מיט וואונדער דעם פרעמדען אַלטען יודען, וואָס האָט זיך געזעצט בײַ'ם טיש איבער אַ טאַץ מיט פלעשלעך און קעלישקעס.

— געה, צעקוש זיך מיט דעם זיידען. אָט דאָס איז דאָך דער זיידע! — האָט איהם זײַן טאַטע ערקלערט.

מישאַ איז צוגעגאַנגען אַ שעמעדיגער צו דעם זיידען און איז געבליבען שטעהן פאַר איהם, געוואַרט אַפּנים, יענער זאָל צו איהם אָנבויגען דעם קאָפּ. דער זיידע האָט איהם אָנגענומען בײַ'ם אויער.

— טאַטע, לאָז איהם ער זאָל דיך אַ קוש טהון. — האָט זיך אָנגערופען מאָטעל, וועלכער איז געשטאַנען אין איין וואַרטעניש.

— ווייס איך! איך האַלט ניט פון דעם... זאָג מיר בעסער, שייגעץ, — האָט דער זיידע זיך אַ קעהר געטהאָן צו'ם אייניקעל, אַלץ געהאַלטען איהם בײַ'ם אויער, — לערנען קאָנסט דו עפּיס? האַ? רעד זוערטער!

מישאַ, אַ פערשעמטער, אַ בעליידיגטער, האָט זיך פלוצים צעוויינט.

— דו נאַר, וואָס ווײנסט דו? איך בין דען אַ חיה?... ער וואַכסט בײַ דיר אַפּנים גאָר אַ ווילדער! — האָט גדליה בעמערקט דעם זוהן און גענומען זיך צו דעם פלעשעל.

— אַז מע איז שטענדיג פערנומען. — האָט מאָטעל זיך פערענטפערט און טאַקי באַלד אַ האַפּ געטהאָן זיך, אַז ער האָט געלאָזט דאָס געשעפט אויף פרעמדע הענד. ער האָט גענומען זיך קלויבען אַוועקגעהן.

די דיענסט מיט די נאַקיטע רויטע עלענבויגענס האָט אַרײַנגעטראָגען אויף אַ טאַץ פריהשטיק פאַר גדליה'ן. מאָטעל האָט אַוועקגעזעצט זײַן יונגעל אַקעגען דעם טאַטען און אָנגעזאָגט איהם, אַז איצט וועט ער שוין מעהר ניט שפּיעלען זיך אין דרויסען — איצט האָט ער אַ זיידען, מיט וועמען צו שפּיעלען זיך. דערבײַ האָט מאָטעל געוואָרפען צום טאַטען אַ פרעגענדיג שמייכעלע, אַ שמייכעלע פון אַ גוטהערציג געטרײַ לעמעלע.

אַז דער זוהן איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך גדליה ערשט גענומען ווי עס בעדאַרף צו זײַן צום פלעשעל. איצט האָט שוין די וועלט בײַ איהם אויסגעזעהן גאָר ניט אַזוי שלעכט. אַז ער איז אויפגעשטאַנען פונ'ם פריהשטיק, האָט ער געפיהלט, אַז ער איז פול און העכסט-גליקליך, אַז דאָס לעבען איז אַ זיסער ביסען. אַלץ וואָס אַרום איהם האָט געלויכטען און געפרייעט זיך. דאָס גרויסע ליכטיגע צימער מיט די סאַמעטענע מעבעל מיט דעם זילבערנעם סאַמאָוואַר האָבען געטאַנצט אַרום איהם.

— אַיין עושר גדול...— האָט ער גערעדט צו זיך אַליין פון זיין זוהן און געשמייכעלט דערביי גאַנץ פריינדליך.

ער איז צוגעגאַנגען צום אייניקעל מיט שווערע טריט, זיך אַוועקגעשטעלט און געקוקט אויף איהם אַ ווייַלע מיט טריבע צעשמאָלצענע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך געשפּיעלט דאָס שכורע שמייכעלע, דערנאָך האָט ער איהם אַ הויב-געגעבען צו זיך, אַ שמאַצקע געטהאָן מיט זיינע פעטע גראָבע ליפּען דאָס יונגע פרישע בעקעל און אַראָבגעלאָזט איהם צוריק, ווי מע לאָזט אַראָב אַ שווערע משא.

— אַ שענער בחור... דו האָסט אָהן עין הרע לייב, כלעבען... מישע... מאָשע... מאַשע... אַ נאָמען פון אַ נקבה, חע-הע...— האָט ער געבאַלעמאָטשעט מיט די ליפּען.

ער האָט זיך צעלעגט אויף דער ווייכער סאָפקע אַ צעשמאָלצענער פון גליק. דערביי האָט ער עפּיס אַלס חיטרע אונטערגעוואונקען דעם אייניקעל מיט האַלב-צענויפגעקלעפּטע אויגען. מישאַ האָט אויך געשמייכעלט, נאָר ער איז נאָך געווען אַ ביסעל פערוואונדערט און ניט-ענטשלאָסען ביי זיך. צום סוף האָט ער זיך ניט אַיינגעהאַלטען און אַ פרעג געטהאָן ערנסט:

— בעוויַיזען מיין פערדעל?...

— פערדעל? חע-הע...— האָט גדליה אָנגעקוואָלען פון דעם דאָזיגען לעכערליכען וואָרט „פערדעל".

מישאַ איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ צווייטעס צימער און באַלד איז ער אַרויסגעפאָהרען פון דאָרטען רייטענדיג אויף אַ הילצערן פערד, געטריבען עס מיט די פיסלעך, געשלעפּט עס מיט די הענדלעך און אונטערגעפייפט, ווי מע פייפט צו אַיין אמת'ען פערד: „וויאָ, וויאָ"!— און בשעת מעשה האָבען זיינע גרויסע בלויע אויגען געלויכטען און געקוקט שוין גאָר צופרידען.

— אָט אַזוי, אָט אַזוי!— האָט דער זיידע געבאַלעמאָטשעט מיט די ליפּען.— אלה תולדות נח, פון בראָנפען קריגט מען כח... חע-הע...

און קוקענדיג אַזוי מיט האַלב-צענויפגעקלעפּטע אויגען אויפ'ן אייניקעל און אויף זיינע נאַקיטע ראָזעווע קניע און אויף דעם אויסשניט פון די פולע קיילעכיגע ווייטלעך, בעקומט גדליה אַ תאוה, עס גיט איהם מיט אַ מאָל אַ בליץ אַ געדאַנק: „אַרייַנקאַטעוועון איהם"... אַזאַ שייגעץ איז ווערטה שמיץ!

עס איז אַ פּלאַן, און אַ וואוילער פּלאַן, נאָר דערווייל קלעפּען זיך די אויגען און עס דרעהט זיך די לאָמפּ אויף דער סטעליע און עס צעגיסט זיך אַ זיסע מידקייט אין אַלע גלידער. דאָס לעבען איז אַ זיסער ביסען, חע-הע...

אַז גדליה האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז נאָך געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען, איז שוין זיין פּלאַן איהם געשטאַנען פאַר'ן דמיון. אין צימער איז געווען ליכטיג און שטיל. דורך די עטוואָס-אויפגעעפענטע ברעמען האָט ער געזעהן, ווי דאָס אייניקעל זיצט אַקעגען אויף אַ ביינקעלע און בעטראַכט איהם ווי ער שלאָפט. דאָס קיילעכיגע פולע פּנימ'על איז עפּיס פערוואונדערט, די ליכטיגע בלויע נאַאיווע אויגען קוקען ברייט און נייגיעריג. גדליה האָט דערפיהלט, ווי עס ציטערען איהם די הענד און ווי אונטער'ן האַרצען הויבען אָן קאַפּען וואַרימע טראָפּענס. ער האָט זיך אויפגעהויבען און אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפקע.

— קום אַקאָרשט אַהער! — האָט ער צוגערופען צו זיך דאָס אייניקעל.

מישאַ איז צוגעגאַנגען. גדליה האָט איהם גענומען פאַר די בעקלעך.

— זאָג מיר אַקאָרשט, זוהנעלע, וואָס בין איך דיר, האַ?

— אַ זיידע! — האָט מישאַ געענטפערט און אַראָבגעלאָזט פערשעמט די אויגען אויף דעם זיידענס שיך, און אויף זיינע בעקלעך האָט זיך צעשפּילט אַ פרישע צאַרטע פאַרב.

— געטראָפען! — זאָגט גדליה און נעמט אַריין דאָס אייניקעל צו זיך צווישען די קניע. — איצט, מאָשקעלע, אויב יאָ אַזוי, טאָ זאָג מיר, אפשר ווייסט דו, וואָס טהוט אַ זיידע?

— וואָס? — פרעגט מישאַ צוגעלאָזט און הויבט אויף פון דעם זיידענס שיך זיינע גרויסע ליכטיגע אויגען.

— אַ זיידע — ערקלערט גדליה פּאַוואָלי און ציהט-צו דאָס אייניקעל שטייף צו זיך, צו די קניע — שמייסט... אַ זיידע נעמט אַראָב דעם פּאַס, צעשפּילעט דעם אייניקעל דאָס שפּענצערעל, פערררייסט איהם דאָס העמדעל אַרויפצוצו און שמייסט, שמייסט... מע טאָר ניט זיין קיין שייגעץ! — ווערד ער מיט אַמאָל שטרענג און טהוט אַ געשריי אויפ'ן אייניקעל.

מישאַ פערשטעהט ניט, וואָס מיינט דער זיידע, און קוקט אויף איהם מיט גרויסע דערשראָקענע אויגען. דער זיידע דריקט איהם שטייפער צו די קניע און טאַפּט איהם דאָס לייב מיט ציטעריגע פינגער. מישאַ צעוויינט זיך.

— ע, שוין וויינסט דו? דו וועסט נאָך צייט האָבען ביי מיר צו וויינען!... — און גדליה נעמט זיך צעשפּילען מיט איין האַנד דעם קינד'ס הויזלעך, בשעת די צווייטע האַנד האַלט שטייף דאָס צאַרטע צאַפּעלדיגע קערפּערעל.

— מע טאָר ניט זיין קיין שייגעץ, מע טאָר ניט... — שעפּטשעט ער אין

איין ציטערניש און בויגט אן דעם געדיכטען באָרד צו יענעם אָרט אין די הויז־לעך, וואו על פי יושר דארפען זיך געפינען קנעפלעך.

— דער רוח וויים זיי מיט זייערע היינטיגע שפענצערס! — צישעט ער אַרוים אויפגערעגט פון צווישען די ציינער, זוכט ביי׳ם קינד אין די הויזלעך מיט ציטעריגע פינגער, און בשעת מעשה ווארפט זיך דאָס קינד ביי איהם אין די הענד און שרייט פערצווייפעלט.

אַ ווײַלע האָט גדליה׳ן עפּיס אַ צופּ געטהאָן בײ׳ם האַרצען, האַלטענדיג אין די הענד דאָס אונשולדיגע יונגע קערפּערעל מיט די קליינע הענדלעך און פיסלעך. נאָר אין דער זעלבער ווײַלע האָט איהם אַ שײַן געטהאָן פאַר די אויגען אַ ווײַס לעבעדיג יונג לייב. ער האָט געשווינד אַראָבגעכאַפּט פון זיך זײַן פאַס, אויסגעלעגט ברייה׳ש אויף די קניע דאָס צאַפּעלדיגע קרבנ׳דעל און גענומען אַרבײַטען...

— אַהאַ! אַהאַ! מע זאָגט דיר הונדערט מאָל: „מע טאָר ניט זײַן קיין שײַגעץ״ — און דו ביזט דוקא אַ שײַגעץ!... דעם ווילען אויף צו־להכעיס... אַהאַ!...

עס האָט איהם פערכאַפּט בײ׳ם אָטהעם. די קניע האָבען איהם גע־פײַערט פונ׳ם וואַרימען קינדערשען קערפּערעל. דאָס קינד האָט זיך גע־וואָרפען, געשריען מיט די לעצטע כחות. גדליה האָט זיך פערטיעפט אין זײַן שטיקעל אַרבייט מיט הנאה, מיט געשמאַק. — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— טאַטע, וואָס איז דאָס?

אין טהיר איז געשטאַנען מאַטעל מיט פלעשלעך אין די הענד אַ בלייכער פאַר ערשטוינונג. גדליה איז געוואָרען צעמישט און האָט אַראָב־געלאָזט דאָס שרײַענדיגע קינד פון די קניע. ער האָט גענומען שטאַמלען:

— עס איז גאָרנישט... אַ קלייניגקייט... איך האָב נאָר געוואָלט... דאָס הייסט... גאָר נישט... עס איז חלילה קיין סכנה ניט... עס וועט זיך פערהיילען...

ער האָט זיך געהאַלטען פאַר זײַנע אייגענע אַראָבגערוקטע הויזען און איז געשטאַנען פאַר דעם זוהן אַ רויטער, אַ בעגאָסענער מיט שוויים, ווי אַיין אויסגעוויקטער בוראַק.

— געהערט אַ געשיכטע? כ׳לעבען... מע טאָר זיך גאָר היינט צו זיי נישט צוריהרען! ס׳איז ביי זיי היילינ! דאָס ערשטע מאָל, אַז מע שמײַסט...

XII.

מִישָׁאֵל

מישאל.

א.

אין אלע טעג פון א גאנץ יאהר רעכענט ער זיך גאר פאר קיין מענש ניט, נאר גלאט עפּיס א „בחורילא", א מאוסער נפש, א ביטערער פוסטעפאסניק, וואס לאזט קיינעם א גאס נישט דורכגעהן. אז איהר פאהרט אריין אמאל אין שטעדטעל, איז דעם ערשטען ברוך־הבא גיט אייך אב מישאל מיט זיין חברה בארויסע שקצים און מיט זיין האליאסטרע ווייסע טייבעלעך, וואס טוקען זיך איבער אייער קאפּ אין שטילען בלויען הימעל. מישאל איז א יודישער נאמען, נאר זינט יודען זענען יודען, האט נאך קיינער אזא ווילדען נאמען ניט געטראגען, ביז וואנען אויף דער וועלט איז אראבגעשיקט געווארען אט דער ווילדער נפש. וויפיעל מישאל איז אלט — וועט אייך קיינער זיך ניט אונטערנעמען צו זאגען. שוין יאהרען־לאנג, אז מע געדענקט איהם אין דעמזעלבען וואוקס, אין דעמזעלבען פערשמאלצעוועט צעשפּילעט העמד, מיט דעמזעלבען שטריקעל, אנשטאט א גארטעל, אויף די הויזען.

אמאל, גאר אין די יונגע יאהרען, אז גרונם־ברוך דער תהלים־זאגער און גרונה־ברכה די תחינה־זאגערין האבען ארויסגעזעהן, אז קיין לייט וועט פון זייער מישאל'ן אין חדר ניט ווערען, האבען זיי איהם אבגעריסען פון לערנען און אבגעגעבען צו טביה דעם בלעכער, ער זאל איהם אויסלערנען די מלאכה פון בלעכעריי. פון טביה דעם בלעכער איז מישאל אריבער-

געגאַנגען צו לייבע דעם שניידער, פון לייבע דעם שניידער צו לייבקע דעם שמיעד, פון לייבקע דעם שמיעד צו יונה דעם סטאָליער און פון יונה דעם סטאָליער — ווידער אַמאָל צו טביה דעם בלעכער. פאַר דער צייט האָט מישאל ערגיץ פערלאָרען דאָס רעכטע אויג און דאָס אויבערשטע פונ'ם לינקען אויער, ביז וואַנען ער איז גאָר אינגאַנצען אַרוים אין אייגע־נעם רשות און איז געוואָרען אַ זעלבסטשטענדיגער מענש פאַר זיך. פון דענסטמאָל אָן טרייבט זיך מישאל אום זיין גאַנץ לעבען אין די גאַסען, פייפט אויס קונציג מיט די ליפּען די נייעסטע ניגונים פון די כלי־זמר, רייבט זיך אַרום פויערשע וועגלעך, יאָגט זיך מיט חברה שקצים נאָך טייבע־לעך און חאַפּט טרוקענע קלעפּ פון אַלע זייטען. זיין טאַטע, גרונם־ברוך דער תהלים־זאָגער, טרייבט איהם פון שטוב, יאָגט זיך נאָך איהם איבער דער גאַס מיט אַ קאַטשערע און פערליערט בעת־מעשה די שפּאַקולען פון דער נאָז. אַז ער חאַפּט איהם, פּאַטשט ער איהם אין זיינע ביידע באַקען אַזוי הילכיג און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז פייערינע פונקען פליהען אַזש ביי מישאל'ן פון דעם איין־און־איינציג געזונד אויג. נאָר גרונה־ברכה די תחינה־זאָגערין איז דאָך פאָרט אַ מאַמע, טראָגט זי איהם שטילערהייד אַרוים אין דרויסען ברויט מיט קרופּניק אונטער דעם פאַרטוך. און עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז טאַטע־מאַמע געהען אַוועק אויף דער אַרבייט, ערגיץ „זאָגען”— דענסטמאָל חאַפּט זיך מישאל אַריין אין שטוב, פאַלט צו צום פערשלאָסענעם אַלמער, עפענט איהם אויף מיט עפּיס אַזאַ מין צוגעפּאַסט העלצעל און מאַכט דאָרטען אָן צרות. ער שטופּט אין מויל אָהן רחמנות אַלץ, וואָס עס טרעפט זיך נאָר אונטער דער האַנד: אוגערקעס — איז אוגערקעס, אַלט־געבאַקענע חלה — איז אַלט־געבאַקענע חלה, פסח'יגע שמאַלץ — איז פסח'יגע שמאַלץ... און ווער שמועסט, אַז עס בעגליקט און מע קאָן אין אַלמער געפינען אַ פולען קרוג מיט פרישע, קאַלטע, נאָר־וואָס אָנגעשטאַנענע סמעטענע, וואָס אַז מע גיט עס אַ קעדער אין פערטריקענט מויל אַריין, דערפיהלט מען גלייך דעם טעם פון גן־עדן?...

ב.

אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר רעכענט ער זיך גאָר פאַר קיין מענש ניט, נאָר גלאַט עפּיס אַ „בחורילאָ”, אַ מאוסער נפש, וואָס טרייבט זיך

אום פּוסטעפּאַס איבּער די גאַסען. נאָר ווי בּאַלד עס קומט אָן חול־המועד סוכּות — ווערד דערזעלבּער מישאל דער ערשטער אין שטעדטעל, אַ מענש, וואָס די גאַנצע וועלט קוקט אויף איהם אַרויס, וואָס די גאַנצע וועלט האָט מיט איהם צו טהון, וואָס קיינער קאָן זיך אָהן איהם נישט בּעגעהן.

שוין די ערשטע נאַכט פון חול־המועד סוכּות, בּשעת דער עולם פערבּלייבּט אין שוהל און הויכערט דאָרטען אָן, בּיז עס שטעלט זיך אַ נעבּעל פאַר די אויגען, פערקלויבּט זיך מישאל הינטער'ן אויווען מיט זיינע דריי בּעסטע גוטע פריינד, און עס קומט בּיי זיי דאָרטען פאָר עפּיס אַזוינס, וואָס מע מעג עס זיכער אָנרופען „בּעראַטונגס־זיצונג". די דריי בּעסטע גוטע פריינד מישאל'ס זענען: פייסי־שפּענצער, חאַצקיל־וואָרים און בּערעלע־ליפּ. מע סוד'עט זיך וועגען געשעפט — וועגען געהן אין וואַלד שניידען הושענות, וועגען אויסבּרייגגען די הושענות, וועגען העכערען דעם פּאַר־אַ־יאָהריגען מקח אויף הושענות.

— אודאי! — טענה'ט מישאל און גיט זיך בּעת־מעשה געשווינד אַ קראַץ אין זייט און חאַפּט אַ וויש מיט'ן גראָבּען פינגער איבּער דער נאָז. — הערסט! היינטיגס יאָהר האָבּען מיר דאָך יקרות! איהר פערשטעהט אין עסק?...

— אָהאָ! אַ חדוש צי מיר פערשטעהען! אודאי פערשטעהען מיר! — חאַפּט אונטער הכרה לעבּעדיג.

הינטער דעם אויווען שטעלט זיך אויס דאָס קליינוואַרג פון שוהל און קוקט אַריין נייגעריג, מיט גרויס דרך־ארץ צו מישאל'ן מיט זיינע בּעסטע גוטע פריינד.

— איהר הערט, קליינע שנעקעס! זאָל זיך ווער פון אייך דערוועגען אויסשניידען חאָטש איין הושענא אין וואַלד, ווערד ער אויפ'ן אָרט אַ קדוש!

און מישאל סטראַשעט דאָס קליינוואַרג מיט'ן קולאַק, און מיט דעמזעלבּען קולאַק חאַפּט ער תּיכּף אַ קראַץ אין זייט און אַ שמיר איבּער דער נאָז. חברה האַלט איהם אונטער מיט היץ:

— אָהאָ, זאָלען זיי אַקאָרשט פּרובּען! אַ מיתה משונה אויפ'ן אָרט!...

און מע קוקט אויף מישאל'ן מיט בּרענענדיגע אויגען, מיט'ן גרעסטען דרך־ארץ, כּמעט מיט ליעבּשאַפט. מישאל אַליין וואַקסט אויס בּיי זיך אין די אויגען און עס צעפּלאַמען זיך בּיי איהם די בּאַקען.

אויף מאָרגען אין דער־פריה, בּשעת עס זייהט זיך אויף דער ערד אַ דין קאַלט רעגענדעל און אַ ווינד טרייבּט אום די בּלייענע וואָלקענס אויפ'ן הימעל, גורט זיך אָן חברה מיט לאַנגע שטריק, בּעוואָפענט זיך מיט מע־

סערס און מע לאזט זיך געהן נאך מישאל'ן אין וואלד אריין מיט בארוויסע
פיס איבער בלאטעס און איבער טייכלעך, איבער פעלדער און איבער
שליאכען.

איינגענטליך, קומט די זאך אויס א ביסעל וואונדערליך: מיט וואס
האט עס מישאל געהאט די זכיה צו ווערען ביי חברה אזוי געהויבען
אין דער צייט פון הושענות? וואס אזוינס פאר א קראפט שטעקט אין איהם,
וואס די דאזיגע דרייי חברה-לייט, זיינע בלוטיגע שונאים פון א גאנץ יאהר,
ווערען זיינע בעסטע גוטע פריינד, ווי נאר עס קומט הושענא רבה? נאר ווי
די מעשה איז— דער פערקויף פון הושענות איז שוין פון יאהרען-לאנג
ביי מישאל'ן אין די הענד, ווי א מין חזקה, ווי א מין „מאנאפאל" פון
הושענות. וועה-וועה איז צו דעם, וואס וועט זיך דערוועגען חול-המועד סוכות
אריינטרעטען אין וואלד אריין, צו די פייכטע ווערבעס, מיט א מעסער אין
האנד!...

ג.

אין דעמזעלבען טאג זעהט דאס גאנצע שטעדטעל דורך די פער-
רעגענטע פענסטערלעך, ווי מישאל מיט זיין חברה קומען אן פון וואלד
אנגעלאדענע, בויגען זיך אונטער שווערע, נאסע בינטלעך מיט ווערבעס.
דאס גאנצע שטעדטעל יונגלעך געהען זיי ארויס מקבל פנים זיין. גרונם-
ברוך דעם תהלים-זאגער'ס הויף ווערד א מין גרויסע פאבריק פון הושענות.
מע צעבינדט די בינטלעך, מע ווארפט אן די פייכטע ווערבעס אין איין
גרויסע קופע. בעלי-הבתישע קינדער בעלאגערען דעם הויף, מע איז גערן
עפיס העלפען, עפיס טהון איין ארבייט, פאלגען א גאנג מישאל'ן. גרונה-
ברכה די תחינה-זאגערין טראגט ארויס קנוילען פאדעם, וואס זי האט אנ-
געשפינט פאר א גאנץ יאהר, און חברה נעמט זיך מיט חשק צו דער ארבייט.
ווער עס האט ניט געזעהן מישאל'ן בשעת בינדען די הושענות— דער האט
קיינמאל ניט געזעהן, ווי אזוי עס ברענט ארבייט אונטער די הענד. די
בארוויסע פיס פערקויטיגט, די ארבעל פון העמד פערקאטשעט, די הויזען
קוים וואס זיי האלטען זיך אויפ'ן שטריקעלע, דאס היטעל פערדרעהט אין
צפון-זייט, דאס פנים פלאמט, פון נאז רינט... די מאמע טראגט איהם ארויס
בפרהסיא, פאר'ן טאטען אין די אויגען, א טעלער קרופניק. דער טאטע,

אַ קראַנקער, אַ יאַדושליווער יוד אין שפּאַקולען, נעמט אַ הושענא אין האַנד, קוקט אויף איהר פון אויבען אַראָב, פאַרביי די גלעזלעך פון זיינע שפּאַקולען, און רופט זיך אָב מיט אַ ברוגז:

— הער דו, קום אַקאָרשט אַהער! אָט דאָס איז ביי דיר אַ כשר'ע הושענא?!...

צו אַזאַ כבוד האָט מישאל די זכיה נאָר איין מאָל אין יאָהר.

און אַז עס גערהט אַ גאַנג, דאָס פּעקעל פּאַרטיגע הושענות וואַקסט און וואַקסט, נעמט זיך חברה צו ימים-נוראים'דיגע ניגונים.

— היום! היום! היום! היום! — הויבט אָן פייסי-שפּענצער אויף'ן חזנ'ישען שטייגער.

— ת—אַמ—ציי—איי—אייי—איי—נו! — פערציהט האַצקיל וואָרים מיט אַ קוויטש, ווי אַ זינגערעל.

— ת—אַמ—ציי—איי—אייי—איי—נו! — העלפט אונטער מישאל און האַפּט אַ וויש איבער דער נאָז פאַר גרויס איילעניש. — געאַרבייט זאָל ווערען, חברה! פריטקאָ!

און דאָס פּעקעל פּאַרטיגע הושענות וואַקסט און וואַקסט, און מעהר פון דעם וואַקסט מישאל אַליין. ער באָדט זיך אין גדולה, אַ צעפלאַמטער, אַיין ענטציקטער, אויף דער העכסטער מדרגה פון גליק— — —

ד.

דערנאָך צעטיילט זיך חברה מיט די הושענות און מע לאָזט זיך איבער דעם שטעדטעל אויסברייגען די סחורה. אַלע ווײַלע קומט מען זיך צענויף אינאיינעם, און מישאל קאָנטראָלירט דעם האַנדעל. עס איז ניטאָ קיין גרעסערע בעליידיגונג פאַר חברה ווי דאָס, בשעת מישאל רוקט איינעם אָן דאָס היטעל איבער די אויגען, גיט איהם אַ שמיר מיט אַלע פינף פינגער איבער'ן פנים און זאָגט מיט דער גרעסטער פעראַכטונג:

— שמענדריהאָן! מעהר ווי פינף קאָפּיקעס האָסט דו קיין כח ניט געהאַט צו פערטראָגען? דאָס קאָסט דאָך אונז בלוט!...

מישאל'ן אַליין וועט שוין קיינער ניט אָבנאַרען. ער ווייסט מיט וועמען ער האָט צו טהון און וואָס ער האָט צו ריידען. אָט קומט ער אַריין צו חיים-שעיה דעם גביר פון שטעדטעל. חיים-שעיה דער גביר פון שטעדטעל

זיצט ביי זיך אין סוכה, קנייטשט דעם שטערן איבער א דיקען ספר און מישט א גלאז טהיי מיט א לעפעלע. מישאל שטעהט א ווייל אין טהיר און נעמט הוסטען.

— ע... הע... גוט יום-טוב!

— גוט יום-טוב? — פרעגט איבער חיים-שעיה דער גביר פערוואונדערט און הויבט אויף פאוואלי דעם קאפ צו מישאל'ן און גלאצט אויף איהם אויס א פאר אויגען, ווי א נעכטיגער. — הא, וואס דארפסט דו, בחור? עמיצער האט דיך געשיקט אהער? געה אין קיך!...

— ע... הושענות...

— וואס הושענות? ווער הושענות? געה אין קיך!... א! דאס פער-קויפסט דו הושענות? נו, מהיכי-תיתי, לעג אנידער אט אדא.

נאר חיים-שעיה דער גביר פון שטעדטעל פערגעסט א פנים, אז הושענות איז א סחורה ווי אלע סחורות, און מע דארף דערפאר צאהלען מיט מזומנים. ער פערטיעפט זיך ווידער אינ'ם דיקען ספר און מישט ווידער דאס גלאז טהיי מיט'ן לעפעלע. מישאל בייט די פיס שטעהענדיג אויף איין ארט, נעמט צוריק אין האנד די הושענות, וואס ער האט אוועקגעלעגט פאר'ן גביר, און גיט ווייטער א הוסט.

— ע... הע... איך האב געוואלט זאגען... מע לעגט אוועק דאס געזונד...

— הא? — פרעגט חיים-שעיה דער גביר האסטיג, הויבט אויף דעם קאפ פון דעם דיקען ספר און שטעלט אן א פאר אויסגעגלאצטע אויגען אויף מישאל'ן, נאר זעהען זעהט ער איהם ניט.

— איך זאג, הייסט עס, די הושענות... א שווערע פרנסה... מע לעגט אויף זיי אוועק דאס געזונד...

ביי חיים-שעיה דעם גביר הויבען אן מיט אמאל צו ציטערען הענד און פיס און דער שיין פון טאג ווערד איהם אויסגעלאשען פאר די אויגען.

— צירה-לאה! וואו איז די מויד, צו אל-די שווארצע יאהר! זאל זי אוועקנעמען פון דאנען אט א דעם א! זאל זי איהם געבען א ביסעל בראנפען און הייסען געהן!...

פון דעם גביר געהט מישאל ארויס א שיינענדיגער, רויט ווי א בו-רעק, מיט א צעשמאלצענעם גלאנץ אין דעם איין-און-איינציג געזונד אויגעל. ער פליהט אן אויף חברה מיט א גדולה:

— איהר הערט, פעטוכים! א חצי פויגעל גע'נתנ'ט, ווי איך בין א יהודינע!

ה.

און הושענא רבה בײַ=נאַכט, נאָך דעם גרויסען יריד, בשעת גרונם=ברוך דער תהלים=זאָגער און גרונה=ברכה די תחינה=זאָגערין געהען אַוועק אין שוהל אויף דער אַרבייט, זעצט זיך אוים חברה אַרום טיש און מע צעהלט דעם פּדיון פון די הושענות. אויפ'ן טיש איז דאָ אַ סך מטבעות, קופּערנע מטבעות און זילבערנע מטבעות, מטבעות פּערזשאַווערטע און נײַע, בלישטשענדיגע, וואָס מאַכען ליכטיג די אויגען און פרעהליך דאָס האַרץ. מישאל זיצט אויבען=אָן און לאָזט קיינעם נישט צורירהען זיך צום פּדיון. ער אַליין מוז פריהער בעטאַפּען יעדע מטבע, אָנשפּײַען אויף איהר, זי זאָל זײַן מזל'דיג, און אַוועקלעגען זי אויף איהר אָרט, צו איהר קופּקע. עס פלאַמען בײַ איהם די באַקען, עס ציטערען בײַ איהם די הענד און די בּאָרוויסע אָנגעפּרוירענע פיס פײַערען.

די חלוקה געהט אַריבער בשלום. אַלע פערלאָזען זיך אויף מישאל'ס יושר. אַלע האַלטען שוין פאַר אַ חזקה פון קדמונים, אַז איהם קומט צוויי חלקים פונ'ם גאַנצען פּדיון.

דערנאָך נעמט חברה בעפריעדיגען זיך פאַר דער שווערער אַרבייט, וואָס מע האָט אָבגעאַרבייט פאַר די לעצטע טעג. מע ברײַנגט אַ געבראָטענע גענזעל, וואורשט, בראָנפען מיט פרישע יום=טוב'דיגע חלה און מע מאַכט אַ סעודה. און אַז עס קומט די צײַט פון דעם בראָנפען, צעפלאַקערט זיך מישאל אַזוי, אַז ער גיסט אָן דעם קעליש־קעל איבער די ברעגען.

— נו, מאַך אַ כוסה...— רופט זיך אָן צו איהם האַצקיל=וואָרים, אַ קלײנינקער, אַ געלינקער, וואָס זעהט אוים נאָך גאָר ווי אַ קינד, און מחמת דעם טאַקי פערשעמט ער זיך באַלד און ווערד רויט ביז איבער די אויערען.

— וואָס עפּים איך? טרינקט איהר אַפריהער!— ענטפערט מישאל און שאָקעלט זיך אָב פונ'ם כבוד מיט דער גרעסטער עניוות.

— טרינק דו... טרינק!— טרײַבען איהם אונטער זײַנע גוטע פרײַנד.— אַלץ ביזט דו דאָך פאָרט דער עלטערער!

— איז וואָס, אַז איך בין דער עלטערער?— פערוואונדערט זיך מישאל כלומר'שט תמ'עוואַטע און נעמט דאָס קעלישעקעל מיט אַ ציטעריגער האַנד.— נו, לחיים...

— לחיים—לשלום!— האַפּט אונטער חברה אויפגעלעבט, אויפ'ן עכט=בעלי=בתי'שען שטייגער.

— לחיים, ברידער! — זאגט מישאל און נעמט זיך צום צווייטען קעלישעק. — הלואי זאל גאט געבען, עס זאל... עס זאל...

— עס זאל וואקסען א סך הושענות! — העלפט איהם אונטער האצקילווארים און ווינקט בריה'ש אויף אלע זייטען מיט זיינע אויגלעך.

— אוי, גוטע ברידער, ס'אר א מחיה, ס'אר א גוטסקייט!... — צעגעהט זיך מישאל פאר נחת נאך דעם דריטען קעלישעק, בשעת דער קאפ נעמט איהם דרעהען און די סטעלי פון שטוב נעמט זיך דרעהען און דאס פערברוימטע שמעקענדיגע געגזעל אויפ'ן טיש נעמט זיך דרעהען.

— טאקי א מחיה! — האלט איהם אונטער חברה מיט אנגעשטאפטע באקען און מע טהוט געשמאק אין דער סעודה.

— איהר ווייסט גאר וואס, קינדער? — רופט זיך אן מישאל ביי דעם פיערטען קעלישעק. — לאמיר גאר נעמען אלע און ווערען מענשען... מיט אלעמען... ווערען מענשען, לייטישע מענשען... אלעמען אויף צו להכעיס... אנטהון ווארימע בורקעס... אנטהון שטיוועל... אלעמען אויף צו־להכעיס... חתונה האבען...

דאס פערשטעהט שוין חברה גארניט און שיסט אוים מיט א הילכיג שכור־געלעכטער:

— חא־חא־חא! הא־הא־הא!

עס לאכט אויך די סטעלי, אויך די ווענד, און אפילו דאס פלעשעל אויפ'ן טיש לאכט. אלס מישט זיך אוים אינאיינעם און דרעהט זיך אום אין א רויך. מישאל קוקט זיך אום מאדנע, מיט א צעשמאלצען איין־און־איינציג געזונד אויגעל, און באלעמאטשעט עפים מיט א הילצערנער צונג. נאר קיינער הערט איהם ניט. חברה זינגט און פויקט איבער'ן טיש.

— לאם־טאם־טיריל־לאם! לאם־טאם־טיריללאם!...

און פלוצים הויבט אן מישאל צו חליפען. פון אנהויב דאכט זיך אוים חברה, אז דאס מאכט מיט זיי מישאל א שפאס, מחמת פרעהליכקייט. נאר וואס ווייטער און ווייטער צעחליפעט ער זיך אלץ מעהר, לעגט זיך אוועק אויפ'ן ביינקעל מיט'ן פנים אראב און דאס געוויין הארהעלט ביי איהם עפים מאדנע אין האלז און אין נאז. ער קראצט דעם קאפ און טענה'ט אלץ:

— וואס? וואס ווילען זיי פון מיר? א חאלערא זאל אויף איהם קומען!... וואס האט ער מיר געטהאן?... מיט א שייט האלץ געגעבען... איך האב געהאט... צוויי אויגען געהאט... צוויי געזונדע... צוויי... געווען א פארשוין... א מענש... גענומען... געגעבען... ווער האט גע'גנב'עט?... איך ניט!... ניטא מעהר... ניטא איין אויג... ניטא!...

— — — — — — — —

אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר רעכענט ער זיך גאָר פאַר קיין מענש נים, נאָר גלאַט עפּיס אַ „בחורילאָ”, אַ מאוסער נפש, וואָס טרייבט זיך אום פוסטעפּאָס איבער די גאַסען. נאָר ווי באַלד עס קומט אָן חול-המועד סוכּות, ווערד דערזעלבער בחור דער ערשטער אין שטעדטעל, אַ מענש, וואָס די וועלט האָט מיט איהם צו טהון, וואָס די וועלט קוקט אויף איהם אַרוים און רעכענט זיך מיט איהם, ווי מע רעכענט זיך מיט אַלע אַנדערע מענשען.

XIII.

דָער מוּשְׁלָם.

דער מושלם.

I.

פּערעלמוטער, אַ יונגער סטודענט מיט אַ ווייכען כאַראַקטער און מיט ווייכע שעמענדיגע אויגען און מיט אַ ווייך צאַרט בערדעל, איז געקומען מיט זיין בלויער קאָלדרע און מיט'ן קלומעקעל אויף דער נייער קוואַרטיר, וואָס ער האָט געדונגען. די טהיר האָט איהם געעפענט איינער אַ קליינוואוקסיגער יונגערמאַנטשיק אין פּענסנע און אין אַ קיילעכיגער זיידענער יאַרמאָלקע, מיט עפּיס אַ ביכעל אונטער דער פּאַכווע. דערזעהן דעם סטודענט, האָבען די פּענסנע ביים יונגענמאַנטשיק אַ שיין געטהאָן, און ער האָט פרעהליך אויסגערופען:

— אַה, דער הערר סטודענט, הערר פּערעלמוטער! איך זיץ אַליין און וואַרט אויף אייך און קאָן זיך נישט דערוואַרטען!

פּערעלמוטער איז דורכגעגאַנגען דורך אַ פינסטערען קאָרידאָר צו זיך אין צימער אַריין. דערהערט, אַז דער יונגערמאַנטשיק געהט איהם נאָך מיט ווייכע טריט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט ביי דער טהיר און איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט.

— איהר זענט דען דער בעל-הבית דאָ?

— איך מיין, אַז מע קאָן זאָגען אַזוי... ווער שמועסט פאַר אייך, וועט דער בעל-הבית געווים זיין — איך!

— וואס הייסט? און ווער איז דער אלטער, ביי וועמען איך האב געדונגען די קווארטיר?

— עט, פארדאן וועגען וועמען צו רעדען... דאס איז דאך מיין שווער!

דער סטודענט האט מאדנע פערוואונדערט בעטראכט דאס דאזיגע יודעל. א קליינוואוקסיגער, א קיילעכיגער, מיט איין אבגעפאשעט שיינענ-דיג פנימעל, מיט פערברוימטע גליקליכע בעקלעך, מיט א שווארץ פער-קאמט בערדעל, מיט א זילבערן קייטעל אויף דער ברוסט, איז ער גע-שטאנען אין טהיר און געשמייכעלט צום סטודענט דורך די פענסנע אזוי ברייט און אזוי ליכטיג, פונקט ווי עס וואלט איהם אין דער מינוט א שטיק געזונד צוגעקומען. פערעלמוטער האט זיך אנגעבויגען איבער זיין קלומעק און האט איהם געוואלט צעבינדען און ברענגען אין ארדנונג די נייע קווארטיר. דער יונגערמאנטשיק האט זיך אבער נאך אליץ ניט גע-ריהרט פונ'ם ארט, געשטאנען אין טהיר א גליקליכער און שטיפעריש אונטערגעווארפען אויף א פינגער דאס זילבערנע קייטעלע פונ'ם זייגער.

— איהר האט מיר עפיס צו זאגען?

— זאגען? — דאס יודעל האט זיך וויך אריינגעגליטשט אין חדר אריין. — אוי-אוי!... מיר וועלען נאך זאגען און וועלען נאך רעדען, אם ירצה השם! איך מיין, שפעטער, מיט דער צייט, אז מיר וועלען נעהענטער בעקאנט ווערען אין אלגעמיין... אזעלכע מענשען, ווי מיר, וועלען שוין געפינען וועגען וואס צו רעדען, הע-הע! איך מיין, אונזערע ברידער, אין אלגעמיין, פון דעם שטאנד-פונקט... אפשר איז אייך אנגענעהם, הערר פערעלמוטער, צו רעדען רוסיש? ביטע, פאזשאלויסטא, מיט'ן גרעסטען הדרת הכבוד! איך פערשטעה און רעד רוסיש ווי איין עכטער רוס, נאך דער גראמאטיקע נאך...

פערעלמוטער איז אין דער צייט געשטאנען איבערגעבויגען איבער זיין קלומעק און האט ארויסגענומען פון דארטען זיינע ביכער. ער האט אויפגעהויבען צום יונגענמאנטשיק זיינע ווייכע שמייכלענדיגע אויגען און א פרעג געטהאן:

— אזוי? איהר רעדט רוסיש ווי איין עכטער רוס?

דעם סטודענט האט זיך שטארק פערוואלט טרייבען א ביסעל קאטאוועס מיט דעם דאזיגען יונגענמאנטשיק. דערצו אבער בעדארף מען האבען חוצפה, און ווייל דער סטודענט האט געהאט זעהר א ווייכען כאראקטער, האט ער איהם נאר געשטעלט א קליינע פראגע:

— מעג איך פרעגען, וואס איז אייער בעשעפטיגונג?

— שייך זאָגען בעשעפטיגונג? איהר ווייסט דאָך, אונזערע ברידער... מע לייענט, מע שרייבט. נאָר אין אַלגעמיין, פונ'ם שטאַנד־פונקט, בין איך אַ בוכהאַלטער. איך זיץ מיר אין שטוב און פיהר די בוכהאַלטעריע... אין אַלגעמיין, הייסט עס... לאָמיר אַקאָרשט אַ קוק געבען, וואָס איז דאָרטען ביי אייך פאַר אַ ביכער? היסטאָריע? מאַטעמאַטיקע? געאָגראַפיע? פראָקלאַמאַציע? נישקשה, ניש־קשה, איהר מעגט מיר זאָגען, הערר פערעלמוטער! מיר פערשטעהען עפּיס אויך אין די זאַכען, הע־הע!

ער האָט זיך צוגעשאַרט צום סטודענט, געשטעלט זיך אויף די קניע און גענומען שלעפּען פון קלומעק אַ בוך נאָך אַ בוך, בעטראַכט אויס־מערקזאַם זייער בונד, אַריינגעקוקט אין די שער־בלעטער און אויסגעלייענט הויך אויף אַ קול זייערע נעמען: „געשיכטע דער אַרבייטער־בעוועגונג אין ענגלאַנד", „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ", „די אַגראַר־פראַגע", „געשיכטע דער פילאָזאָפיע"... ביים נאָמען פונ'ם לעצטען בוך האָט דאָס יודעל מאָדנע, כמעט מיט וואונדער, אַ קוק געגעבען אויף דעם סטודענט, דערנאָך איז איהם דאָס פּנים אינגאַנצען ליכטיג געוואָרען, ווי בעגאָסען מיט זונענשטראַהלען. ער האָט אַ דרעה געטהאָן מיט'ן קאָפּ, אַ קנאַק געגעבען מיט דער צונג און מאָדנע שעלמיש אַ וואונק געטהאָן מיט די אויגען צום סטודענט:

„ע־הע־הע!"...

דער סטודענט פערעלמוטער האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען פון דער ערד, איבערגעלאָזט דעם קלומעק מיט די ביכער ביים יודעל אין די הענד און אַליין האָט ער גענומען מיט אימפּעט אויסקלאַפּען זיין קישען מיט דער בלויער קאָלדרע. נאָך די קלעפּ, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין זיין בעטגעוואַנט, איז געווען דייטליך צו זעהן, אַז עס פערדריסט איהם זעהר שטאַרק, וואָס ער האָט אַ ווייכען כאַראַקטער און וואָס דער קליין־וואוקסיגער יונגערמאַנטשיק האָט אַפּנים בדעה צו פערבלייבען דאָ אין צימער אויף שטענדיג. דערנסטמאָל איז ביים סטודענט געבליבען דער הסכם צו אָנשטעלען אַ ברוגז פינסטער פּנים, שווייגען ווי אַ שטומער און גאָר נישט ענטפערען דעם דאָזיגען יודעל. געמאַכט צו־רעכט דאָס בעטעל, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּאַפּיראָס, אַ קוק געטהאָן בייז אויף דאָס יודעל, וואָס האָט נאָך אַלץ גע'בעליבתי'וועט אַרום די ביכער, און מיט אַ שרעקליכען כעס אַ רייב געטהאָן אַ שוועבעלע. דער יונגערמאַנטשיק האָט זיך געשווינד אויפגעהויבען פון די ביכער און איז פערשוואונדען געוואָרען פון צימער. אין אַ ווילע אַרום האָט ער זיך אָבער ווידער בעוויזען. ער האָט געהאַלטען צווישען די ציינער אַ ביינען מונדשטיקעל, געצימבעלט איבער דעם מיט אַ פינגער און געפּייפט דעם סטודענט אין פּנים אַריין:

— דאָס איז אַנ'אמת'ער אַ וואַרשעווער... פון העלפאַנט-ביין...

דערזעהן, אַז דער סטודענט פערשטעהט ניט זיין מיין און שווייגט און ריהרט זיך ניט פון אָרט, האָט ער ווידער אַריינגעשטעקט דאָס מונדשטיקעל צווישען די ציינער און ווידער גענומען צימבלען.

— איך וואָלט אַ בעלן געווען פערזוכען אייערען אַ פּאַפּיראָס. ס'איז אינטערעסאַנט, פערשטעהט איהר מיך, אין אַלגעמיין.... איהר היט דאָך אָפּ מסתמא די היגיענע? אַ שאלה אַ ביסעל! מע זעהט דאָס אַרויס פון די אויגען... איך האָב מיר מיין כלל: אַ פילאָסאָף, אַ קאָפּ-מענש, טהוט אַלץ אויסגערעכענטערהייד. אַפּנים, ס'איז נישט אַזוי לייכט צו זיין אַ פילאָסאָף? הע-הע! איך מיין, אין אַלגעמיין... אפילו כדי צו פערשטעהן די פילאָסאָפים, בעדאַרף מען אויך זיין נישט אַבי ווער! און טאַקי מיט דעם מעג איך מיך בערימען: פערשטעה איך זיי דורך און דורך...

נאָך אַזעלכע דבורים האָט דער סטודענט זיך אונטערגעגעבען זיין ווייכען כאַראַקטער, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּאַפּיראָס און דערלאַנגט דעם יודעל אָהן ווערטער. יענער האָט באַלד פערוויכערט און האָט זיך צעזעצט בהרחבה אויפ'ן פערבעטען בעט, געלאָזט מיט פערגעניגען דינע פעדימלעך רויך פון מויל און גענומען דערצעהלען אַ לאַנגע מעשה, וואָס האָט מיט איהם אַליין פּאַסירט איינמאָל אויף דער רייזע. איינמאָל, פאָהרענדיג קיין וואַרשוי, האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפען אין וואַגאָן מיט איינעם אַ גרויסען דאָקטאָר אַ מפורסם. דאָס איז געווען איינער פון יענע גרויסע דאָקטוירים, וואָס לכתחילה איז זעהר שווער צו דערקענען ווער זיי זענען: דאָס רוב זענען זיי קליינינקע, דאַרינקע און טראָגען אַ שמאָל סורדוטעל. אמת, דערמיט מעג ער זיך בערימען: ער, אַז ער דערזעהט אַזאַ פויגעל, בעדאַרף מען איהם שוין קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלעגען. ער דערקענט באַלד נאָכ'ן פליעך... און אַזוי איז אויך געווען מיט יענעם דאָקטאָר: ער האָט נאָר בעדאַרפט דערזעהן, ווי איינער זיצט עפּיס און לייענט אַ לאַטיינישע צייטונג און קרימט מיט דער נאָז... אַהאַ, ביזט דו דאָך פון אונזערע ברידער! בקיצור, וואָס זאָל ער אַ סך בריען— זיי האָבען ביידע פערפיהרט אַ שמועס, אָט טאַקי פונקט אַזאַ שמועס ווי איצט, מיט דעם הערר סטודענט. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט— זיי זענען געוואָרען נפש אחת, ממש ווי לייבליכע ברידער. אַז עס איז געקומען צום געזעגענען זיך, האָבען ביים דאָקטאָר זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען. ביי איהם אַליין אויך... בטבע האָט ער ליעב אַזעלכע מענשען, אין אַלגעמיין, פונ'ם שטאַנד-פונקט... יאָ, ער האָט עפּיס פערגעסען דערצעהלען: זיי האָבען געטרונקען צוזאַמען טהיי. וואָרט אַ ווייל ע, אפשר איז

דאָס געווען נישט קיין טהיי, נאָר ביער? דאָס איז שוין אַ מעשה פון כמה יאָהרען! איצט דערמאָנט ער זיך: דאָס איז טאַקי געווען ביער... אַ סימן האָט ער— זיי האָבען ביידע געהויבען די גלעזער, אַ מנהג, וואָס מע' געברויכט ביי ביער, נישט ביי טהיי... נאָר נישט דאָס איז ער אויסען דערצעהלען. אויסען איז ער— די פּאַפּיראָסען... אַ פּאַפּיראָס האָט איהם געגעבען יענער דאָקטאָר, וועט ער דעם טעם נישט פערגעסען וויַיל ער וועט לעבען! נאַ, אַזעלכע פּאַפּיראָסען זעהט מען שוין גאָר היַינטיגע צייטען ניט: צוואַנציג קאָפּיקעס אַ שטיק. און אפשר טאַקי די גאַנצע דריַיסיג... העַ=העַ!

פערעלמוטער איז צוגעגאַנגען צום יודעל און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר איהם מיט אַ פינסטער שטום געזיכט. אַ וויַילע איז ער אַזוי געשטאַנען, געקוקט אויף דאָס יודעל און געפיהלט, ווי עס ווערד איהם נישט=גוט, ווי עס נאָגט איהם מאָדנע ביַים האַרצען. דערזעהן, אַז יענער זיצט זיך רוהיג, בהרחבה אויפ'ן בעט און שמייכעלט מיט אַ גליקליך שיַינענדיג פנים, האָט ער זיך מיישב געווען און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער און אַ האַק געטהאָן מיט דער טהיר. אַ פּאָר מינוט איז ער געשטאַנען אין דעם פינסטערען קאָררידאָר אַ פערזאָרגטער, מיט פינסטערע געדאַנקען, און האָט אַלץ געזוכט אַ תרופה, ווי אַזוי צו פטור ווערען פון אַזאַ מין אָנשיקעניש. ער איז אַריַינגעקומען צוריק אין צימער מיט אַ פעסטען בעַ=שלום, געמאַכט דערביַי אַ שטרענג גזלניש פנים און זיך געווענדעט צום יונגענמאַנטשיק:

— איך מוז אַייך זאָגען, אַז איך בין איצט זעהר פערנומען...

דאָס יודעל האָט שוין לאַנג געהאַט אויסגערויכערט דעם פּאַפּיראָס. איצט האָט ער געהאַלטען צווישען די צייהן דאָס ליידיגע מונדשטיקעל און געפּיַיפט מיט דעם צום סטודענט אין פנים אַריַין. ער האָט איהם געַ=ענטפערט:

— איהר דאַרפט עס מיר גאָר ניט זאָגען; איך פערשטעה אַליין, אַז איהר זענט זעהר פערנומען... ס'איז דען עפּיס אַ שפּיעלכעל — האָבען צו טהון מיט פילאָסופיה און מיט היסטאָריע? און נאָך וואָס פאַר אַ היסטאָריע— פון ענגלאַנד!... אונז בעדאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט אַריַינ=לייגען; מיר וויסען... אַ קליַיניגקיַיט— מאָרד=אַרביַיט! איך מיין, אין אַל=געמיין, פונ'ם שטאַנד=פונקט... דיר ווילט זיך דוקא פאָהרען מיט דער באַהן— טאָ זיץ טאָג ווי נאַכט, ברעך דעם מח און געפין אויס, אַז „עלעקטערע" איז דאָס און דאָס, „לאָקאָמאָטיוו"— דאָס און דאָס... וואָס דאַרפען מיר רעדען וועגען פילאָסופיה— אַמעהר לאָמיר נעמען איין אַנדער

חכמה, אויך זעהר אַ שאַרפע. איך מיין „היסטאָריע־גרעטץ“... איך טענה מיין זאַך: נישט אַלע קאָנען פערשטעהן „היסטאָריע־גרעטץ“. איהר פערשטעהט העברעאיש? איך זעה נאָך אייערע אויגען נאָך, אַז איהר פערשטעהט ניט קיין העברעאיש... איך, אַז איך גיב אַ קוק אויף אַ מענשען!... ווייסט איהר דאָך מסתמא אויך ניט, ווער איז סאָקאָלאָוו? איין עבירה, כלעבען... אָט וועל איך אייך בעווייזען, וואָס דער רעדאַקטאָר סאָקאָלאָוו האָט מיר געענטפערט אין „בריעפקאַסטען“. איהר ווייסט דאָך מסתמא, וואָס איז אַזעלכעס „בריעפקאַסטען“? איך מיין, אין אַלגעמיין, אַזאַ מענש, ווי איהר, פון דער אמת'ער ציוויליזאַציע... איך וועל אייך איבערזעצען וואָרט ביי וואָרט אין ריין רוסיש.

דער יונגערמאַנטשיק איז אויף אַ ווײַלע אַרויסגעלאָפען פון צימער און באַלד האָט ער זיך אומגעקעהרט מיט אַ בלאַט־צייטונג אין האַנד. ער איז צוגעגאַנגען צום סטודענט, וועלכער איז געשטאַנען איבער'ן טיש איין אָנגעברוגז'טער, און האָט איהם אָנגעוויזען מיט'ן פינגער ערגיץ אונטען אין דער צייטונג:

— אָט אָ דאָ. איהר זעהט אַ ה"א? דאָס מאַכט: „העררּ“. דאָס שרייבט מיר סאָקאָלאָוו אַזוי... ווייטער: „ש—ן מ—ן“, דאָס מאַכט: „שטן מקטרג“... דאָס בין איך... דאָס הייסט, נישט איך, נאָר דער פסעודאָנים מיינער. איך האָב נישט געוואָלט אונטער'חתמ'ען מיין נאָמען. די „חברה קדישא“ זאָל זיך דערפון דערוויסען, וואָלט זיך געטהאָן מעשים... העע־העע! ווייטער! „מיר קאָנען נישט בעגרייפען אייער כונה, זי איז צו טיעף פאַר אונז“. איהר פערשטעהט ווערטער?!... דאָס האָב איך אַזאַ רגילות, וואָס איך שרייב טיעף, מיט אַ סך שווערע ווערטער פון דעם מחזור אַרוים... איין עבירה, וואָס איהר פערשטעהט נישט קיין העברעאיש!

דאָס יודעל האָט געקוקט אויף דעם סטודענט מיט אַזאַ ליכטיג פנים און מיט אַזעלכע שטראַהלענדיגע גליקליכע בעקלעך, אַז מע האָט געזעהן, ווי עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונד. דער סטודענט האָט נערוועז אַ טראַט געטהאָן צו איהם, אַ האַפּ געטהאָן פון זיינע הענד די צייטונג און אַ שמיץ געטהאָן מיט איהר אויפ'ן בעט. אין דעם אויגענבליק האָט זיך געעפענט די טהיר פון שטוב און פון קאָרידאָר האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ ווײַבעל:

— שלמה זלמן, וואו ביזט דו? ווײַטער נישטאָ איהם... מע דאַרף מאַכען דעם פריסטאַוו'ס השבון, און ער איז ערגיץ נעלם געוואָרען! גוואַלד, רבונו של עולם! די פריסטאַווּכע וואַרט דאָך אין קראָם! וואו איז ער? נו, אַ מענש, אַ מענש...

— שאַ, שאַ, ליאַרים דאָרטען נישט! איך בין דאָ, ביי אונזער סטודענט! — שלמה זלמן האָט ברייט צעעפענט די טהיר און זיך געשטעלט מיט'ן פנים צו פערעלמוטערען.

— מע לאָזט פשוט ניט אויסריידען קיין וואָרט מיט אַ מענשען! אָהן מיר קאָנען זיי זיך נישט אַ קעהר טהון — אַלץ די בוכהאַלטעריע! איהר מיינט, אַז נאָר די בוכהאַלטעריע? און ווער פיהרט די אַדמיניסטראַציע, אויב ניט איך? אַז עס קומען אַריין גימנאַזיסטען און מע דאַרף מיט זיי פיהרען אַ שמועס אויף רוסיש — איז טאַקי איך און איך! וואָרום צולאָזען צו זיי מיין ווייב אָדער מיין שווער מיט זייער שפּראַך, אָהן גראַמאַטיקע, אָהן לייב און לעבען...

דערנאָך האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער טהיר און אָנגעשריען אויף דאָס ווייב:

— וואָס־זשע שטעהסט דו דאָרטען? קום אַריין, גיב אַהער דאָס קאָנטאָ־בוך, איך וועל מאַכען דעם השבון דאָ, ביי אונזער סטודענט אין צימער.

אין טהיר האָט זיך בעוויזען אַ יונג ווייבעל, אַ שוואַרץ־הנ'עוודיגס, מיט איין אָבגעברענט פּנים. זי האָט פערשעמט אַ קוק געגעבען אויפ'ן סטודענט און געזאָגט מיט אַ הנ'עוודיג שמייכעלע:

— פאַרוואָס זאָלסט דו זיי שטערען ביי זיי אין צימער? אפשר וויל גאָר דער הערר סטודענט אָפּרוהען?

— איך שטער? — האָט זיך שלמה זלמן צעשריען אויף זיין ווייב.— געה אַרויס פון דאַנען, געה, ווייל דו קאָנסט טאַקי שטערען, נישט איך! געה, געה, אַז איך וועל אָפּמאַכען דעם השבון, וועסט דו איהם קומען בעמען. „שטערען!" געהערט אַ ביסעל אַ וואָרט פון אַ נאַרישע יודינע? מענשען זיצען און פערברייינגען, זאָגט זי — „שטערען"... געה, געה. מעגסט זיין רוהיג, אַז דאָס, וואָס איך מיט'ן סטודענט רעדען, איז נישט פאַר דיין קאָפּ!

אַז דאָס ווייבעל איז אַוועקגעגאַנגען, האָט שלמה זלמן אַרויסגענומען פון קעשענע זיין מונדשטיקעל, אַריינגעשטעקט עס צווישען די ציינער און גענומען צימבלען אויף דעם מיט אַ פינגער.

— איהר, הערר פערעלמוטער, ווייזט אויס, רויכערט זעהר ווייניג. איך האָב אַ טבע, אַז איך שרייב עפּיס — מוז איך רויכערען...

II.

אבענד-צייט, אז פערעלמוטער איז געקומען צו זיך אויף דער קווארטיר און האט אנגעצונדען א ליכט, האט זיך געלאזט הערען פון די נאהענטע צימערען א גערעדעריי, אויסגעמישט פון פערשידענע שטימען. אפטמאל פלעגען אלע אנשוויגען ווערען — דענסטמאל האט זיך געהערט נאר שלמה זלמנ'ס שטימע, א רוהיגע, א צופריעדענע, א הערשענדע. פערעלמוטער האט נאך קיין צייט נישט געהאט ארומצוקוקען זיך ביי זיך אין צימער, ערשט די טהיר האט זיך געעפענט און שלמה זלמן איז אריינגעקומען, קייענדיג עפיס אין מויל, און האט איהם א נעם געטהאן ביי דער האנד.

— קומט, הערר פערעלמוטער, טרינקען טיי.

דער סטודענט האט געפרובט זיך ארויסמאכען פון זיינע הענד און האט אנגעהויבען שטאמלען:

— ניין, ניין... א דאנק! איך... איך קאן איצט ניט. איך דארף...

— נו, נו! דערצעהלט מיר קיין מעשות נישט!... — האט זיך אנגערופען שלמה זלמן און געפאטשט איהם אין פלייצע גאר פריינדליך. — אדרבא קומט אריין, וועלען מיר טרינקען טיי און וועלען פערברייגען א ביסעל... קומט, איך האב דארטען פאר אייך צוגעגרייט א רוסישע צייטונג, טאקי מיין אייגענע צייטונג, וואס מע שיקט מיר פון פעטערבורג. וואס-זשע, איהר מיינט אפנים, איהר האט זיך פערקליבען ערגיץ צו די ווילדע אין אפריקע?

— אבער איך מוז איצט...

— תירוצים וועט איהר זאגען אייער באבען... איך וועל אייך נישט לאזען זיצען דא אליין — דאס מעגט איהר שוין זיין זיכער! איך האב מיר מיין כלל: דו מעגסט זיך זיין דער גרעסטער פילוסוף, אבער וויבאלד מע בעדארף עפיס נעמען אין מויל אריין... הע-הע! איך מיין, אין אלגעמיין, פונ'ם שטאנדפונקט...

ער האט אריינגעשלעפט מיט געוואלד דעם סטודענט אין עס-צימער, וואו דאס גאנצע געזינד איז געזעסען ארום טיש ביי א קאכעדיגען סאמאוואר. געזעסען זענען: דער אלטער בעל-הבית, זיין ווייב און צוויי טעכטער, פון וועלכע די עלטערע איז עם געוועזן שלמה זלמנ'ס שווארץ-חנ'עוודיג ווייבעל. דער אלטער, א קליין יודעלע, א דינס, א טרוקענס, א ציכטיגס, מיט א גרויליך ציעגיש בערדעל, האט דענסטמאל געגעסען וועטשערע.

ער איז געווען אינגאַנצען פערטיעפט מיט'ן פּנים און מיט די הענד אין אַ טעלער מיט פיש, אין וועלכען ער האָט געאַרבייט מיט צוויי גאָפּעל. נאָך יעדען ביסען האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ צו דער סטעלי צו, אויסגעזויגט דעם זאַפט פון די ליפּען און מיט אַלע צעהן פינגער צעקאַמט דאָס קליינע ציגישע בערדעל זיינס. דאָס אַלעס פלעגט ער דורכמאַכען אין איין רגע אַזוי משונה געשווינד, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט בדעה אין דער צווייטער רגע אויפשטעהן און ערגיץ אַנטלויפען. די אַלטע, אַ שוואַרצע, דיקע יודינע, איז געזעסען אַקעגען איהר מאַן אויף דער ווייכער סאָפקע מיט אויפגעלעגטע הענד אויפ'ן האַרצען און מיט אַ ליכטיג נחת־שמייכעל אויפ'ן פעטען פּנים. די עלטערע טאָכטער האָט גענעהט קינדער־העמדלעך אויף אַ האַנד־מאַשין, און די יונגערע האָט אָנגעגאָסען טיי אַלעמען, גענומען די צייטונג אין האַנד און זיך פערקליבען אין אַ ווינקעל. די באַקען האָבען ביי איהר מאָדנע געפייערט.

מע האָט זיך צערעדט. די ערשטע האָט אָנגעהויבען די דיקע יודינע, וועלכע האָט געפרעגט ביי פערעלמוטער, צי קען ער דעם שטאָדט־דאָקטאָר'ס זוהן, דעם סטודענט. פאַרוואָס פרעגט זי דאָס? ווייל היינט איז ער געווען ביי איהר אין קראָם. איז דאָס אַ פאַרשוין און איין עדעל קינד! שטיל ווי אַ טויב! דער עיקר — איין עדעל קינד: דינגט זיך נישט, בעצאָהלט גלייך וויפיעל מע זאָגט איהם. היינט זיין געהן, זיין שטעהן, זיין בוקען זיך — אַ מחיה, אַ גאָטס בענטשונג... מע פאַקט איהם איין אַ פעקעל טאַבאַק מיט הילזען — ער באַלד אַ בוק: „מערסי"... מע עפענט איהם אויף די טהיר, מע לאָזט איהם אַרויס, נעמט ער אַראָב דאָס היטעל און שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ... נישט אומזיסט, אַפּנים, שיטען אויף איהם אויס די עלטערען גאָר דאָס געלד! ווען גאָט וואָלט זי געבענשט מיט אַ זוהן, וואָלט זי קיין סך נישט געטראַכט און וואָלט איהם, בלי נדר, אויך געמאַכט פאַר אַ סטודענט... וואָרום עס לוינט זיך טאַקי צו זיין אַ סטודענט! וויפיעל, אַשטייגער, נעמט דער הערר סטודענט פאַר אַ שטונדע? אַודאי פינף רובעל, אויב נישט מעהר?...

גערעדט האָט דאָס אַלעס די דיקע שוואַרצע יודינע פּאַוואָלי און געצויגען, מיט אַ זיסע און פריינדליכע מינע אויפ'ן פּנים, און געזעהן האָט מען, אַז זי קוועלט אַליין אָן און פרעגעלט זיך אין יעדען איינציגען וואָרט, וואָס זי לאָזט אַרויס פון איהר מויל.

שלמה זלמן האָט דערווייל אַ מינוט נישט געקאָנט איינרוהען. דאָ האָט ער אַוועקגענומען ביי דער שוועגערין די צייטונג, אַרויפגעהאַפּט די פענסנע אויף דער נאָז, גענומען לויפען מיט די אויגען אַרויף און אַראָב

איבער'ן בלאט, און מיט אמאל אויסגעגלאצט א פאר אויגען פאר וואונדער און פאר שרעק, געשאקעלט מיט'ן קאפ און געשמוצערט מיט די ליפען: „מצא=מצא=מצא"... און דא האט ער זיך צוגעהאפט צו'ם אלמערעל מיט די ביכער, געזוכט עפיס דארטען מיט א צעטראגען פנים און צום סוף געלאזט וויסען אלעמען הויך אויף א קול, אז ביי איהם איז פערפאלען געווארען א גאנצער אוצר מיט טייערע ביכער. וואו האט געקאנט אשטיי־גער אהינקומען אזא טייער בוך ווי „באסני קרילאוו", וואס האט איהם אב־געקאסט א ממון מיט געלד?...

— וואס דרעהט איהר א מה דעם הערר סטודענט מיט אייערע בבא־מעשיות וועגען דעם דאקטאר'ס זוהן? — איז ער ענדליך אנגעפאלען אויף דער שוויגער. — געפונען וואס צו רעדען וועגען א סטודענט! איהר קענט איהם דען, וואס איהר לויבט איהם אזוי? איהר האט איהם אפנים עק־זאמענירט?... מילא, אזעלכע מענשען ווי מיר, אז מיר רעדען, פער־שטעהען מיר דאך, וואס איז אזעלכעס „מעדיצין", אבער וואס ווייסט איהר? געהאפט אווארט „מערסי"!... א צאצקע א ביסעל! איך ווייס אייך טויזענד ווערטער אזעלכע...

איצטער האט אויך דער אלטער געפונען פאר נויטיג אריינצושטעלען זיין ווארט. ער האט אפגעשטויסען פון זיך דאס טעלערעל מיט די פיש, אויפגעהויבען דעם קאפ צו דער סטעלי, א קאם געטהאן דאס בערדעל מיט אלע צעהן פינגער און א זאג געטהאן מיט א הייזעריג קול, נישט קוקענדיג אויף קיינעם:

— וויי=איים איך וואס!... מעדיצין... שמעדיצין... סטודענטען... ענטען=פענטען... א טייערע מציאה! בעט ביי מיר א געבאקטע ציבעלע!...

אפגעזאגט דאס, האט דער אלטער א בלאז געטהאן פון זיך מיט די ליפען, צוגעשארט צוריק דאס טעלערעל מיט די פיש און ווייטער גענומען ארבייטען מיט ביידע גאפעל.

שלמה זלמן איז געבליבען שטעהן אפהענדיג און באליידיגט, פונקט ווי מע וואלט איהם אונטערגעהאקט די פליגלען. ער האט גענומען א שטוהל, צוגעזעצט זיך צום סטודענט, ביטער א שמייכעל געטהאן און אריינגעזיפצט איהם אין אויער אריין:

— פאנאטיזם... דער פינסטערער פאנאטיזם!

פערעלמוטער האט אפגעטרונקען זיין טיי, בעדאנקט די שווארצע דיקע יודינע פאר איהר פריינדליכקייט און האט זיך אויפגעהויבען פון טיש. שלמה זלמן איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט.

— וואס הייסט? איהר געהט שוין גאר אוועק? וואס איילט איהר

זיך? איהר האָט דאָך נאָך ניט געזעהן מײַן פּאָנאָגראַף!

— וואָסער פּאָנאָגראַף? — האָט דער סטודענט געפרעגט פּערוואינדערט.

אָנשטאָט אַיין ענטפער, האָט שלמה זלמן אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן צו זײַן שוועגערין:

— עטיל, גיב אַקאָרשט אַהער דעם פּאָנאָגראַף, וואָס איך האָב געבראַכט פון וואַרשוי! אָבער שנעל!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַיין אַלטען ביליגען פּאָנאָגראַף מיט פערשמאַלצעוועטע גומינע העֶר־רעהרלעך. אַלע האָבען זיך אַרומגעקליבען אַרום טיש און אויפמערקזאַם בעטראַכט, ווי שלמה זלמן שטעלט קונציג אָן די וואונדערליכע זינג־מאַשין. שלמה זלמן'ס ווײַבעל האָט אויפגערוימט דעם טיש, עטיל איז געווען רויט און אויפגערעגט, ווײַל איהר איז גראָד אויסגעקומען זיצען נעבען דעם סטודענט. אַפילו דער קליינער טרוקענער אַלטיטשקער איז אויך געווען אויפגעלעבט: אין זײַנע אויגען האָט געשײַנט אַ דין שמייכעלע, פון וועלכען מע האָט דײַטליך אַרויסגעזעהן, אַז איצטיגס מאָל איז ער גרייט נאָכגעבען און טהון דער וועלט אַ טובה.

שלמה זלמן האָט אַרומגעטאַנצט אַרום אַלעמען מיט אַיין ערנסט שטרענג געזיכט, אויסגעזעצט אַלעמען אַרום טיש און אָנגעזאָגט, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגען אַרויסנעמען די רעהרלעך פון די אויערען, ביז וואַנען ער וועט נישט הייסען. די נעמען פון די „שטיק" האָט ער אויסגעלייענט הויך אויף אַ קול, געקוועטשט דערביי יעדעס רוסישע וואָרט מיט גרויס כונה און מאָדנע געקרימט דאָס פנים. פערעלמוטערע האָט די גאַנצע צײַט געשמייכעלט מיט זײַנע ווייכע אויגען און האָט, פון דעסטוועגען, געפאָלגט אַליץ, וואָס מע האָט איהם געהייסען.

אויסגעהערט אַלע לידלעך פון דעם פּאָנאָגראַף ביז'ן סוף, איז דער סטודענט אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער אַ מידער, אַיין אויסגעפייניגטער, מיט אַ טומעל אין קאָפּ און מיט אַ געריש אין די אויערען, און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן בעט אין די זאַכען. אויפ'ן טיש האָט געברענט דאָס ליכט מיט אַ גלײַך שטיל פײַערעל און האָט שוואַך בעלויכטען די העלע וועגד פון צימער. און ווײַל דאָס פײַערעל האָט געברענט גלײַך און שטיל, איז דעם סטודענט געוואָרען מאָדנע טרויעריג אויפ'ן האַרצען, און ער האָט געטראַכט דאָס, וואָס עס טראַכטען אַלע סטודענטען, בשעת זיי קומען אָן אויף אַ נײַע קוואַרטיר: אַז ער איז עלענד, אַז ער פערמאָגט נישט מעהר ווי אַ בלויע קאָלדרע, אַז אין דעם

לעבען איז זעהר ווייניג פרייד פארהאן... וכדומה אזעלכע מחשבות זענען געקראכען דעם סטודענט אין קאפ. דערווייל האט ער געהאפט א דרימעל און האט נישט בעמערקט, ווי די טהיר האט זיך געעפענט. שלמה זלמן איז אריינגעקומען אין צימער, צוגעשטעלט א שטוהל צום סטודענט'ס בעט, אהעקגעזעצט זיך און געזאגט:

— דארטען האב איך מיט אייך נישט געוואלט מאכען קיין שמועס פאר מיין שווער. גאר פשוט: עס העלפט איהם נישט קיין רעד — א פאנא-טיק.. איך האב מיר מיין כלל: איך קאן מיר גלויבען אין „יענער וועטלט", און פון דעסטוועגען בין איך א מענש, וואס האלט מיט די ציווילי־זאציע. וואס זאגט איהר? אפשר גלויבט איהר נ י ש ט אין „יענער וועלט"; איך פערשטעה אזעלכע מענשען אויך... האטש די פילוסופים זאגען דוקא, אז מע זאל יא גלויבען. והא ראיה—אריסטו, וואס איז געווען דעם רמב"ם'ס א תלמיד... איהר האט נאך א פאפיראס?

ער האט געהאלטען דאס מונדשטיקעל צווישען די צייהן און גע-פייפט דעם סטודענט אין פנים אריין.

פערעלמוטער האט זיך א הויב געטהאן פון בעט און אריינגעקוקט דעם יונגענמאנטשיק אין פנים אריין מיט אפענער און טיפער שנאה. דערנאך האט ער א ווארף געטהאן דעם קאפ אויפ'ן קישען, צוגעמאכט די אויגען און האט ארויסגערעדט מיט א שוואכע שטימע, אין וועלכער עס האט זיך געהערט מיעדקייט און געבעט:

— גנעדיגער הערר! דער קאפ טהוט מיר וועה...

געזאגט האט ער עס אין רוסיש.

שלמה זלמן איז געווארען אויפגעלעבט.

— אדרבא, אדרבא... רעדט טאקי רוסיש מיט מיר! פאזשאלויסטא... „גנעדיגער הערר"! איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה, אז פונקט מיט אזא לשון רעדט צו מיר דער לעהרער גליעבאוו פון גימנאזיע אויך! ער שרייבט צו מיר בריעף טאקי מיט די ווערטער: „גנעדיגער הערר"... איינמאל טרעפט זיך, איך זיץ מיר אזוי זונטאג ביים לעהרער גליעבאוו פון גימנאזיע, זאגט ער צו מיר, אט פונקט ווי איהר איצט: „גנעדיגער הערר שאפירא, אפשר וועט איהר קאנען טרעפען א פראגע אין דער מאטעמאטיקע?" — מהיכא תיתי, זאג איך, לייגט ארויס אויף דעם טעלער. מאכט ער צו מיר, דער לעהרער גליעבאוו פון גימנאזיע: „גנעדיגער הערר, איך וועה ארויס שוין לאנג פון אייער בוכהאלטעריע, אז איהר האט א שארפען קאפ. פרובט טרעפען אט די און די פראגע! אלע גימנאזיסטען האבען זיך שוין אנגע-מוטשעט מיט איהר"... מיינט איהר, איך האב נישט געטראפען? איינס

און צווייִ! אָט ווי איך רעד מיט אייך. איך איין האַנד האַלט איך דאָס גלאָז טיי, און אין דער צווייטער— אַ בלייפעדער. אַ קלעדער געטהאָן, אַ שרייב געטהאָן— און פאַרטיג... דער לעהרער גליעבאָוו פון גימנאַזיע איז שיער נישט אַראָפּ פון זינען פאַר וואונדער. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף מיר ווי אַ משוגענער, און ווען איך זאָל מיך ניט געוועזען היטען, וואָלט ער געוויס צעבראָכען דאָס גלאָז! שאַ, וואַרט אַ ווײַלע, איך דערמאָן מיך איצט: דאָס גלאָז איז טאַקי צעבראָכען געוואָרען אויף ברעקלעך... צעקאַ־ליעטשעט מיר אַ האַנד... „גנעדיגער העדר שאַפּיראָ, האָט ער מיר גע־זאָגט, איין עבירה, וואָס איהר זענט ניט קיין גימנאַזיסט! פון אייך וואָלט געוויס אַ מאָל אַרויסגעקומען אַ גרויסער פּראָפעסאָר!“... מיט די ווער־טער! און איך— זאָל דאָס מיך אַהרען אַ האָר! איך טרינק מיר רוהיג מיין טיי און לאַך מיר. אַ מציאה אַ גרויסע— טרעפען אַזעלכע פראַגען! ווען איך וואָלט נאָר חשק געהאַט, וואָלט איך אפילו דייטש געקאָנט. איינמאָל, פאָהרענדיג קיין וואַרשוי, האָב איך מיך בעקאַנט מיט איינעם אַ דייטש. אַליין איז ער, דאַכט זיך, געוועזען אַיין אַרכיטעקט...

דער סטודענט פערעלמוטער האָט זיך פלוצים איבערגעקעהרט האַסטיג אויף דער צווייטער זייט, מיט'ן פּנים צו דער וואַנד, און אַיינגעגורעט דעם קאָפּ אין קישען. ער האָט שטייף צוגעמאַכט די אויגען און האָט גע־פיהלט, ווי עס ציטערען ביי איהם הענד און פיס, ווי אין פיעבער.

—אַה, איהר ווילט שוין אַזוי פריה שלאָפען? שלאָפט, שלאָפט... איך האָב אַ טבע זיך לייגען נישט פריהער פון צוועלף אַ זייגער. דאָס רוב זיץ איך ביי מיין פלימעניק דעם פאָטאָגראַף און הער, ווי זיין ווייב רעדט פראַנצויז. אונזער אַ ברודער מוז האָבען ציוויליזאַציע. איך מיין אין אַלגעמיין, פונ'ם שטאַנדפונקט...

ענדליך איז שלמה זלמן אַרויסגעגאַנגען. פערעלמוטער האָט זיך באַלד אויסגעטהאָן, פערלאָשען דאָס ליכט און זיך געלייגט שלאָפען. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געדרעהט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, ביז וואַנען ער איז אַנדרימעלט געוואָרען. ער איז שוין געוועזען אַריינגעפאַלען אין אַ געשמאַקען שלאָף, נאָר מיט אַ מאָל האָט ער דערפיהלט, ווי נאָהענט נעבען זיין בעט האָט מען אָנגעצונדען אַ שוועבעלע. ער האָט זיך אויפ־געהאַפּט און גענומען פינטלען מיט אָנגעוועהטיגטע אויגען. פאַר איהם איז געשטאַנען שלמה זלמן, אינגאַנצען אַ ווייסער, אַ באָרוויסער, און האָט עפּיס געזוכט מיט אַ ליכט אין האַנד ביי איהם אין די קליידער, וואָס זענען געלעגען אויפ'ן שטוהל.

—איך בין געקומען לייהען ביי אייך אַ פּאַפּיראָס, קאָן איך נישט

געפינען... אַ מאָדנע זאַך: אַז מע ליגט און מע טראַכט וועגען פילאָסאָפיה, ווילט זיך רויכערען. דאָס ווען איך אַרויס פון זיך אַליין. איך האָב אַ געוואָהנשאַפט...

נאָר דאָ האָט פּאַסירט אַזוינס, וואָס איז גאָר קיינמאָל נישט געווען קיין געוואָהנשאַפט ביים סטודענט פּערעלמוטער. ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַוועקגעשטעלט אויפ'ן בעט, ווי הויך ער איז, אויסגעגלאָצט אַ פּאָר ווילדע אויגען, געהאַפּט זיך ביים קאָפּ, און ציטערענדיג אינגאַנצען אין אַ פיעבער פון שנאה און צאָרן האָט ער אויסגעשריען אויסער זיך אין רוסיש אויף אַ שרעקליכען, אוננאַטירליכען קול:

— פשאָאָל!...

XIV.

מַפְטִיר.



מַפְטִיר.

שבת גאַנץ פריה, אַז משה-מאָטע האָט זיך געפּעדערט מיט זיין יונגעל צום דאַוונען, איז דער בית-המדרש נאָך געווען כמעט פוסט. ביים האַלבּ-אָבגעקיהלטען אויווען, וואו עס האָט געשלאָגען דער דונקעלער קאַלטער שיין פונ'ם הערבּסט-פריהמאָרגען, זענען געזעסען אַ פּאָר פערשלאָפענע יודען מיט גלאַנציג-אויסגעוואַשענע פּנימער און האָבען געזאָגט תהלים. מע האָט געטונקט די פינגער אין די מיילער, געשווינד געמישט די בלע-טער און אונטערוועגס געחאַפּט צווישען זיך אַ שמועס. געשמועסט האָט מען פון גערטנער, פון אוגערקעס, פון קרויט, פון קאַרטאָפעל, וואָס זענען הייַנטיגס יאָהר שטאַרק נישט געראָטען און מען איז מיט זיי אין דער ערד! און אין דער זעלבער צייט האָט אַריינגעשלאָגען דורך די פענסטער דער קאַלטער דונקעלער הערבּסט און אויף די ציטעריגע שויבען האָט זיך געזיפט אַ דין דריבנע רעגענדעל.

אין בית-המדרש איז משה-מאָטע מיט זיין יונגעל אַריינגעקומען פּאַוואָלי און פּאָרזיכטיג, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך גנב'ענען. און מחמת ביידע זע-נען געווען איינגעהויקערטע, נאַסע, און האָבען געציטערט פאַר קעלט, האָבען זיי ביידע אויסגעזעהן ווי די פערוואָגעלטע שעפּעלעך, געיאָגטע האַלז אין נאַקען, דאָס גרעסערע פאָראויס און דאָס קלענערע פון הינטען. קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט, זענען זיי געבליבען שטעהן אין מיטען בית-המדרש ווי אין דער פרעמד. דאָס יונגעל איז הייַנט געווען אָנגעטהאָן יום-טוב'דיג: צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען האָט ער

אנגעמאסטען אויף זיין דין שווארץ העלזעל א פאפירען וויס קראגענדעל מיט א בלוי שניפסעל.

— טאטע, דו קאנסט איצט רעדען מיט דעם שמש...— האט דאס יונגעל שטיל געזאגט צום טאטען און דאס הארץ האט איהם שוין אנגעהויבען צו קלאפען.

— הא? — האט משה־מאטע איבערגעפרעגט און איז געווארען א צעמישטער. א ווילע איז ער אזוי געשטאנען אין מיטען בית־המדרש, דערנאך האט ער געמאכט הארץ, פערלייגט די הענד אויף הינטען און פאוואלי צוגעגאנגען צום בחור שבתיל, וועלכער איז געזעסען ביים אויווען אויף א ברעג פונ'ם ביינקעל און פער'חלומ'ט צוגעהערט וואס לייט שמועסען. אקעגען די תהלים־זאגער איז געשטאנען גבריאל דער שמש, א יוד א גדלן, טויבליך א ביסעל אויף איין אויער, מיט א לאנגען גרויען בעל־הבתישען בארד. ער האט אראבגעקוקט אין א גראבען צעריסענעם „קרבן־מנחה“, געשאקעלט מיט די דיקע ברוגז'ע וואנסעם און גלייכגילטיג געהאלטען דאס געזונדע אויער עטוואס אנגעבויגען צו די וואס זיצען ביים אויווען. משה־מאטע האט זיך אונבעמערקט אוועקגעשטעלט נעבען דעם בחור שבתיל און האט זיך אויך איינגעהערט צו דעם, וואס מע שמועסט. דאס יונגעל זיינס האט פון איהם די גאנצע צייט קיין אויג נישט אראבגענומען. ער האט זיך פערקליבען ערגיץ אין ווינקעל פון ארון־קודש א בלייכער, איין איבערגעשראקענער, און האט דארטען שטום געציטערט מיט די אקסלען און מיט'ן דין שווארץ העלזעל.

משה־מאטע האט געמאכט א פריינדליך פנים און דאס דאזיגע פריינדליכע פנים אנגעשטעלט אויף גבריאל דעם שמש. ער האט איהם אריינגעקוקט גלייך אין די אויגען מיט א ליעבליכען קוק, געדאט דערמיט א כונה צו אונטערקויפען איהם. אבער גבריאל דער שמש איז א גדלן און א הארטער יוד. די דיקע ברעמען האט ער אראבגעלאזט צום סידור, די דיקע וואנסעם האט ער פאמעליך געשאקעלט, און אזוי איז ער געשטאנען רוהיג און קאלט, ווי נישט איהם מיינט מען. נאר צייטענווייז טראגט ער צו דאס געזונדע אויער זיינס צוזאמען מיט דעם דיקען „קרבן־מנחה“ צו די וואס שמועסען, קנייטשט אן ביז דעם שטערן און ווארפט אריין מיט רוגזה אויך זיינס א ווארט:

— הא? הערסט דו! הא? פש... א קלייניגקייט! הא? אט דאס טענה איך דאך! הא? עט, שטות'ערייען!...

דורך אזעלכע דבורים איז משה־מאטע ביי זיך איינגאנצען אראבגעפאלען. ער האט שוין שטארק געצווייפעלט, צי וועט זיך איהם לחלוטין איינ־

געבען רעדען מיט׳ן שמש פנים אל פנים. טראַכטענדיג אָט די ניט=פֿרעדליכע מחשבות, האָט ער שוין מעהר נישט געהערט וואָס לײַט שמועסען און האָט אָנגעשטעלט די אויגען אויף די דונקעלע פֿערוויינטע שויבען פֿון די פֿענסטער. אַ קאַלטע וויסטע טרויער האָט אַרויסגעקוקט פֿון אומעטום: פֿון די לאַנגע פוסטע בית=המדרש בענק, פֿון דעם קרומען אויסגעדרעהטען „האַנד=וואַש״, פֿון דעם איבערגעקעהרטען קאַסטען מיט „שמות״, פֿון דער פֿירקאַנטיגער בימה מיט איהרע פֿיער הויכע שטומע, פֿערחושד׳טע זײַלען. נאָר וואונדערליך איז געווען איין זאַך: וואָס איז אַיינגעפֿאַלען אָט די דאָזיגע פֿערטרויערטע פֿער׳דאגה׳טע יודען, וואָס זיי האָבען אָנגעטהאָן זייערע שבת׳דיגע קאַפּאָטעס און זיך געאײַלט אין בית=המדרש אַרײַן אַזוי פֿריה? ווײַבאַלד אַז דאָס קרויט האָט אַוועקגעקוילעט דער האָגעל, מיט קאַרטאָפֿעל ליגט מען אין דער ערד, האָלץ איז אין יקרות — און דאָ זיפֿט זיך נאָך פֿון דעם קאַלטען הימעל אַ דין אָמיענדיג רעגענדעל און פּויקט אין די פֿענסטער און זאָגט אָן די קלאָגעדיגע בשורה, אַז דער ווינטער געהט...

איינער פֿון די תהלים=זאָגער האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון בײַנקעל און איז אַרויסגעגאַנגען. דער בחור שבתיל האָט זיך אָפּגערוקט און געמאַכט אַיין אָרט פֿאַר משה=מאָטען, וועלכער האָט זיך באַלד אַוועקגעזעצט און בעדאַנקט פֿאַר דאָס מיט אַ הוסט. אַ ווײַלע האָט משה=מאָטע זיך געשלאָגען מיט דער דעה, דערנאָך האָט ער אַ צווייטען מאָל אַ הוסט געגעבען און זיך אָפּגערופֿען צום בחור שבתיל:

— איך זאָג, הייסט עס, אַקעגען דעם: יקרות... מײַנע זאָגט... מײַנע, הייסט עס... זאָגט זי: דעם גוי טאָר מען ניט נאָכגעבען. מע גיט איהם היינט פֿאַר אַ האַלב=אַכטעל קאַרטאָפֿעל צוויי גילדען, וויל ער אויף מאָרגען צוויי גילדען מיט צעהן... אַ גוי איז אַ חזיר... אַזוי זאָגט זי... איך מיין, הייסט עס מײַנע... הע=הע...

שבתיל האָט אָפּגעשוויגען און גאָרנישט ניט געזאָגט אויף דעם. אָנשטאָט אַיין ענטפֿער האָט ער עלאַסטיש אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד אין לופֿטען, אויסגעדרעהט זי איבער זײַן אייגענעם קאָפּ און אַרײַנגעפּאָהרען מיט אַלע פֿינף פֿינגער טיעף צו זיך אין קאָלנער אַרײַן. משה=מאָטע האָט געקוקט אויף דעם פֿון דער זײַט מיט אַ צוטרוילִיך שמייכעלע און האָט ווײַטער גערעדט.

— איך זאָג אויך אַזוי. זי איז גערעכט. איך מיין, הייסט עס, מײַנע... אַ גוי — אויף וואָס דאַרף ער געלד? איך מיין, הייסט עס, צאָהלען רבי־געלד, קויפֿען אַ פּאָר תפֿילין?... הע=הע... איך זאָג עס אַקעגען דעם,

הייסט עס... נעכטען האָב איך אויסגעגעבען צעהן גילדען, געקויפט אַ פּאָר תּפילין פאַר מיין יונגעל, פאַר מיין אברמצי'ן, הייסט עס...

דאָס האָט שוין דעם בחור שבתיל גענומען. ער האָט אויסגעדרעהט צו משה־מאָטען דעם קאָפּ און אָנגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר אויגען:

— שוין בר־מצוה געוואָרען דיין יונגעל?!

— הע־הע... וואָס האָסט דו געמיינט? אודאי! צעהן זילבערגע גילדען געקאָסט אַ פּאָר תּפילין... זי וויל נאָך קויפען אַ מפטיר אויך, מיינע, הייסט עס...

משה־מאָטע האָט דערביי אַ וואָרף געטהאָן אַ פריינדליכען בליק צו גבריאל דעם שמש. דאָס האָט אָבער ווייניג געהאָלפען. גבריאל איז געשטאַנען איבער זיין סידור רוהיג און טויב ווי פריהער, און האָט נאָר געשאָקעלט מיט זיינע דיקע ברוגז'ע וואָנסעס. דערפאַר איז דער בחור שבתיל נישט פערבליבען גלייכגילטיג. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פערוואונדערטע אויגען אויף דאָס דערשראָקענע יונגעל, וואָס האָט געציטערט אינ'ם ווינקעל פון ארון־קודש, אָנגעצויגען לופט אין די לונגען און אַרויס־געשאָסען:

— אָט דאָס יאַטעל איז שוין געוואָרען בר־מצוה?! אַזאַ ציצירוציקעל!... אויף מיין וואָרט, אַלע שנעקעס ווערען גאָר בר־מצוה איצט!

אויסגעדריקט דורך זיין פערדראָס, האָט דער בחור שבתיל תיכף נאָך דעם אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ און בריה'ש אַרויסגעוויזען דורך זיינע צוויי גרויסע פּאָדערשטע ציינער אַ פלינק דין שפּייעלע. דאָס האָט געמיינט צו זאָגען: „פע, נעמען זיך אָפּעסען דאָס האַרץ פון אַלץ!"...

— הע־הע...— האָט משה־מאָטע געשמייכעלט און געוואָלט עפּיס זאָגען, נאָר ער האָט דערזעהן, אַז דאָס בית־המדרש ווערד פולער און פולער מיט מענשען און גבריאל דער שמש שטעהט נאָך אַלץ אויף זיין אָרט אַ קאַלטער, אַ חשוב'ער, אַ טויבער. משה־מאָטע האָט אָנגעוואָרען מוטה און איז שטיל אויפגעשטאַנען פון אויווען און אַוועקגעגאַנגען זיך זעצען אויף זיין שטענדיגען אָרט, הינטער דער בימה.

— טאַטע, דו האָסט איהם ניט געזאָגט?...— האָט איהם זיין יונגעל געפרעגט מיט אַ ציטעריגען קול.

— אַז ער וויל נישט הערען...— האָט זיך משה־מאָטע פערענטפערט פאַר זיין זוהן.— שפּעטער, אַ מע וועט פערקויפען עליות, וועל איך איהם זאָגען. דערווייל הזר איבער די הפטורה נאָך אַ מאָל.

בשעת דאַוונען האָבען די יונגלעך זיך אַרומגעשטעלט אַרום אַברמצי'ן און גענומען בעשאַצען דאָס פּאַפּירענע קראַגענדעל מיט'ן בלוי שניפּסעל.

אַברהמצי אַליין איז געװען שטאַרק אױפגערעגט און צעטראָגען. איהם האָט אפילו נישט געאַהרט די הסרונות אין דעם שניפסעל, וואָס זיינע חברים האָבען איהם אויפגעוואָרפען. משה־מאָטע, וואָס האָט מאָדנע הנאה געהאַט פונ׳ם גאַנצען ענין, איז צוגעגאַנגען און זיך אַוועקגעשטעלט אין טלית צווישען חברה יונגלעך, צוגעלייגט אַיין אויהער צו זייער שמועס.

— דאָס קאָסט אַ גריוונע...— האָט ער פערטהיידיגט פאַר זיי דאָס בלויע שניפסעל.

נאָך דער ערשטער שמונה־עשרה האָט אַברמצי גענומען דעם חומש און פּאַמעליך איבערגע׳חזר׳ט די הפטורה. משה־מאָטע האָט דענסטמאָל פערבונדען אַ געשפרעך מיט זיינעם אַ שכן, וואָס זיצט נעבען איהם הינטער דער בימה.

— אָט דאָס יונגעל מיינס, איך מיין, הייסט עס, אַברמצי מיינער... וואָס זאָגסט דו צו איהם? געוואָרען בר־מצוה, הע־הע... זי וויל היקא אַ מפטיר. איך מיין, הייסט עס, מיינע... ער זאָגט דאָך דיר די גאַנצע הפטורה אויסווענדיג ווי אַ וואַסער, אָט דער קליינער!... קויפען איהם מפטיר? וואָס זאָגסט דו? אפילו די פרנסה... אָט אויסגעגעבען אויף תפילין צעהן זילבערנע גילדען! נאָר זי האָט זיך איינגעשפּאַרט, איך מיין, הייסט עס, מיינע... הא, וואָס מיינסט דו?

דער שכן האָט אין דער צייט גראָד געחאַפּט אַ געשמאַק דרימעל. דער־פיהלט אַז איינער רעדט צו איהם, האָט ער פּאַמעליך אויפגעריסען אַ פּאָר פערקלעפּטע אויגען, פערטראָגענע ערגיץ אין אַנדערע עולמות, און האָט אָנגעקוקט משה־מאָטען מאָדנע תמ׳עוואַטע, ווי אַ נישט־היעגער, ווי איינער זאָגט: „רעד צו מיר און רעד־צו דער וואַנד”...

נאָר אָט איז שוין געקומען די רעכטע צייט. דער שמש האָט אָנגעהויבען פאַרקויפען עליות. משה־מאָטע האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט׳ן פנים צו דער בימה מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ, געגרייט זיך צו אַ סכנה און גע־צופּט זיך מיט ציטעריגע פינגער דאָס ציגישע בערדעל.

אין בית־המדרש טראָגט זיך אום אַ שטיל שבת׳דיג גערויש, אויסגעמישט פון פערשיעדענע זאָגעכצען מיט פערשיעדענע ניגונים. בעלי־בתים, איינ־געוויקעלטע אין די טליתים, זיצען ביי די שטענדערס, שאָקלען זיך שטיל און מע איז מעביר די סדרה. הינטער דער בימה קלויבען זיך צענויף בחורים און יונגע־לייטלעך אין שפּאָגעל־נייע טליתים, מע שמועסט פרעהליך, מע בערעדט דעם עולם, מע טרייבט שפּאַס איינס מיט׳ן אַנדערען. גבריאל דער שמש שפּרייזט אום געלאַסען אויף דער בימה, זינגט אויס מיט אַ געצויגען קול די מקחים פון די עליות, שטעלט זיך אָפּ אין מיטען און

בעטראַכט דעם עולם מיט אַ שטרענגען בייזען בליק. ווייבאַלד אָבער ער פּאַקט נאָר אַ וואונק פון איינעם פון די בעלי־בתּים, ווערד ביי איהם תּיכּף ליכטיג דאָס פּנים, ער פליהט אַראָב אין איין אויגענבליק פון בימה, בויגט אָן דאָס געזונדע אויהער צום בעל־הבּית און סוד'עט זיך און שמייכעלט און שאָקעלט צו געטריי מיט'ן קאָפּ.

— צוואַ—אַנציג „גראָשיין" אום מאַ־אַפטיר! — האָט אויסגעזונגען דער שמש זיין בעשטענדיג ליעדעל.

משה־מאָטע האָט זיך אויפגעחאַפּט ווי אַיין אָפּגעבריהטער. די קאָמ־פּאַניע בחורים און יונגע לייטלעך הינטער דער בימה האָט געוואַקסען. מע האָט זיך אַלע אויפגעשטיקט אַרום משה־מאָטען מיט זיין יונגעל, מע האָט עפּיס דערצעהלט און הויך געלאַכט. משה־מאָטע איז געשטאַנען צווישען זיי אַיין איינגעפּרעסטער, אַ רויטער. ער האָט כּלומרשט אויך געשמייכעלט און אַליץ געצאַפּעלט זיך מיט הענד און מיט פיס כּדי אַרויסצוגעהן.

— דאָס יונגעל מיינס... זעהט, טהוט אַ טובה... איך האָב אַ יונגעל האָב איך...— האָט ער אַליץ געשטאַמעלט, נאָר קיינער האָט איהם נישט געהערט.

ער האָט פערצווייפעלט אַראָבגעלאָזט די הענד, און דאָרטען, אונטען, האָט ער אָנגעטאַפּט מיט די פינגער אַ זודיג פייעריג בעקעל. ער האָט זיך איינגעבויגען און דערזעהן, ווי זיין יונגעל שטעהט אַ צוגעדריקטער צום ביינקעל, רייסט זיך אַליץ אויפהויבען דעם קאָפּ צום טאַטען און ציטערט מיט אַלע איברים ווי אין פיעבער.

— טאַ־טע... נו־או?...

— דריי־סיג „גראָשיין" אום מאַ־אַפּטיר!...

— רב גבריאל!...— האָט משה־מאָטע זיך געבעטען און אויסגעשפּרייט די הענד מיט רחמים צו יענעם אָרט, וואו דער שמש איז געשטאַנען אויף דער בימה. נאָר רב גבריאל האָט זיך דעמסטמאָל גראָד אָנגעבויגען פון בימה צו איינעם אַ בעל־הבּית און האָט איהם עפּיס פערטרויט אויפ'ן אויהער מיט זעהר אַ ליכטיג פּנים.

— זי—בעציג „גראָשיין" אום מאַ־אַ־אַפטיר!— האָט דער שמש אויס־געזונגען מיט אַ געפיהל פון נצחון.

— רב גבריאל!!...

איצט האָט משה־מאָטען זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט שוין אַ ביסעל אַריבערגעחאַפּט דאָס מאָס און האָט אַ צו־הויכען געשריי געטהאָן. ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען אַ פערשולדיגטער, אַ צעטראָגענער.

— צו מיר... צו אונז קוקט ער גאָר ניט!— האָט ער זיך פערענטפערט

פֿאַר די יונגע לייט און צעלאָזט די הענד.

— ווער? וואָס? — האָט זיך צו איהם אַ קעהר געטהאָן איינער אַ צעפּלאַמטער יונגערמאַן מיט פֿרעהליכע לאַכענדיגע אויגען.

— איך זאָג, הייסט עס... איך האָב אַ יונגעל... אַ קינד... האָט זיך איהם פֿערוואָלט מפּטיר, הייסט עס...

און איצטיגס מאָל האָט זיך משה־מאָטען איינגעגעבען אַרויסגעהן בשלום פֿון דער צענויפֿגעשטיקטער חברה יונגע לייט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי די טרעפּ פֿון בימה אַ שרעקעדיגער, איין אונטערטעניגער, אַליין געצופּט זיך דאָס ציגישע בערדעל און געגרייט דעם קאָפּ אויף געבען גבריאל דעם שמש דעם נויטיגען וואונק. נעבען איהם איז געשטאַנען זיין יונגעל אַ גרייטער, אַ פּאַרטיגער, מיט'ן חומש אונטער דער האַנד און מיט'ן ברען אין די מאָגערע צעפּלאַמטע בעקלעך. באַלד האָבען זיך אַרומגעשטעלט אַרום איהם אַ חברה יונגלעך און עפּיס שעלמיש געלאַכט און שעלמיש געוואונקען איינע צו די אַנדערע.

— בחורים! צעגאַנגען זאָלט איהר ווערען! — האָט אָנגעשריען איינער אַ אַלטער יוד אויף דער חברה יונגלעך. פֿערביי־געהענדיג האָט דער אַלטער יוד אָנגעחאַפּט פֿאַר'ן קאָלנער גראָד אַברמצ'ין און האָט איהם אַ שטופּ געגעבען: „געה, שקאָץ איינער, ער לאָזט זיך נאָך בעטען"... דאָס אויפֿגערעגטע בעליידיגטע יונגעל האָט שיער ניט אויסגעשאָסען מיט אַ געוויין.

דערנסטמאָל האָט משה־מאָטע מיט ציטעריגע הענד געחאַפּט זיין יונגעל און איז מיט איהם געשווינד אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער בימה. אויף דער בימה איז ער אָבער באַלד געבליבען אָפּהענדיג. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קוקען אויף איהם און וואונדערען זיך... ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען און שעמענדיג געשמייכעלט צום עולם. באַלד איז ער געפֿאַלען אויף אַ המצאה: ער איז צוגעגאַנגען צום שלחן און געוואָלט נעמען די פּושקע מיט שמעק־טאַבאַק, כדי צו בעווייזען דעם עולם, אַז די גאַנצע כּונה זיינע איז נאָר אַ שמעק־טאַבאַק. אָבער, מעשה שטן, איז זיין האַנד געווען ווי אַ געלעהמטע. די פּושקע האָט זיך אויסגעגליטשט פֿון זיינע פֿינגער און דער גאַנצער טאַבאַק האָט זיך צעשאָטען אויף דאָס טישטוך. ביי משה־מאָטען האָבען גענומען פֿליהען פֿונקען פֿון די אויגען.

ענדליך האָט זיך דער שמש אויף איהם אָנגעשטויסען.

— רב גבריאל...

— האַ? — האָט דער שמש אַ געשריי געטהאָן ביין און אָנגעבויגט צו איהם אויף אַ ווײַלע דאָס געזונדע אויהער.

— אָט דאָס יונגעל... מיינס אַ יונגעל... — האָט משה־מאָטע אַ דער-

שראָקענער געבאַלעמאָטשעט מיט דער צונג און אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף זיין יונגעל.— זי האָט געזאָגט, איך מיין, הייסט עס, מיינע... זי האָט געהייסען... למען השם... זי האָט זיך איינגעשפּאַרט... דאָס יונגעל, הייסט עס... אַ קינד, האָט זיך איהם פערוואָלט...

— האַ? איך הער נישט!

— זי וועט בעצאָהלען, זאָגט זי... מיינע, הייסט עס... נאָך שבת... אַז מע האָט בעצאָהלט צעהן גילדען פאַר תפילין...

אין דער זעלבער מינוט האָט גבריאל דער שמש געפּאַקט אַ וואונק פון איינעם אַ בעל-הבית. ער האָט אַוועקגעוואָרפען משה-מאָטען און תיכף אויסגעזונגען מיט'ן גרעסטען נצחון:

— הו-או-אונדערט „גראָשיין" אום מאַ-אַפטיר!— דערנאָך האָט ער אַ פּאַטש געטהאָן איבער דעם גראָבען „קרבן-מנחה"— אַ סימן, אַז דער האַנדעל איז געקומען צו ענדע. דרעהענדיג זיך אַ שטאָלצער, אַ צופריעדענער אויף דער בימה, האָט דער שמש זיך ווייטער אָנגעשטויסען אויף משה-מאָטען, וועלכער איז געשטאַנען מיט זיין פלאַטערענדיג יונגעל ווי אַ צעמישטער. ער האָט זיך האַסטיג אַ בויג געטהאָן צו איהם און אַ געשריי געגעבען:

— האַ? לאָמיך הערען וואָס דאַרפסט דו? רייד ווערטער...

———

XV.

דֶער כחַ פּוּן פַאנְטַאזְיֶע.

דער כח פון פאנטאזיע.

אין א ווינקעל פונ'ם קאלטען פארהויז, אין דער סוכה, האבען זיך צעניפגעקליבען חיים-דוד מיט זיין געזינד צו דער ערשטער סוכות'דיגער וועטשערע. די סוכה אליין — דאס איז א ליידיג פעסעל פון אוגערקעס מיט א לאקשענברעט אויף דעם, געדעקט מיט א טישטוך, און ארום דעם פעסעל א פאר ביינקלעך. אלס מחיצה פונ'ם פארהויז דינט א ווייס לאנטוך, וועלכעס הענגט אראב פון דעם סכך ביז צו דער ערד. פון אויבען, פונ'ם סכך, בלאזט א ווינדעל. די בענש-ליכט אויפ'ן טיש שמעלצען, שפריצען, און די פייערלעך ציטערען און פערדונקלען זיך.

דאס גאנצע געזינד שטעהט ארום טיש און ווארט אויף דעם טאטען, וועלכער האט זיך אוועקגעזעצט אויבען אן ביי די חלות, איבער א קליינ דיק סדור'על, און בלעטערט עס און זוכט די „אושפיזין". נאך חיים-דוד'ס פנים קאן מען זעהן, אז די „אושפיזין" זענען ניט פון זיינע נאהענטסטע בעקאנטע; ער בלאנדזעט אין סדור'על, פערלאזענדיג זיך אויף גאט'ס בערא[illegible]... זיין ווייב דבורה שטעהט אנגעשפארט אן דעם אלמער. אין איהרע אויגען שפיגעלט זיך די גאנצע צייט א פרום רוהיג שמייכעלע, וועלכעס פאסט זיך גאר ניט צו איהר אויסגעהארעוועט, אויסגעטריקענטע פנים. די הענד האלט זי צעניפגעלייגט אויפ'ן הארצען, קוקט א מאל אויפ'ן מאן, און אמאל אויף די קינדער, ווי איינע זאגט: „רבונו של עולם! וויפיעל טעג אזעלכע האבען מיר עס אין יאהר?"... די עלטערע טאכטער, פראדקע, זיצט ביים עק טיש און איז אינגאנצען פערטיעפט אין א דיקען

ראמאן, וועלכען זי האט אהער געבראכט מיט זיך פון שטוב. דער אינהאלט פונ'ם בוך איז זעהר פערפלאנטערט און זעהר אינטערעסאנט, מיט דעם העלד פון ראמאן, מיט דעם אונגליקליכען שענעם מאקס, קומט פאר עפיס אזוינס, וואס שטעלט די האר אוועק קאפויר. נאר דא אין מיטען דערינען האט זיך אונטערגערוקט די סוכות'דיגע וועטשערע. די חלב'ענע ליכטלעך שמעלצען און שפריצען, די אותיות פונ'ם בוך טאנצען פאר די אויגען, און דאס ענדע פונ'ם שענעם מאקס בלייבט נאך דערוויל פערהילט אין א נעבעל.

חיים-דוד האט שוין אויסגעבלעטערט דעם גאנצען סדור און נאך אלץ נישט געפונען דאס, וואס ער בעדארף. ער איז געווארען אונגעדולדיג.

— א מאדנע מעשה! — האט ער שוין אנגעהויבען זיך בלאזען אויף די „אושפיזין“. — אט ווען מע דארף זיי, זענען זיי דוקא נישטא! אבער א לעק נישט, אויסגעטריקענט, אין וואסער אריין...

— מילא, נישטא איז נישטא! — האט זיך געפרובט דאס ווייב טרייס-טען איהם.

חיים-דוד האט אויף איהר אנגעשטעלט א פאר אויגען.

— וואס הייסט — נישטא? וואס פלוידערסט דו? סע איז עפיס ביי דיר א שפיעלכעלע? דאס זענען דאך עפיס די „אושפיזין“, די סוכות'-דיגע „אושפיזין“! א יודינע ווייסט גאר נישט און גלאט זי פלוידערט! מיין טאטע, עליו השלום, איז געווען א יוד א למדן, פלעגט ער זאגען, אז ווען נישט די „אושפיזין“... ווארט, ווי האט ער געזאגט?...

דבורה האט ארויסגעזעהן, אז איהר מאן איז גערעכט. באלד טאקי האט חיים-דוד אויסגעפיהרט דאס זייניגע. ער האט פלוצים א פאטש געגעבען אויף דעם סדור, ווי איינער בשעת ער דערהאפט א פליעג, און דעקט זי אן.

— אהא, זיי זענען דא!

פונ'ם פאטש האט פראדקע א ציטער געטהאן, אויפגעחאפט זיך פונ'ם בוך און ווילד א קוק געטהאן אויפ'ן טאטען. ביי איהר אין די אויגען איז געווען דייטליך אנגעשריבען:

— דער פינסטערער פאנאטיזמוס...

בשעת מע האט געזאגט די „אושפיזין“ האט זיך דאס ווייסע לאנטוך פון דער סוכה פאמעליך אויפגעהויבען און עס האט זיך בעוויזען א קאפ מיט א טיעף אנגערוקט, אלט, אויסגעריבען היטעל. דער קאפ האט געהאט א פאר רויטע פערגאסענע אויגען, וואס האבען מאדנע, דורך טרערען, געשמייכעלט, א דערפרוירענע נאז, א גרויס, א בריים-צעעפענט מויל מיט

אין איבערשטע אויסגעצויגענע ליפּ, וואָס איז אַראָבגעהאַנגען און זיך געטרייסעלט איבער דער אונטערשטער. דער דאָזיגער קאָפּ האָט איצט געוואונקען צו די קליינע קינדער, וואָס זענען געזעסען אָנגעפּעלצטע אין אַ ווינקעל, און האָט עפּיס שטיל, פאַר זיך, געלאַכט.

— טאַטע! אָט איז עליאָטע!

אַלע האָבען זיך אַ קעהר געטהאָן און אומגעקוקט זיך אַהינטער. דאָס איז געווען חיים־דוד'ס אַ ברודער, דער שלאַק פון דער משפחה.

— גוט יום־טוב דיר, חיים־דוד! אָט בין איך... געקומען פון שאצק, אַ קראַנק אין זייער מאַמען! צו דיר געקומען! אויף יום־טוב. אַ שטיקעל פיש, אַ ביסעל יויך... העהע!

אָבגעזאָגט דעם גוט יום־טוב, איז ער אַריינגעגאַנגען אינגאַנצען אין סוכּה, געהאַלטען זיך מיט די הענד ביים נאַקעטען בוזעם, געקראַצט זיך און געהויקערט זיך אין דער צעריסענער קאַפּאָטע, און אַלץ געקוקט אויף דאָס טעלערעל מיט האָניג, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש. זיין אויסגעצויגען מאָגער פּנים, אויף וועלכען עס האָבען געוואַכסען אַ פּאָר לאַנגע האָר, האָט זיך מאָדנע געקרימט און אַלץ עפּיס געשמייכעלט און געוואונקען.

חיים־דוד האָט אָהן ווערטער זיך אויפגעהויבען פונ'ם ביינקעל און אַ נעם געטהאָן דעם ברודער פאַר די אַכסלען. ער האָט דאָס אָפּגעטהאָן זעהר קאַלטבלוטיג, אָהן כּעס, רוהיג, ווי איינער וואָס ווערד פון קיין זאַך ניט נתפּעל.

— נו, מאַרש! אָבער שוין! אין דער מינוט!

— זאָל איך אַזוי לעבען, חיים־דוד! איך וועל שוין מעהר קיינמאָל נישט... איך וועל נישט גנב'ענען מעהר קיין קעז! אַ ברעקעלע נישט, אַ קראַנק אין זיין מאַמען!... דעם אַלמער וועל איך אויך ניט ברעכען, חיים־דוד'קע...

— איך וויל פון קיין זאַך נישט וויסען! מאַרש!

— זאָל איך אַזוי לעבען, חיים דוד...

אָבער עס האָט איהם נישט געהאָלפען קיין טענות. די טהיר פונ'ם פאָרהויז האָט זיך מיט רעש געעפענט און עליאָטע איז אין דער מינוט אַרויסגעשליידערט געוואָרען אין דרויסען.

די רוהיגקייט מיט'ן יום־טובדיגען נחת, וואָס האָבען אומגעשוועבט אין דער סוכּה, זענען פערשטערט געוואָרען. די יום־טוב'דיגע שאַרפע געפעפערטע פיש האָבען אָנגעוואָרען דעם גאַנצען טעם. אַלע האָבען געפיהלט, אַז אין דרויסען, הינטער דער טהיר, שטעהט דער שלאַק פון דער משפחה און הויקערט זיך פאַר קעלט.

דאָס עלטערע מיידעל, פראַדקע, וואָס שיידט זיך ניט מיט'ן בוך אפילו בשעת עסען, האָט איצט אָפּגעלייגט דעם ראָמאַן אָן אַ זייט, פערקוקט זיך אין דער לופטען און זיך פערטראַכט. געטראַכט האָט זי וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָס לכתחילה זענען זיי איהר אַליין אויסגעקומען מאָדנע ווילד. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיט עליאָטען, אָט מיט דעם נאַרישען אָרימען עליאָטען, קאָן נאָך אַמאָל פּאַסירען, ווי עס פּאַסירט אין אַלע ראָמאַנען: ער וועט פּלוצים ווערען אַ געוואַלדיגער עושר. געשעהען וועט דאָס אַזוי: אין אַ שענעם פרימאָרגען, ווי עס ווערד בעשריבען אין די ביכלעך, וועט עליאָטע פּלוצים ערגיץ פערפאַלען ווערען אויף יאָהרען לאַנג, אַזוי אַז קיינער וועט נישט וויסען אפילו, וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען. און פּלוצים, אין צעהנדליגער יאָהרען אַרום, אַז אַלע וועלען שוין האַלטען, אַז ער איז אויף דער אמת'ער וועלט, וועט ער זיך בעוויזען אין שטאָדט אין אַ פּרעכטיגען פאַעטאָן, געשפּאַנט מיט דריי ברענענדיגע פערד, אַ שענער, איין אויסגעפּוצטער, ווי איין עכטער באַראָן (דאָס מיידעל האָט אויף איהר לעבען קיין באַראָן נאָך אין די אויגען נישט געזעהען.) זי שטעלט זיך עס פאָר ווי סע וועט פאָרקומען: אין אַ שענעם פרימאָרגען, טאַקי אין אַזאַ שענעם פרימאָרגען, ווי עס ווערד בעשריבען אין די ביכלעך, וועט זיך נעבען זייער שטוב אָפּשטעלען אַ פּראַכטפאָלער פאַעטאָן, פון דעם פאַעטאָן וועט „מאַיעסטעטיש" אַראָפּשפּרינגען אַ רייכער יונגערמאַן, אַ בילד-שענער (דאָס, וואָס עליאָטע איז איצט אַ מיאוסקייט, מאַכט נישט אויס — מאַלע וואָס יאָהרען קאָנען מאַכען פון אַ מענשען!) און וועט אַריינגעהן צו איהר טאַטען און וועט זיך גראָסמוטהיג אָפּרופען: „מיין ליבער חיים-דוד, דערקענסט מיך? געדענקסט, ווי דו האָסט מיך אַרויסגעטריבען פון דיין סוכּה? איצט פערצייה איך דיר, נאַ דיר אַ טשעק אויף הונדערט טויזענד גולדען"... דער טאַטע, שוין אַ גריי-גרויער אַלטער מאַן, מיט אַ לאַנגען „פּראָפעטישען" זילבער-ווייסען באָרד (דאָס, וואָס איהר טאַטע האָט איצט אַ דין שפּיציג ציגיש בערדעל, מאַכט נישט אויס — מאַלע וואָס יאָהרען קאָנען מאַכען פון אַ מענשען!), וועט אויפשפּרינגען אַ דערשראָקענער פון זיין „פאָטער-שטוהל" און וועט אויסרופען פערוואונדערט אויף דייטש: „וואָס שפּרעכט מיין האַר? וועלכער „קערל" האָט געטהאָן זיי הערויסטרייבען?"... דענסטמאָל וועט עליאָטע איהם פאַלען אויפ'ן האַלז מיט אַ הערצרייסענדען געשריי: „איך בין דאָך דיין פערפאַלענער ברודער! איך בין דאָך דיין אַלפרעד!"...

— בררר!...— האָט זיך געהערט פון הינטער דער טהיר, ווי איינער האַלט זיך ביי דער קליאַמקע און שוידערט מיט'ן גאַנצען קערפּער פאַר

קעלט. פראַדקע האָט זיך אויפגעהאַפּט פון איהרע גילדענע חלומות.

נאָך די פיש האָט מען אין סוכה אַריינגעטראָגען געקאָכטען עוף. ביים צעשניידען די פּאָלקעס, איז ביי חיים־דוד מיט זיין ווייב פאָרגעקומען אַ שטיקעל סכסוך. חיים־דוד האָט געהאַפּט אַ נייגעריגען קוק אין שיסעל אַריין און צופריעדען גענומען גלעטען זיך דאָס דינע שפּיציגע בערדעל זיינס.

— על פּי דין איז דאָך טאַקי אַ מצוה צו עסען עוף אין דער סוכה, עוף און האָניג. איך געדענק נאָך, מיין טאַטע עליו השלום פלעגט זאָגען...

דבורה האָט דאָס ניט געקאָנט פערשוויינען.

— ער זוכט שטענדיג אויס זיינע דינים... „על פּי דין"! על פּי דין האָסט דו בעדאַרפט פערדיענען האָטש אויף יום־טוב! איך ווייס שוין לאַנג, אַז דו האַלסט שטאַרק פון מצות „עסע"...

חיים דוד האָט זיך תיכף אָנגעבלאָזען און ברוגז געקוקט אויף דער פולער פעטער פּאָלקע, וואָס איז איהם אויסגעפאַלען אויף זיין חלק.

— וואָס זשע...— האָט דבורה שוין אַביסעל ווייכער געטענה'ט.— כלומרשט אַ צדיק: „על פּי דין"... גענומען און אַרויסגעטריבען איהם... ער איז טאַקי אַ שלאַק, אָבער פאָרט אַ ברודער. פאַר וואָס זאָל אַזאַ נישט וויסען, וואָס יום־טוב איז?

חיים־דוד האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און מאָדנע אָנגעקוקט זיין ווייב. ער האָט זיך געקליבען זאָגען עפּיס אַ שטאָך־וואָרט. נאָר אין דעם אויגענבליק האָט זיך פּאַוואָלי אויפגעהויבען דאָס ווייסע לאַנטוך און אין סוכה האָט זיך ווידער אַריינגעשטעקט עליאָטעס קאָפּ.

— זאָל איך אַזוי לעבען, חיים דוד... אפילו אַ שטיקעלע קעז, אפילו אַ ברעקעלע שוין מעהר ניט גנב'ענען... ווי איך בין אַ יוד, חיים דוד! אַ המוציא חלה, אַ שטיקעל פיש...

— געה וואַש זיך!— האָט איהם דבורה ערלויבט אויף איהר אייגענער ריזיקע.

אין איין אויגענבליק האָט עליאָטע אַ שפּרונג געטהאָן אין דאָס פינסטערע הויז אַריין, און אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ פּליוך פון וואַסער אין דער פּאָמוניצע צוזאַמען מיט דער ברכה, וועלכע איז אָבגעזאָגט געוואָרען אין איין אָטהעם, מיט דער גרעסטער שמחה:

— סייאו יאָדייך... עסע קאָפּ... טילעם יאָדאי...

ביים טיש, בשעת עליאָטע האָט אויפגעהויבען מיט ביידע הענד דעם טעלער צום מויל און אין איין אימפּעט געזופּט די יויך, האָט דבורה אויף איהם אָנגעשריען:

— שלאַק! זעה אָקאָרשט. צעבּרעך נישט דעם טעלער. נאָך היזקות האָבּען פון אַזאַ שלאַק!... וואו בּיזט דו דאָס געוועזען אַ גאַנצען זומער?

— וואו בּין איך געוועזען אַ גאַנצען זומער? — האָט עליאָטקע איבּערגעפרעגט מיט אַ פולען אָנגעשטאָפּטען מויל. — אין גאָרטען בּין איך געוועזען אַ גאַנצען זומער, אַ קרייַנק אין זייַן מאַמען! אַ שומר געוועזען, נאָר ווי נאָך שבת האָט ער מיך אַרויסגעטריבּען, אַ קרייַנק אין זייַן מאַמען!

— ווער האָט דיך אַרויסגעטריבּען?

— ווער? איהר ווייסט ניט ווער? בּערעלע חאַמרוק, אַ קרייַנק אין זייַן מאַמען... בּין איך אַוועק פון זיי, בּין איך געוועזען אין שאַצק, האָבּען זיי מיך געשלאָגען, האָבּ איך גענעכטיגט אין שוהל, אין שוהל האָבּ איך גענעכטיגט, אַ קרייַנק אין זייער מאַמען! צוליעבּ די אוגערקעס האָט ער מיך אַרויסגעטריבּען, בּערעלע חאַמרוק, אַ קרייַנק אין זייַן מאַמען!...

— עס און שווייַג, דו! — האָט אויף איהם חיים=דוד אַ געשריי געטהאָן איין אָנגעצונדענער.

— איך עס דאָך, וואָס זשע טהו איך? הערסט אַבּיסעל, ווי נאָך שבת נעמט ער און טרייַבּט מיך אַוועק, אַ קרייַנק אין זייַן מאַמען...

פראַדקע האָט אַלע ווייַלע געוואָרפען נייַגיעריגע בּליקען אויף עליאָטקען און אַלץ געטראַכט:

— אַלע בּעליידיגען איהם! ניין, עס קאָן נאָך פון איהם אַרויסקומען אַ לייַט. ווען עס טרעפט זיך נאָר מיט איהם אַ נס!

נאָכ'ן בּענשען האָט עליאָטקע אייַנגעוויקעלט זייַן נאַקיטע בּרוסט אין דער צעריסענער קאַפּאָטע און איז אַוועקגעגאַנגען. פראַדקע האָט זיך אויף עפּיס בּעשלאָסען און איז תיכף אַרויס אין דרויסען נאָך איהם. זי האָט איהם אָנגעיאָגט.

— עליאָטקע, שטעה!

עליאָטקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך גענומען הויקערען אין זייַן קאַפּאָטע.

— דאָס איז פראַדע? העע=העע...

— יאָ, דאָס בּין איך, דייַן פלימעניצע! — האָט פראַדקע זעהר ערנסט געזאָגט.

— אַ פלימעניצע? העע=העע... אוי, איז דבורה דייַן מאַמע אַ גוטע! אסתר המלכה! געגעבּען פיש... אַ גרויסען שטיק פלייש, אַ קרייַנק צו זייַן מאַמען!

— הער, עליאָטקע, איך וויל מיט דיר עפּיס שפּרעכען... וואָס וועט זייַן פון דיר דער תכלית? וואָס קלערסט דו צו טהון היינטיגען ווינטער?

— היינטיגען ווינטער? איך וועל געהן הייצען די באד. ביי פייוויל דעם גלעזער, א קריינק צו זיין מאמען! ער שלאגט מיך מיט א בעזים...

— נו, זאג אליין, עליאטע, איז דאס גוט הייצען די באד? איז דאס דען פאר דיר איין ארבייט? דו דארפסט ווערען רייך, ציוויליזירט, געהן אנגעטהאן שען, עלעגאנט, ווי א באראן... נעם און פאהר אוועק אין אמעריקע!

— אין אמעריקע? הע־הע... מע וועט מיר דארטען פלעטען דעם מח, א קריינק צו זייער מאמען...

— נאר! אין אמעריקע דארף מען האבען אזעלכע מענשען ווי דו... ביי די גאלד־גריבער... וועסט ווערען רייך, וועסט אראבקומען אהער, קיינער וועט דיך נישט דערקענען...

— אהא! ער וועט דערקענען! ער וועט זיך חאפען שלאגען מיט א פלאקען. א קריינק צו זיין מאמען!

— ווער איז דאס?

— דו ווייסט ניט ווער? בערעלע חאמרוק, א קריינק צו זיין מאמען! צוליעב די אוגערקעס...

— אי, עליאטע! דו ווייסט ניט, וואס פאר א גוטער פריינד איך בין דיר! — האט פראדקע טרויעריג געזאגט.

עליאטע האט צעעפענט דאס מויל מיט א בריים נארישן שמייכעל און מאדנע אנגעקוקט זיין פלימעניצע. ער האט ניט פערשטאנען, וואס וויל זי פון איהם, נאר געפיהלט האט ער, אז איצט וועט מען ביי איהר קאנען עפיס פועלען. ער האט א טראט געטהאן נעהענטער צו איהר און בעשלאסען ביי זיך ארויסזאגען איהר אלץ, וואס אויפ'ן הארצען.

— הע־הע... פראדע... וועסט מיר געבען נאך א שטיקעל חלה מיט פיש?

פראדקע איז געוועזן גרייט ארויסצווייזען היינטיגען אבענד איהר גאנצע גראסמוטהיגקייט. אין א ווייל ארום האט זי איהם ארויסגעטראגען א האלבע חלה מיט א שטיק פלייש. עליאטע האט עס באלד אריינגעשטופט אין בוזעם.

— הע־הע... א האלבע חלה, א קריינק צו איהר מאמען!

— וועסט דו פאהרען אין אמעריקע? פאלג מיך...

— איך וועל פאהרען, איך וועל פאהרען, זאל איך אזוי דערלעבען איבער א יאהר! — האט עליאטע געענטפערט מיט דער גרעסטער שמחה און גענומען זיך הויקערען אין דער צעריסענער קאפאטע. — איך געה אין שוהל נעכטיגען, א קריינק צו זייער מאמען!

אין דערווייטען, ביים שיין פון דער לבנה, האט עליאַטע זיך אָפּגע־שטעלט און גענומען שטופען די חלה אין מויל אריין. פראדקע האט איהם נאָכגעקוקט איין אָפּהענדיגע און טרויעריג אָפּגעזיפצט. — אין מח ביי איהר האט זיך געטראָגען אונגעפעהר דער דאָזיגער געדאַנק:

—אך, ווי שען איז דאָס לעבען אין בוך, און ווי מיאוס איז עס אין דער ווירקליכקייט!

XVI.

דער לעצטער.

דער לעצטער.

(אַיין אַלטע מעשה פון אַיין אַלטען פנקס.)

א.

דורות לאַנג זענען זיי געווען רבנים אין דער אַלטער, אָרימער, מיט גראָהען כבוד בעדעקטער, אין געדיכטע פינסטערע וועלדער פערבאָרגענער יודישער קהילה מוראַוואַנקע. דורות לאַנג האָבען זיי געשמ'ט אַרום און אַרום, אין נאָהענט און אין ווייט, וואו אַ יודיש וואָרט דערגרייכט נאָר, וואו נאָר עס קלינגט הילכיג דאָס קול פון דער תורה אין די אַלטע ווארימע בתי־מדרשים.

גערעדט האָט מען פון זיי אומעטום, ווי מע רעדט פון אַ וואונדער אין אַ צייט, בשעת קיין וואונדער געשעהען שוין נישט, ווי מע רעדט פון אַ טרייסט אין אַ צייט, בשעת די האָפנונגען זענען שוין לאַנג־לאַנג פערלאָרען געגאַנגען... אויך האָט מען פון זיי גערעדט, ווי עס ריידען אור־אייניקלעך פון דעם עלטער־זיידענס עשירות, וואָס איז שוין איצט אויף דער וועלט נישטאָ, און פון דער גרויסער זיבען־רעהריגער אַלטמאָדישער זילבערנער מנורה, וואָס ער האָט זיי געלאָזט בירושה פון אַמאָליגע גוטע צייטען.

וויַיל פונקט ווי אַ זיבען־רעהריגע אַלטמאָדישע מנורה, וואָס ברענט אין דער פינסטער, האָבען זיי געלויכטען אַרום און אַרום— אָט די אַלטע משפחה פון די בעריהמטע מוראַוואַנקער רבנים.

דאָס איז געווען פאַרצייטענס, גאָר פאַרצייטענס. דענסטמאָל איז מוראַוואַנקע נאָך געלעגען פערזונקען אין מיטען די גרויסע פינסטערע ליטווישע וועלדער. די אַלטע, נידריגע, מיט מאָך פערוואַקסענע הייזער זענען נאָך

געשטאַנען אין ברייטע גרינע גערטנער; אין די גערטנער האָבן נאָך געוואַקסן באַטווינע מיט ציבעלעס, אויף די פּאַרקאַנעס האָט זיך נאָך געדרעהט און געגרייזעלט דער געדיכטער האָפּען... דענסטמאָל זענען שענע יודישע בעלי-בתים נאָך אַרומגעגאַנגען אין לייַנווענטענע קאַפּאָטעס און געריכערט אַ „ליולקע“ פון געטריקענטע קרויט-בלעטער. געלעבט האָט מען פון דעם וואַלד, וואו מע האָט אַ גאַנצע וואָך „געטריבן סמאָלע“, און געגעסן האָט מען אין יודישע הייזער קאָרן-ברויט מיט קרופּניק. איז אין אַ משפּחה צוגעקומען אַ ניי נפש'על — האָט מען ניט געזאָרגט. מע האָט נור גאָט געלויבט און גענומען דעם עמער אין האַנד, געגאַנגען צום ברונען און אָנגעשעפּט וואַסער, צוגעגאָסן נאָך אַ קוואָרט צום טעפּעל קרופּניק— און דאָס ניי-געבוירענע גאָט'ס בעשעפעניש האָט שוין געהאַט זיין בעשטענדיגע חיונה.

און אַז ביי אַ יודען איז אונטערגעוואַקסן אַ טאָכטער אַ בוגרת, און מיט וואָס אויסצובריינגען זי איז ניט געווען— האָט מען גענומען אַ שטעקען אין האַנד, אָנגעטהאָן אַ ווייס העמד מיט אַ ברייטען אויסגעוועלגערטען קאָלנער, אָבגעזאָגט „תפילת הדרך“ און זיך געלאָזט געהן פוס-טריט קיין וואָהלין, אין יענם געבענשטע וואונדער-לאַנד, וואו ריידען רעדט מען „אויפ'ן חיריק“ און עסען עסט מען אפילו אין אַ מיטען מיטוואָך חלה מיט זאַפראַן, אויב נישט מיט האָניג...

דאָרטען, אין וואָהלין, אַ פרייטאָג צו-נאַכט, פלעגט אומשפּרייזען ביי זיך אין ליכטיגען צימער דער רייכער וואָהלינער בעל-הבית, אַ געזעצטער פליישיגער יוד, אַ האָריגער, מיט אַ ברייטען געלען באָרד, מיט אַ געקנייטשטען זיידענעם גאַרטעל אויף די ברייטע פעסטע לענדען — אומשפּרייזען בהרחבת הדעת און זאָגען דעם „שלום-עליכם“ אויף זיין געהאַפּטען גע'חיריק'טען לשון פרעהליך, לעבעדיג, מיט אַ ניגון און מיט אַ קנאַק פונ'ם גראָבען פינגער. דער ליטווישער אורח — אַ מלמד צי אַ מגיד — דער אויסגעדאַרטער טרוקענער פרעמדער יוד, מיט די שוואַרצע שטעכעדיגע פרעמדע אויגען, פלעגט זיצען ערגיץ אָן אַ זייט אין אַ ווינקעל און נאָר שאָקלען פאַמעליך מיט די ליפּען, און נאָר קוקען אַראָב צו דער ערד צו. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל ער איז ביי זיך שטאַרק אַראָבגעפאַלען אין דעם ליכטיגען אויסגעפוצטען צימער, און אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער ווייטער היים און אָן דעם ווייב און קינדער און אָן דער טאָכטער דער בוגרת; און ווייל מאָדנע טייער איז איהם איצט געוואָרען די דאָזיגע פערוואָרפענע אָרימע היים, מיט די שוואַרצע האָרעפּאַשנע יודען, וואָס טרייבען אַ גאַנצע וואָך סמאָלע אין וואַלד, מיט די אַלטע וואַרים-

אָנגעהייצטע בתי=מדרשים, מיט די בעריהמטע ריעזען פון דער תורה, וואָס בויגען זיך מיט ליכט אין די הענד איבער די גרויסע שווערע גמרות...

און דאָ, ביים טיש, צווישען די שמעקענדיגע געפילטע פיש און צווישען דער יויך מיט די פעטע וואָהלינער „קנישעס“, פלעגט דער ברוגזער שוויינענדיגער אורח זיך ניט איינהאַלטען און צערייידען זיך מיט אַמאָל וועגען זיין אייגענעם ליטווישען ווינקעל.

— אָבער האָבען מיר אונזער אייגענע רבנים ביי אונז! ננו!...

מיט אַ ברען פלעגט ער ריידען און מיט אַ גדלות, שאַרף און דייטליך, מיט ליעבע און טיעפער בענקשאַפט. די שטעכעדיגע שוואַרצע אויגען זיינע פלעגען זיך בעת=מעשה אָנצינדען און גליהען און שפריצען מיט פונקען. דערצעהלען פלעגט דער אורח וועגען יענע אַלטע גדולים, מיט פייעריגע מוחות, מיט אייזערנער געדולד, וועלכע ריהרען זיך ניט פונים לערנען נישט ביי=טאָג און נישט ביי=נאַכט, וועלכע האַפּען אַ דרימעל בלויז אָנדערטהאַלבען שעה אין מעת=לעת, פאַלען ווי מיעדע לייבען אויף זייערע פויסטען, מיט די חוואַלעדיגע בערד אויף די אָפענע גמרות, בשעת דאָס גרויסע ליכט ברענט שטיל אַלס שומר איבער זייער קאָפּ און וועקט זיי צוריק צו דער תורה... בעגינען, אַז דער עולם קומט אין שוהל, געפינט מען אום אין זייערע ד' אמות אויף די שפּיץ=פינגער, מע האָט מורא חאַפּען אַ קוק אין זייער ווינקעל, וויַל שאַרף און ברענענד איז זייער בליק דענסטמאָל.

— אָט אַזוי לערענט מען ביי אונז אין דער ליטאָ!...

דער דיקער האָריגער וואָהלינער בעל=הבית, אַ פערשוויצטער, אַ גוט=מוטהיגער, אַ גלויביגער, פלעגט מיט קאָפּ אויסהערען די וואונדערליכע געשיכטען, און דערביי פאַוואָלי צעבינדען דעם גאַרטעל אויף דער שבת׳דיגער קאַפּאָטע, ברייט צעשפּילען דעם זשילעט אויף דעם רייכען בויך און בלאָזען פון זיך מיט די באַקען, און שאָקלען מיט׳ן קאָפּ אַהין און אַהער, וואָרום אויף ליטוואַקעס איז אַליין צו גלויבען...

דערנאָך, אַז דער רייכער וואָהלינער יוד איז איינמאָל אין אַ יובל דורך אַ נס אַריינגעפאַלען אין דער ליטאָ — האָט ער שוין געמוזט אויף טשיקאַוועס געהן אָנקוקען דעם ליטווישען גדול. געשטאַנען איז ער אָבער פאַר איהם מיט שרעק און מיט וואונדער אין האַרצען, ווי מע שטעהט אַמאָל פאַר אַ הויכער האַרטער פעלזען=וואַנד, פון וועלכער מע זעהט קוים=קוים די שפּיץ. עפּיס האָבען איהם געשראָקען די געדיכטע פינסטערע ברעמען, די שאַרפע דורכדרינגענדע בליקען, די שטרענגע טיעפע, ווי אין שטיין אויסגעהאַקטע, שטייפע קניימשען אין שטערן. עפּיס האָט איהם צעטומעלט די האַרטע קאַלטע עקשנות פון זייערע ווערטער, וואָס לעכערט און

בויערט און עגבערט און ווייסט פון קיין רחמנות ניט.

ווייל אין די דאזיגע טיפע קנייטשען און פון אונטער די דאזיגע פינסטערע געדיכטע ברעמען האט ארויסגעלויכטען די אייביג-ברענענדע שכינה...

אט אזעלכע זענען געוועזן די בעריהמטע מוראוואנקער רבנים.

ב.

איין אלטע משפחה פון רבנים זענען געוועזן די מוראוואנקער, א לאנגע קייט פון גדולים, וואס האט זיך געצויגען פון דור צו דור. געוועזן זענען זיי אלע הויכע, פעסטע, ברייטביינינגע יודען, אלע אין טיפען עלטער, מיט געדיכטע, געקרויזטע בערד. זעלטען האט זיך ביי די דאזיגע זקנים דורכגעזילבערט א האר אין באָרד. געוועזן זענען זיי אלע שטרענגע און שווייגענדיגע, וואס געהערט האבען זיי אליך און געזעהן האבען זיי אליך, אבער גערעדט האבען זיי מעהר מיט די געדיכטע ברעמען און מיט די טיעף-געשניטענע קנייטשען פון שטערן, איידער מיטן מויל. אז א מוראוואנקער רב האט ארויסגעלאזט פון מויל דאס ווארט „נו" — איז שוין געוועזן גענוג.

דאס רבנות איז זיי איבערגעגאנגען בירושה, פון טאטע צו קינד, און צוזאמען מיט דעם רבנות-שטוהל און די אכטצעהן גילדען א וואך שכירות האט א זוהן גע'ירש'נט פון פאטער אויך א הויכען אלטען, פון ליכט צעברענטען שטענדער אינ'ם אלטען בית-המדרש, אין ווינקעל פון ארון-קודש, א גראבען שווערען געשטופעלטען „משעטשאטקענעס" שטעקען און איין אלטע שבת'דיגע קאפאטע, א ליוסטרינענע, וואס בשעת מע געהט אין איהר אין א ליכטיגען זומערדיגען שבת, גלאנצט זי קעגען דער זון און „שרייט" אויף א קול.

אנגעקומען אין מוראוואנקע זענען זיי מיט דורות לאנג צוריק, בשעת אין שטאדט האבען נאך געוועלטיגט אלטע ווילדע היידאמאקען מיט מורא'דיגע גראהע וואנסעס און מיט גרויסע בייזע הינד. איין מאל אין א הושענא-רבא אין דער-פריה האט זיך אין דעם אלטען בית-המדרש בעוויזען עפיס א הויכער בחור, משמעות א דארפישער, פון א ווייטען ישוב, א בארוועסער, מיט פערקאטשעטע הויזען, מיט א פאר שטיוועל, פערווארפענע אהינטער

אויף די אַקסלען אויף אַ גרויסען געשטופּעלטען שטעקען, מיט אַ גרויסען פּאַק פרישע הושענות. דער בחור איז געשטאַנען אין מיטען בית־המדרש מיט איין אָפען מויל, אַ צעטומעלטער. די הושענות האָבען ביי איהם קונדסים באַלד צעחאַפּט. יודען האָבען זיך אַרומגעשטעלט, בעטראַכט דעם דאָזיגען מאָדנעם נפש, גענומען אויספרעגען ביי איהם, ווער ער איז, פון וואַנען ער קומט, וואָס איז זיין בעגעהר, צי האָט ער טאַטע־מאַמע, צי איז ער שוין אַ בעווייבטער? דער בחור האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען און אַ לאַנגע צייט געשוויגען, דערנאָך האָט ער זיך בעטראַכט און געענטפערט בלויז דריי ווערטער:

— איך וויל לערנען!

און פון דענסטמאָל אָן איז ער פערבליבען אינ'ם אַלטען בית־המדרש, פון דענסטמאָל אָן האָט מען אין מוראַוואַנקע אָנגעהויבען דערצעהלען וואונ־דערליכע זאַכען וועגען דעם כח פון עקשנות — ווי אַזוי אַ הויכער באָרוועסער בחור, געקומען צו־פוס ערגיץ פון מרחקים, האָט זיך איינגע'עקש'ענט צו ווערען אַ גדול בישראל און איז געוואָרען. ווי אַזוי ער פלעגט עפּענען ווינטער אין מיטען נאַכט די אויוענס און לערנען ביי'ם שיין פון די גליהענדע קוילען. ווי אַזוי ער האָט איין מאָל דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד אינגאַנצען פערגעסען אָן עסען און טרינקען און איז געשטאַנען איבער אַ שווערע „סוגיא" מיט אַ טיעף־פערקנייטשטען שטערן, מיט אַ פּאָר שאַרפע שניידענדע אויגען, דערביי שטייף געהאַלטען אין האַנד זיין געשטופּעלטען שטעקען און נישט גערוהרט מיט קיין גליעד; און אַז ער האָט פּלוצים אויסגעפונען די „סוגיא", האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ געשריי: „נו" און אַ זעץ געגעבען מיט'ן שטעקען איבער'ן שטענדער, אַז דאָס גאַנצע בית־המדרש האָט אויפגעציטערט. דאָס האָט פּאַסירט גראָד אין אַזאַ צייט, בשעת דער עולם איז שטיל געשטאַנען שמונה־עשרה...

דערנאָך האָט מען דערצעהלט, ווי דער דאָזיגער בחור איז געוואָרען רב אין מוראַוואַנקע, ווי אַזוי זיין כח האָט גענומען איבערגעהן צו זיינע קינדער און קינדס קינדער, ביז שפּעט אין די דורות. און וואָס אַ דור שפּעטער, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסען דער דאָזיגער כח. עס זענען אויפגעשטאַנען איינע נאָך די אַנדערע די ריעזען, די גרויסע עקשנים פון דער תורה, מיט הויכע געקנייטשטע שטערנס, מיט פינסטערע געדיכטע ברעמען, מיט האַרטע און שאַרפע בליקען, וועלכע האָבען געהאַקט אין שטיין און אין פעלז.

דענסטמאָל איז מוראַוואַנקע בעלויכטען געוואָרען ווי מיט זיבען זונען. בתי־מדרשים זענען פול געוואָרען מיט לומדים, יונגע און אַלטע קולות

האבען געהילכט איבער די גמרות, געזונגען, געוויינט, געבעטען זיך... טאטעס און פעטערס, פערצארנטע, פערשווארצטע, וואס א גאנצע וואך טרייבען זיי סמאלע אין די וועלדער, פלעגען אריינקומען בין מנחה למעריב אין די שוהלען, צעשטעלען זיך פאוואלי ביי די טהירען און ביי די אויוענס, אנשטעלען די אויערען און הארכען. יודען בעלי-עגלות, וואס פיהרען אום פארשויגען פון שטעדטעל צו שטעדטעל, פלעגען זיך אמאל אין דער פריה אראבהאפען אין בית־מדרש אריין מיט די בייטש-שטעקלעך אונטער די פאכוועס הערען א שיעור אין גמרא. און ווייבער, וואס וואשען זומער גרעט ביי די ברונענס, האבען מיט די „פראלניקעס" אויף די נאסע וועש אויסגעפאטשט צו'ם טאקט דעם ניגון פון דער תורה, וואס האט זיך, ווי א לאנג-ערווארטעטע זיסע בשורה, געטראגען פון די אפענע פענסטער אין גאס אריין...

אזוי איז מוראוואנקע גרויס און בערירהמט געווארען. ווייל פון דור צו דור איז אליץ געוואקסען דער ווונדערליכער כח, דער כח פון עקשנות, ביי די בעריהמטע מוראוואנקער רבנים.

און דענסטמאל האבען אלטע לייט זיך ארומגעטראגען מיט א סוד, אז אויב עס וועט אנשטעהן א צעהנטער דור פון די דאזיגע גדולים, וועט ביי יודען געשעהן נייעס, אם ירצה השם...

ג.

קיין צעהנטער דור איז אבער ניט אנגעשטאנען. דער נייעטער פון די מוראוואנקער רבנים איז געווען — דער לעצטער.

ער האט געהאט צוויי זיהן, נאר קיין גליק האט זיך ביי איהם אינשטוב ניט געהאלטען. די זיהן האבען זיך צו-פיעל פערקלערט, צו-פיעל גע- פרעגט קשיות, און האבען זיך אוועקגעלאזט אין ווייטע וועגען, אין פרעמדע וועגען.

איינמאל איז ארויס א קלאנג אין מוראוואנקע, אז דער עלטערער זוהן דעם רב'ס איז ערגיץ ווייט, אין דער גרויסער פרעמדער וועלט, בעריהמט געווארען מיט א בוך, וואס ער האט געמאכט, און האט געקראגען דעם נאמען „פראפעסאר". אז מע האט עס דערצעהלט דעם אלטען רב, האט ער פריהער געשוויגען, געהאלטען אראבגעלאזט די ברעמען. דערנאך האט

ער די ברעמען אויפגעהויבען און אַ זאָג געטהאָן:

— נו...

און מעהר קיין וואָרט נישט. לײַט האָבען נאָר בעמערקט, אַז דער רב איז עטוואָס בלייכער געוואָרען און זײַן בליק איז געוואָרען עטוואָס שאַרפער און טיעפער.

מעהר האָט מען פון דעם אַלטען רב'ס קינדער אין שטאָדט שוין ניט געהערט, מע האָט נישט געקאָנט ריידען פון אַ זאַך, וועלכע דער אַלטער רב אַליין פערשווייגט.

נאָר איינמאָל, אַ שבת הגדול, האָט עטוואָס פּאַסירט אין דעם גרויסען אַלטען בית־המדרש. דער רב איז דענסטמאָל געשטאַנען בײַ'ם ארון־קודש אײַנגעוויקעלט אין טלית און גע'דרש'ענט פאַר אַ פול־געפּאַקטע שוהל. אַ שטימע האָט ער געהאַט אַ הילכיגע, אַ קלאָרע, אַ לייבען־שטימע, און בשעת ער פלעגט דונערען מיט איהר איבער די קעפּ פון דעם עולם, פלעגט די לופט אָנגעצונדען ווערען און יודען פלעגען בלײַבען שטעהן פערגאַפטע, בעצויבערטע.

פלוצים האָט דער אַלטער אָבגעהאַקט אין מיטען זײַן דרשה און איז אַנשוויגען געוואָרען. דער עולם האָט אויפגעשוידערט אין שטומער ער־וואַרטונג. דער רב האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט דעם עולם מיט זײַנע שאַרפע דורכדרינגענדע בליקען, דערנאָך האָט ער פאַמעליך אָבגעשאַרט דעם פרוכת, פאַמעליך צעעפענט די טהירען פון אָרון־קודש און געווענדעט זיך צו דער עדה:

— הערט, יודען! איך וויים, אַז אַ סך פון אײַך טראַכטען דאָס זעלבע, וואָס מיר איז איצט אַרויפגעקומען אויף די געדאַנקען. איהר פרעגט זיך: ווי אַזוי שטעל איך זיך אַוועק צו זאָגען תורה פאַר אַ שטאָדט מיט יודען אין דער צײַט, וואָס מײַנע אייגענע קינדער זענען פון דער תורה ווײַט־ווײַט אַוועקגעגאַנגען? דערום עפען איך איצט אויף דעם ארון־קודש און זאָג אײַך, יודען, פאַר די הייליגע ספרי־תורה: קיין קינדער האָב איך שוין מעהר ניט! פון אונזער גאַנצער משפחה בין איך בײַ אײַך רב דער לעצטער...

דעמאָלט האָט זיך פון דער ווײַבערשער שוהל געלאָזט הערען אַ יאָמערליך געוויין, אָבער דעם רב'ס לייבען־שטימע האָט זיי שטיל געמאַכט. הילכיג, קלאָר און פייערליך האָט ווידער געדונערט זײַן קול פון תורה איבער די קעפּ פון דעם פערוואונדערטען, פערגאַפטען עולם.

עס זענען פערגאַנגען יאָהרען, צעהנדליגער יאָהרען. און נאָך אַלץ איז דער אַלטער רב ניט געבויגען געוואָרען, נאָך אַלץ האָט זיך אַ האָר נישט דורכגעזילבערט אין זײַן אַלטען געקרויזטען באָרד. נאָך אַלץ פלעגט

איהם די שטאָדט זעהן פאַר-טאָג, אין דער פינסטער, ווי איינער אַליין געהט ער, אַ הויכער, אַ שלאַנקער זקן, מיט אַ שטעקען און מיט אַ לאַנטערן אין האַנד, צו לערנען ביחידות אין דעם גרויסען אַלטען בית-מדרש.

ד.

... ביז וואַנען מוראַוואַנקע האָט פערקלונגען מיט איהר גרויסען „חריף“.

דאָס איז געווען איין אָרימען שניידערס אַ זוהן, אַ דאַר, בלאַס יונגעל מיט אַ שפּיציג נעזעל, מיט שפּיציגע שוואַרצע אויגלעך, וועלכער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַ בר-מצוה-בחור'ל אין מרחקים, אין די גרויסע בעריהמטע ישיבות, און פון דאָרטען האָט פערקלונגען זיין נאָמען ווייט אַרום און אַרום. מען האָט דערצעהלט אויף איהם, אַז דאָס וואַקסט אַ מאור הגולה, וואָס מיט זיין חריפות וועט ער איבערשטייגען די שאַרפסטע מוחות פון אַלע דורות; מען האָט דערצעהלט וועגען איהם, אַז ער האָט אין זיך אַ וואונדערליכע קראַפט, וואָס צעמאַלט „בערג“ פון תלמוד און מאַכט זיי צו שטויב. ידיעות זענען אָנגעקומען, אַז אַ סך בעריהמטע יודישע קהילות האָבען שוין געשיקט צו איהם זייערע שליחים, ער זאָל קומען און ווערען רב ביי זיי.

מוראַוואַנקע האָט אויפגערודערט. מוראַוואַנקער בעלי-בתים זענען אומגעגאַנגען שטאַרק בעזאָרגט, וואָס זייער רב איז שוין אַלט, זיינע טעג זענען געצעהלטע און קיין קינדער האָט ער ניט אויף צו לאָזען נאָך זיך אין שטאָדט.

איז מען געקומען צו'ם אַלטען רב אין שטוב אַריין פרעגען איין עצה, צי איז אפשר אַ סברא, מען זאָל אַראָבבאַכטען אין שטאָדט דעם מוראַוואַנקער „חריף“, דעם שניידער'ס זוהן, ער זאָל איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר פערנעמען דעם שטוהל פון רבנות? וואָרום נור דער יונגער חריף איז דער איינציגער, וואָס וועט זיך מעגען זעצען אויפ'ן שטוהל פון די אַלטע מוראַוואַנקער גדולים.

דער אַלטער רב האָט אויסגעהערט די בעלי-בתים, אַראָבגעלאָזט דערביי די געדיכטע ברעמען און שוין מעהר זיי גישט אויפגעהויבען. ער האָט זיי נאָר געענטפערט איין וואָרט:

— נו...

האָט מוראַוואַנקע אַוועקגעשיקט אַ שליח צו דעם יונגען חריף פאַרלעגען איהם דאָס רבנות; עס האָט גישט געגומען קיין סך און אין שטאָדט האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער חריף קומט אָן!

אַז די בעלי־בתים האָבען געדאַרפט אַרויסגעהן אויסער דער שטאָדט מקבל פנים זיין דעם יונגען גדול, האָט זיך דער אַלטער רב אָנגעבאָטען, אַז ער וויל אויך געהן מיט זיי. האָט מען מיטגענומען אַ שטוהל פאַר איהם.

צוזאַמענגעטראָפען האָט מען זיך ביי'ם וואַלד, אויסער דער שטאָדט, דאָרט וואו אַ גאַנצע וואָך טרייבען יודען סמאָלע און ציהען דערפון זייער שטיקעל חיונה. שוואַרצע פערהאָרעוועטע יודען האָבען יעדע מינוט געוואָרפען זייער אַרבייט און פערשעמט אַרויסגעקוקט פון צווישען די בוימער, צי פאָהרט שוין ניט די „בויד“...

דאָס איז געווען פרייטאָג, אַ העלער ליכטיגער הערבסט־טאָג. פון אַ גרויסען וואָלקען שטויב איז זי אַרויסגעפאָהרען — די „בויד“, אין וועלכער עס איז געזעסען דער בערימטער חריף. מע האָט גענומען שטעקען „שלום־עליכם“ פון אַלע זייטען, דער אַלטער טאַטע דער שניידער האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ בוים און פאַר פרייד געיאָמערט הויך אויף אַ קול.

נאָר דאָ האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער אַלטער רב און האָט גוזר געווען, אַז ער וועט ניט אַריינלאָזען דעם חריף אין שטאָדט אַריין, וואו ער וועט ניט אויסהערען פון איהם אַ שטיקעל תורה.

דער יונגער חריף איז בעשטאַנען אויף דעם תנאי. עס האָבען זיך אויסגעשטעלט יודען, ווייבער און קליינע קינדער. אַלע אויגען האָבען זיך געווענדעט צו'ם שניידער'ס יונגען זוהן, אַלע הערצער האָבען האַסטיג געקלאַפּט.

געזאָגט די תורה האָט דער חריף, שטעהענדיג אין בויד. צו'ם אָנהויב האָט ער אַרויסגעקוקט מאָדנע צעטומעלט. די שפּיציגע שוואַרצע אויגלעך האָבען דערשראָקען אומגעבלאָנדזשעט איבער די קעפּ פון דער שטילשווייגענדיגער עדה יודען. באַלד אָבער איז דאָס גאַנצע געזיכט זיינס בעלויכטען געוואָרען מיט אַ שאַרפען שניידענדען געדאַנק. ער האָט גענומען זאָגען. דאָס איז ניט געווען קיין פשוט'ע ווערטער פון דער פשוט'ער היילינער תורה, וואָס אַלע לערנען זיי און אַלע פערשטעהען זיי. דאָס איז געווען — שנעלע פייעריגע בליצען, וואָס פליהען און שווינדלען איינע נאָך די אַנדערע, וואָס שניידען דורך אין איין סעקונדע אַ האַלבען הימעל און בעלויכטען איהם. דאָס איז געווען אַ געפּעכט פון הונדערטער בלויזע שאַרפע שווערדען, ביי וועלכען קיין ווערטער זענען נישט אָנגעגאַנגען, ביי וועלכען עס האָט גערעדט נאָר דער ריינער קלאַנג פון געשליפענעם שטאָהל...

דער אַלטער רב איז געזעסען אויפ'ן שטוהל, אָנגעשפּאַרט אויף זיין
אַלטען געשטופּעלטען „טשעטשאָטקענעם" שטעקען, און האָט זיך צו-
געהערט. ער האָט געהערט, נאָר בייזע געדאַנקען האָבען איהם געטומעלט
און טיעפע האַרטע קנייטשען האָבען זיך איינגעשניטען אין זיין שטערן.
ער האָט געזעהן פאַר זיך דאָס אויסגעווייקטע אויסגעדאַרטע בחורעל מיט די
שאַרפע שפּיציגע אויגלעך, מיט דעם שאַרף שפּיציג נעזעל, און דער
בייזער געדאַנק האָט איהם אונטערגעזאָגט: דאָס זענען נאָדלען, שניידערשע
נאָדלען... דער דינער דאַרער פינגער פון דעם יונגען חריף, וואָס האָט
געטייַטעלט געשווינד אין דער לופטען, האָט עפּיס אויסגעוויזען אויף פּונקט,
ווי אַ שניידער וואָלט אַיילענדיג געמאַכט מיט דער נאָדעל.

— „דו שטעכסט נאָך שאַרפער, ווי דיין טאַטע..." — אָט דאָס האָט
געוואָלט זאָגען דער אַלטער רב, בשעת דער חריף האָט געענדיגט זיין
דרשה. ער האָט עס אָבער נישט געזאָגט. דער גאַנצער עולם האָט מיט
פערהאַפטע אָטעמס געקוקט אויף זיינע געדיכטע אַראָבגעלאָזטע ברעמען,
נאָר די ברעמען האָבען זיך אַריהר נישט געטהאָן. אַנדערע האָבען מיט
וואונדער געטראַכט, אַז מחמת אַלטקייט איז ער אֶפשר גאָר אַנדרימעלט
געוואָרען.

פלוצים האָט מען דערהערט אין דער שטילקייט אַ מאָדנעם טרוקע-
נעם טרישטש און געזעהן האָט מען, ווי דער רב האָט זיך אַ צאַפּעל
געטהאָן אויף זיין שטוהל. אַז מע האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהם,
האָט מען אויסגעפונען, אַז דאָס האָט זיך אונטערגעבראָכען זיין גראָבער
געשטופּעלטער „טשעטשאָטקענער" שטעקען.

אַ בלייכער, אַ געבויגענער איז געשטאַנען דער אַלטער הויכער רב
צווישען זיין עדה, דערשראָקענע יודען. ער האָט פאַמעליך אַ מאַך געטהאָן
מיט דער האַנד צו דער שטאָדט צו און שטיל אַ זאָג געטהאָן צו'ם יונגען
חריף:

— נו, איצט קאָנסט דו געהן אַהין...

יענעם פרייטאָג־צו־נאַכט איז דער אַלטער רב געקומען אין בית־מדרש
אָהן דער ליוסטרינענער קאַפּאָטע, ווי אַיין אבל. יודען האָבען געזעהן,
ווי ער האָט צוגעפיהרט דעם יונגען רב צו'ם ווינקעל פון אָרון־קודש, אַוועק-
געזעצט איהם ביי'ם הויכען אַלטען שטענדער און געזאָגט איהם:

— אָט דאָ וועסט דו זיצען...

אַליין איז ער אַוועקגעגאַנגען און געזעצט זיך הינטער דער בימה,
צווישען די אורחים אויף שבת.

אַ רגע האָבען אַלע געשטוינט, אין דער צווייטער רגע איז דאָס בית־מדרש

פֿערהילכט געוואָרען פון אַ הויכער ילֿלה. עס האָבען געוויינט יונג און אַלט אויף אַ קול. דער יונגער רב איז געזעסען ווי אַ קינד הינטער דעם הויכען אַלטען שטענדער און האָט דאָרט געציטערט, ווי אין פיבער.

דער אַלטער רב האָט זיך אָבער אַוועקגעשטעלט מיט זיין גאַנצען הויכען וואוקס און האָט גוזר געווען:

— מע זאָל נישט וויינען...

ה.

דאָס איז געשעהן אַרום ימים־נוראים. מוראַוואַנקע געדענקט נאָך עד היום יענע טעג, אין די פאַר־נאַכטען, בשעת דער הימעל פלעגט ווערען רויט, ווי מיט פייער בעגאָסען. יודען פלעגען שטעהן פערטראַכטע, פער־יתומ־טע. מאַמעס פלעגען טוליען די קינדער אין זייערע פאַרטוכער.

יום־כפור צו נעילה האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז דער אַלטער רב איז אויסגעגאַנגען אין טלית און קיטעל.

נישט לאַנג האָט געלעבט נאָך איהם אויך דער יונגער חריף. ער איז געשטאָרבען ביי זיין טאַטען אין שניידער־שטיבעל, און זיין לויה איז געווען הושענא־רבה, אין אַ רעגענדיגען הערבסט־טאָג. אַלטע לייט האָבען דער־צעהלט, אַז דאָס איז ער געבעטען געוואָרען אין הימעל צו שטעלען זיך מיט׳ן אַלטען מוראַוואַנקער רב פאַר אַ דין־תורה.

אינהאלט:

1) מאַריאַשקע.
2) ניטגוטע.
3) אונגערקעס.
4) פײַװוקעס יום־הדין.
5) בײַ די קראַנקע.
6) ודוי.
7) דער בריעף.
8) אין דער פרעמד.
9) דער גרינער.
10) אָהן לשון.
11) שמיץ.
12) משאל.
13) דער מושלם.
14) מפטיר.
15) דער כה פון פאַנטאַזיע.
16) דער לעצטער.